STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06130

BAM SHAYTER FUN YORN

Isak Borisov

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



איסאַק באָריסאָוו

באַם שײַטער פֿון יאָרן

לידער

פאַרלאַג
„סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע. 1974

דער דיכטער איסאַק באָריסאָוו (איטשע באָרוכאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין 1923 אינעם ווײַסרוסישן שטעטל האָראָדיעץ. זײַנע ערשטע לידער האָבן זיך באַוויזן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן און האָבן גלײַך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די ליטעראַטור־קריטיקער און די לייענער.

אינעם בוך אויסדערוויילטע ווערק — „באַם שײַטער פון יאָרן" זײַנען אײַנגעשלאָסן די וויכטיקסטע לידער פון די ביכער „אין א גוטער שאָ", „עס זײַנען פאַראַן ווערטער", „דרײַ הונדערט דערקלערונגען אין ליבע", „דער עכאָ פון שטילקײַט". די דאָזיקע זאַמלונג איז א מין לירישער טאָגבוך פון אונדזערן א מיטצײַטלער, פון א מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון מילכאָמע.

די לידער וועגן קריג, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט ווייַ און מוט, רופן זיך איבער מיט די צאַרטע געזאַנגען וועגן ליבע צום היימלאַנד, צו דער נאַטור און פרוי, מיט רײַפע באַטראַכטונגען וועגן דעם כּיוון פונעם קינסטלער פאַרן פאָלק און פאַר דער צײַט. אין דער זאַמלונג איז אויך אײַנגעשלאָסן דער לעצטער ציקל לידער „איין שפּעטער הארבסט", וואָס דער אווטאָר האָט אָנגעשריבן קורץ פאַר זײַן טויט (אין 1972 יאָר).

© Издательство «Советский писатель», 1974 г.

* * *

אָ, מענטשהײַט, כ׳האָב דיך ליב פארטרויט און שטום,
מיט ליבע פון א יאָסעם און א וואָגלער.
מײַן בלוט פארפלעקט האָט הייסן זאמד בא וואָלגע,
דאָס איז פון ווײַסלע — אין א צײַט ארום.

איך ווייס גענוי: עס וועט מיר קלעקן מוט
ארויס אנטקעגן נײַעם בליץ פון פײַער...
מענטשהײַט, כ׳האָב דיך ליב!
דו ביסט מיר טײַער,
נאָך טײַערער פון אייגן לײַב און בלוט!

איז נעם מיך אָן אזא, ווי איך בין איצט:
מיט גראָוון קאָפּ, מיט לידער מײַנע יונגע,
מיט אָטעם־בראנד אין שאָטן פון די לונגען,
מיט הארץ, וואָס — ווי אמאָל — איז אומבאשיצט

1965

אין א גוטער שאָ



באנאכט

אין נאכט אָן שטערן און אָן פײַער,
ווען ס׳זעט דער טויט ניט, ווער דער יינגסטער איז,
דו ווערסט מיר הונדערט מאָל מער טײַער
און נאָענט, ווי א שפּיז צו שפּיז.

און ווי דאָס שײַטערל, וואָס גליט צופוסנס,
און ווי די בּלייכע צייכנס פון קאיאָר.
ווען דו וואָלסט קענען שיקן מיר א גרוס איצט,
א לינדן ווינט פון דײַנע האָר,

א טראָפּן ווארעמקײַט פון דײַנע הענט,
איך וואָלט איצט אײַנגעשלאָפן יונג און מיד
און ס׳וואָלט א גאָלד׳נער כאָלעם מיך געהיט
אף גרינעם אויסגעריבענעם ברעזענט.

1947

אָנהייב אטאקע

װען ס׳האָט געפּלאַצט די שטילקײַט, ווי אין פראָסט
די ערשטע בלויע טעלערלעך פון אײַז,
האָט א ראקעטע זיך געטאָן א ווײַז,
ווי אין דער האנט א גלי׳ענדיקער קאָס.

און פון די טיפע שוצגראָבנס אין שניי,
ווו אויסגעווארעמט האָט מען זיך א נעסט
און בא דעם טויט געגאַנוועט א מעסלעס, —
האָט אופגעהויבן זיך א שווארצע ריי.

א פײַער האָט געפרעסן שטיקער נאכט
און אש געשאָטן אפן וויסטן וועג,
וואָס קיינער האָט פון לענג זײַנער געפרעגט, —
דאָס לעבן אזוי קורץ האָט זיך געדאכט.

נאָר ס׳איז דאָס פעלד פאר אונדזער אָטעם־צוג
געוועזן ברייט. פון קאלטן ווינט, פון שווייס,
פון אייגן בלוט איז אונדז געוואָרן הייס,
און, דאכט זיך, איין פאָר הענט איז ניט גענוג.

און ליכטיק איז געוואָרן מיטאמאָל
אין שײַן פון שפּיז,
און הילכיקער דאָס קאָל,
און מיר זײַנען אדורך דעם טאָל.

1947

ווען יוגנט גייט אין שלאכט

ווען יוגנט גייט אין שלאכט — דאַן ווערן עלטער מאַמעס,
ווען יוגנט קומט פון שלאכט — ווערט יוגנט אַלט.
איך האָב עס מיטן אייגן לײַב פאַרשטאַנען,
ווען אויך באַם פײַער איז געווען אים קאַלט.

אין סקירדעס היי איז שוין פאַרשאַרט דער זומער,
און דיקע מײַז זיך נעסטיקן אין ווארעמס,
און מיר זײַנען אין האַרבסט אַרײַנגעקומען,
געגראָבן זיך אין ערד מיט פינגער דאַרע,

די גראָבע וואָרצלען מיט די ציין געריסן —
עס זאָל דער אַקסל טיפער זיך פאַרקלײַבן.
ס׳פלעגט בלײַבן שטיין אין האַלדז דער ביסן,
ווען קעסלען פלעגן איבעריקע בלײַבן.

און ס׳האָט דער דאַן געאָטעמט הינטער פּלייצעס —
ער האָט פון דעק זײַנעם געוואָלט אַוועקגיין,
צו ווײַסע קאַלך־גריבער, צו שטילע ווייצן
געריסן זיך נאָך אונדז פון זײַנע ברעגן.

און מיר האָבן באַ וואונדן זיך געשוואָרן:
פאַרפלאַנצן זיך אָט דאָ, ווי שטײַפע לאָזעס.
אין רוסלאַנד האָבן מאַמעס אונדז געבאָרן,
אוקרײַנער ערד מיר זאָלן ניט פאַרלאָזן.

1947

מיר זײַנען געגאַנגען

מיר האָבן דאָס לעבן צעטיילט אף פּריוואַלן.
ס׳איז קיִעוו געפאַלן, און כאַרקאָוו געפאַלן.

אין סקירדעס, ווו רעגן פאַרבלײַבט אף מעסלעסן,
מיר האָבן אלץ נײַע אדרעסן פאַרגעסן.

דער האַרבסט האָט די וועגן פאַרשוועַנקט אין די גריבער —
מיר זײַנען די ליימיקע גריבער אַריבער.

און ווידער געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען,
און אונטער די פיס איז דער גרונט זיך צעגאַנגען.

דער שלאָף האָט געיאָגט זיך נאָך אונדז, ווי א רײַטער,
און האָט אונדז אין פינצטערע ראָוון געשלײַדערט.

און ס׳האָבן זיך לײַבער אין לײַבער געשניטן,
און פערד פלעגן בלײַבן פאַרכאַלעשט אינמיטן.

מיר זײַנען געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען,
און, יונגע, מיר וואָלטן אין עלטער פאַרגאַנגען,

ווען ניט אָט די קאַרגע, די קורצע פּריוואַלן.
און שטיין בלײַבן — וואָלט שוין געהייסן פאַרפאַלן.

דורך דערפלעך און שטעטלעך — פאַרוואַרלאָזט,
פאַריאָסעמט —
געגאַנגען, און ס׳האָט אלץ דער רעגן געגאָסן.

ס׳איז קיִעוו אין אומגליק, ס׳איז כארקאָוו אין נידער,
נאָר ס׳האָט אינעם הארצן דער גלויבן געגליט דאָרט:

מיר וועלן נאָך ווידער זיך קערן, אוקראַינע,
דורך ליכטיקן רעגן צו ראכוועסן דײַנע.

1947

רידנא אוקראיִנא

רידנא אוקראיִנא!
רידנא אוקראיִנא!
כ׳קען דיך,
ווי א וואסערל,
אין יעדער טיף געפינען;
כ׳קען דיך
נאָך מײַן בענקעניש
אף אויסנווייניק ליבן;
ווארעמסט מיך מיט פויגל־נעסטן
אין א טאָג א טריבן;
ס׳איז נאָך אין מײַן לונגען־לאנד
דײַן ווינטעלע פארבליבן.

רידנא אוקראיִנא!
רידנא אוקראיִנא!
כ׳האָב דיר אין א שווערן זומער
אָנגעהויבן דינען;
כ׳האָב זיך,
ווי א שארפע ראָד,
פארקריצט אף דײַנע וועגן;
מיט ווײ מײַנעם
אין ווײ דײַנעם —
ווי א קינד —
געלעגן;

און, גייענדיק צום פײַער־ראנד,
געוואקסן אין דײַן רעגן.
רידנא אוקראַינאַ!
רידנא אוקראַינאַ!
כ׳האָב געזען מײַן ברויט מײַן שווארצס
אף דײַנע פעלדער גרינען;
כ׳בין צוקאָפּנס בא דײַן גרינס
געשטאנען ווי א היטער;
און ליב איז מיר געווען די גאָב:
אין שטארקסטן פון געוויטער,
ווען ס׳איז דאָס הארץ דאָס אייגענע
א שפּליטער א צעגליטער,
אין שמעקנדיקער ערדן־טיף
דורך וונדן אויסצורינען,
רידנא אוקראַינאַ!
רידנא אוקראַינאַ!

1947

פארבײַגייענדיק

זאָג מיר, באַלעבאָסטע,
כ׳זאָל באַם הויז ניט שטיין,
וועלכע אויגן האָסטו —
גוטע אָדער ניין?

ס׳איז דײַן לאָד א שווערע,
און די טיר פארמאכט,
ווילסט מיסטאָם ניט הערן,
ווען מע קלאַפּט בײַנאַכט?

איך בין גאָרניט אויסן —
איין זאַך ווילט זיך מיר:
אַט דעם הארבסט־אינדרויסן
לאָזן הינטער טיר,

וועל איך ווערן יינגער
ווי פון אַלטן ווײַן,
און דעם ראַנעץ גרינגער
טראָגן וועט מיר זײַן.

כ׳בין א רויטארמייער,
און איך גיי פארבײַ,
בעט איך בא דיר זייער:
הײַנט א מאַמע זײַ.

1947

מיר וועלן זיך קערן

ניט נאָכן אויסשיט פון שטערן־באַוויַזערס —
מיט פינגער מיר פלעגן די וועגן דערטאַפּן,
מיר פלעגן די קניִעס אין פּניאָקעס צעקלאַפּן,
אַזוי ווי די קריִעס אין בריקן, ווען איַיז גייט.

אָ ווינטן, דערציילט ניט מײַן אַלטינקער מאַמען,
ניט טרײַבט אָן קיין וואָלקנדלעך איבער מײַן נאַכעס,
ניט איַילט זיך פאַרשטעלן די וועגן לעהאַכעס
פאַר די, וועלכע ווילן צום שלאַכט ניט פאַרזאַמען.

אָ טויען, אָ פּיצעלעך פרישער פרימאָרגן,
ניט מישט זיך מיט אונדזערע מאַנצבלשע טרערן —
פון זיי וועלן אויסשפּריצן הונדערטער שטערן,
און אויסלעשן וועלן זיי טויזנטער זאָרגן.

ווער זאָגט עס, אַז אויסגעווייט איז אונדזער גוורע?
איר פרעגט אַף די וועגן בא שטיינער און גראָזן:
מיר האָבן דאָס בלוט פאַר א מאַשקן געלאָזן,
מיר זאָלן זיך קערן אַף אונדזערע שפּורן.

1947

אפן שנייזקן פעלד

1

ער פאטשט אין די ליפּן, דער שניי, און ער ווארגט,
ער וויל, איך זאָל ווערן א שנייזקער בארג.

וואָס ווייסן די גרײַפּעלעך שניי אינעם ווינט,
אז כוץ א סאָלדאַט כ'בין א מאמעס א קינד.

פארקראָכן דער בלײַ ביז אין בלוט ארײַן טיף —
און ס'האָט זיך דאָס בלוט אפן ראנעץ געטריפט,

אָט באלד — און ס'צערינען זיך יינגלשע יאָר.
מיר דאכט, אז דאָס קאָל איז ניט מײַנס שוין און גאָר.

אז ערגעץ א צווייטער, וואָס לעבט און וואָס זעט,
רופט מיטן אָטעם־צוג א לאזארעט,

ווו ווארעמע שויבן פארהאלטן דעם שניי,
דעם רוקן באהאלטן מע קען דאָרט פון ווײ.

פון ברוסט ביז דער פּלייצע — א שטיקעלע בינט
ניט לאָזן וועט דורכגיין דעם שטעכיקן ווינט.

דורך גאנצענעם לעבן אדורך איז די קויל,
דאָס קאָל פונעם גאָרגל דערגייט ניט צום מויל.

כאווײרים, צי הערט איר דאָס לעצטע געשרײ?
מיר דאַכט: סע פאַרשיט עס, ס׳פאַרלעשט עס אַ שניי.

כאווײרים, אין טויט צי אין כאָלעם איך זע,
ווי ס׳רוקט אף מיר אָן זיך דער לאַזאַרעט,

פון אַלע פיר זײַטן, פון הייכן, פון גרונטן,
אַ שוואַרצער פון אויבן, אַ ווײַסער פון אונטן.

2

מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז ניט הי איז מײַן לײַב —
אַ פײַנט וויל עס טייטן, אַ פרײַנט וויל עס ראַטן,
דער וויכער פאַרמעקט עס, די פּוסטקײַט צעטרעט עס,
און איך בין דער וויטעק, וואָס לעבעדיק בלײַבט.

מיר דוכט, אַז איך בין ביזן האַלדז נאָך אין שניי,
ביז איבערן מויל אינעם קאָלנער פאַרגראָבן,
און ס׳גראַבלט די הויט מיר אַ ראָב פון די ראָבן,
וואָס שטייען פון רעכטס און פון לינקס אין אַ ריי.

אף שרעקן די פויגלען, ווו נעמט מען אַ שרעק?
אַ קאָל אין די לונגען וויל ווערן געבאָרן,
און אָט איז אַ שליטן אין פאָנעם פאַרפאָרן,
און ס׳זײַנען די פויגלען דערשראָקן אוועק.

און כ׳ווייס ניט, דער וווּנדער געשען איז ווען —
פון שניי איז געוואָרן אַ לײַלעך אַ קלאָרער,
דער קאָפּ — ביז דעם נאַקעט פון שאַרבן געשאָרן,
און ס׳ציטערט מײַן קאָל באַ די וואַרעמע ווענט.

דאן האָב איך דעם ווייטעק צום ערשטן דערקענט,
ווי ס׳וואָלט זיך א וווּנד אין א צווייטער פארקליבן;
און אויב איך בין דעמאָלט אין שניי ניט פארבליבן —
איך פיל ביז אצינד נאָך א קעלט אין די הענט.

1947

א נאַכט באַם דניעפּער

מיר זײַנען זאַלבעדריט געווען,
און שטאַרבן זאַלבעדריט
מיר האָבן יענע נאַכט געקענט
אָט דאָרט, אין דניעפּער־מיט.

מיר זײַנען זאַלבעדריט געווען,
געהאַט געליבטע
— דרײַ
וואָס האָבן זיך פון האַרץ געשעמט
אַרויסגיין אַף דער פרײַ.

און דאָך מיר האָבן איצט געוואַכט
ווי זאַלבעזעקסט די נאַכט.
באַ ווערמענס טרוים,
האָב איך געטראַכט,
ווער אויסברעכן די שלאַכט?

די נאַכט געווען איז שטאָק־געדיכט,
און שוואַרץ דער וואַסער־וועג,
וואָס האָט, ניט ווייסנדיק,
מיט זיך
באַשיצט דעם סוינעס ברעג.

אַמאָל האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט
אַדורך דאָס גאַנצע לאַנד:

געטרוימט האָב איך דערגיין צופוס
צום ווײַטסטן, שענסטן ראנד.

און איצטער, אין דער שווערער שאָ,
איך ריר אָן מיט דער האנט
דעם גליטשיקן פּאָנטאָן.
אָט דאָ
זיך ענדיקט הײַנט מײַן לאנד?

ווען כ׳וואָלט מײַן לעבן־לענג געקענט
צעשפּרייטן אין דער ברייט —
ביז צווייטן ברעג,
כ׳וואָלט זיך געווענדט:
„כאוויירים מײַנע, גייט!‟

— — — — — — — — — — — — — —

האָסט וועגן מיר דאן ניט געטראַכט,
נאָר
ביזן מויל אין טויט
סאַפּיאָרן דרײַ האָבן באַנאַכט
צו דיר א בריק געבויט.

1943

צוואַנציק יאָר

אהינטער וואנט — א ווינטער־לאנד,
א טיפער פראָסט, און ס׳דוכט:
דאָס לעבן דארף זײַן צוויי מאָל לאנג,
קעדיי דעם פראָסט אדורך.

אהינטער וואנט — איז שניי ביז קני,
און נעפל — ביזן האלדז,
אהינטער וואנט — איז ווי ניט הי,
ס׳איז עפּעס הימלש אלץ.

אהינטער וואנט — א וועכטער שפּאנט,
און ס׳ברענט אין זײַנע האָר
א ווײַסער פלאם, א ווינטער־בראנד,
און מיר ווערט צוואנציק יאָר.

צו אכצן יאָר בין איך אוועק
אין פײַער און אין פראָסט —
מיט זיך דעם פּײַנט פארצוימט דעם וועג,
צו פרײַנט ניט צוגעלאָזט.

דו, וועכטער, לאָז אהער ניט צו
דעם ווינט,
דעם פראָסט פארהאלט,
און שענק מיר איצט א נאכט פון רו,
איך זאָל ניט ווערן אלט.

א ווינטער־אָוונט הינטער וואנט,
און שניי איז ביז די קני.
איך ווייס:
די צוואנציק יאָר
מײַן לאנד
וועט דארפן אינדערפרי.

1947

אכט מעסלעס

מיר זיצן אין וואלד שוין דעם אכטן מעסלעס.
אין מארט האָט זיך פּלוצעם דער ווינטער צערעדט,
אזוי ווי א בייזע אלמאָנע אין געסט,
דער ווינט האָט די וואָלקנס געשמיסן ווי גרעט.

טראנשייען פארצאמט האָבן דעם האָריזאָנט,
דער מילך־וועג געוועזן איז דער איינציקער וועג.
עס האָט א פּראָזשעקטאָר געוועקט און געמאָנט,
דעם הימל מיט העלקייט מיט שארפער געזעגט.

דער שאָפער געבראכט האָט פון אעראָדראָם
א ביסל בענזין און דעם אויוון געהייצט,
און פון דער שטילקייט אין טעלעפאָן
דער ראדיסט איז געוואָרן טויב און צערייצט.

מיר האָבן גערופן דעם ווייטן שטאב,
מיר האָבן געבעטן סנאריאדן און ברויט,
צוויי גראנאטעס צו אופרייסן דעם אפּאראט —
עס האָט מיר בעסאָד דער פאָלקאָווניק פארטרויט.

אַכט נעכט האָט דער שלאָף דאָ געמיטן דעם פאָלק,
פון לעבן צו כאָלעמען האָט זיך געגלוסט.
ביזוואנען וועט שטומען אין לופט אונדזער קאָל?
פונוואנען וועט קומען די הילף — ניט געוווסט.

נאָר לעבן, ווײַזט אויס, איז געווען אונדז באַשערט.
דער טויט איז געוואָרן שוין אויס באַלעבאָס —
דורך צוויי־הונדערט־וויאָרסטיקער טיפֿקײַט פֿון פֿראָסט
מע האָט זי, די שטים פֿון מײַן ראַציע, דערהערט.

ביז סאַמע פּראָסקוראָוו אַ שנייען־זאַווײַ,
ווי אַ קינד, האָט געבעטן זיך אונטערן פּעלץ;
אין אַ וואַרעמער שטוב, בײַ אַ קעסעלע טיי,
אויף די בערד האָבן ליכטעלעך אײַז זיך געשמעלצט.

1947

אומשטערבלעכקייט

אין הארבסטיקן טשערקאסער וואלד,
ווו בלעטערפאל און ביימערפאל,

ווו ס׳פאלט א מענטש נאָך יעדן שאָס,
פאלט זעלטן אויס א שטילע שאָ,

ווען אויג־אַף־אויג און לייב אין לייב
מיט דער אומשטערבלעכקייט פארבלייבט.

אַף טויזנטיאָריקייט פון טאָרף
דו ליגסט און הערסט, ווי ס׳טוט א שאָרך

א נייער וואָרצל אונטער דיר —
דאָס האָט דיין הארץ אים אָנגערירט.

און טויען זיינען נאָך געדיכט,
אין יעדן טראָפּן זעסטו זיך,

און צווישן ווארעמקייט פון מויל
און קאלטן ווינט גייט דורך א קויל

ניט טייטן —
פּאָשעט אַף דער פריי
זיין ווידער בלויז א קייקל בליי.

עס זאָל א מענטש אין ווײַטסטער ווײַט
ניט וויסן, אז ס׳האָט טויט באטײַט.

אָט גייט ארויס א פראָש געוואגט
און טוט א לעבעדיקן קוואק,

און מאכט אן אָרט זיך מיט א בלאָז,
און קילט דאָס בײַכל אינעם גראָז.

און ס׳איז דעם שוואכן גראָז ניט שווער —
עס ווערט נאָך נע׳נטער צו דער ערד.

אין הארבסטיקן טשערקאסער וואלד,
ווו בלעטערפאל און ביימערפאל,

ניט ווארט אף יענער שאָ, סאָלדאט,
זי קומט דורך רער פון אווטאָמאט.

דו שיק דעם טויט אין הארץ פון פײַנט —
און וועסט אומשטערבלעך ווערן הײַנט.

1947

מיר האָבן געשוואָרן

מיר האָבן געשוואָרן
בא אָפענע קוואָרים,
ווּ ס'האָבן אין אנגסטלעכן ווײ זיך פארפלאָנטערט
די קינדערשע קעפּלעך — די שווארצע, די בלאָנדע,
די פּיסלעך, וואָס האָבן נאָך ווייניק געטראָטן,
בא לײַבער צעהאנגען אף שטעכיקע דראָטן.

מיר האָבן געשוואָרן
בא צאָפן און דאָרעם,
בא מײַרעוו, אין העלישער סרייפע צעברענטן,
בא מיזרעך, וואָס האָט זיך צו מײַרעוו דערנע'נטערט,
בא פויגלען, אינמיטן פון פלי'ען פארברענטע,
באם אייגענעם פּײַן און בא טרערן פון פרעמדע.

מיר האָבן געשוואָרן,
זאָל זײַן אונדזער מישפּעט גערעכט ווי דער צאָרן
אף הונדערטער יאָרן,
אף טויזנטער יאָרן.

1947

דער בעכער איז פֿול ווי אַן אויג

דער בעכער איז פֿול ווי אַן אויג,
און דאָס אויג קען שוין פֿולער ניט ווערן.
אין בעכער, פֿאַרהויבענעם הויך,
איך ווייס ניט, צי ווײַן איז צי טרערן.

כ׳זאָל טרינקען פֿאַר דײַן געזונט,
פֿאַר דײַנע פֿאַרכאַלעשטע ליפּן?
ס׳איז פֿינצטער געוואָרן די זון,
נאָר דו ביסט מיר ליכטיק געבליבן.

כ׳זאָל טרינקען פֿאַר אונדזערע פֿרײַנט?
פֿאַר זאַנגען, וואָס וואַקסן געראָטן?
איך טרינק פֿאַרן פֿאַסיקל שײַן,
וואָס פֿאַלט בײַ דײַן שמאָלינקן שאָטן.

און דו, ווי אַ בלעטל אין האַרבסט,
דו ליגסט אויף די קויטיקע גראָזן.
די קויל אין דײַן טײַערן האַרץ —
זי האָט מײַן ראַכמאָנעס צעשאָסן.

ס׳וועט אופֿגיין די ליכטיקע זון
דורכן האַרץ, דורך די פֿעלדער מיט קאָרן,
ס׳וועט באַצאָלן דער פֿײַנט פֿאַר דעם זון,
וואָס דו האָסט געדאַרפֿט ערשט געבאָרן.

1947

דעם פרײַנט פֿון געטאָ

מײַן פרײַנט, דערמאָן זיך,
און אויב מע דארף — פארמאך די אויגן,
און ווידער בלאס און אופגערודערט ווער,
ווי דעמאָלט, ווען דו האָסט אראָפּגעצויגן
פון זיך דײַן שאנד־קלייד, קומענדיק אהער.

דו האָסט דערציילט: דאָס גראָז אין פעלד
ביז סאמע וואָרצל איז געווען פארוויסט;
וואָלסט דורך, ווי א געשריי, די גאָרע וועלט,
נאָר דראָט פארצאמט האָט דײַנע פיס.

אין צימערל, וואָס ענג איז פאר א הוסט,
וו וועגט האָבן פאר שפיגל־שײַן געשעמט זיך
מיט מוטערס ווײַס־אנטבלויזטער ברוסט,
מע האָט דײַן שוועסטערקע געשענדעט.

א דײַטש דײַן פאָטער האָט דערשטיקט,
מיט שווערע שיך באטראָטן זײַנע ברעמען,
און ניט געוועזן, ווער עס זאָל זײַן קרעכץ פארנעמען.
נאָר מיך זײַן ווײַ אין פײַער האָט געשיקט.

און גרינג איז אונטער מיר געווען די ערד,
כ׳האָב ווייניק נאכט געהאט, און שווערן טאָג — א סאך,
ס׳איז יאָרנלאנג געווען באשערט,
דער הימל זאָל מיר זײַן א דאך.

און לאנג אין הארצן בריִען וועט דער האס,
און ס׳וועט די פרײַנטשאפט דינען אונדז געטרײַ.
ווען ס׳ווײנט א זעלנער, ווײנט מען ניט דערבײַ —
דאן פלאצן שטײנער אף דער גאס.

1947

צוריק אהיים

1

און אויב עס וועט די זון פארגיין —
בא ווינט און שטערן וועל איך פרעגן:
פון וועלכן שטיין צו ליבער היים
צעגייען זיך די גרינע וועגן?
די פיס צעשלאָגן כ׳וועל ביז בלוט,
און, טויב פון דונערס, כ׳וואָלט פארנומען,
ווי ס׳זאָגט די ערד: „מײַן זון, ווי גוט,
וואָס ביסט אהיים צוריק געקומען״.

2

עס ברענט אין פעלד דער רויטער מאָן,
און מיט דער זון זיך שפילן בינען.
איך שטיי.
א וואָלקן שעפּט מיר אָן
א פולן בעכער מיט באגינען.

איך בין געקומען צו דײַן שוועל
נאָך הונדערטיאָריקע מעסלעסן.
מײַן יוגנט־היים, מײַן כאָלעם־וועלט,
איך גלייב, דו האָסט מיך ניט פארגעסן.

1947

די מאמע זאָגט

דו האָסט געזען אין קוזניע ווען,
ווי ס'קנעטן אײַזן צוויי פּאָר הענט?
דאָס העמערל באַווײַזט ווהין,
דאָס אײַזן — ווו איז ווייך און דין.

דערנאָך — אין פונקען אײַנגעפּאסט —
דער גרויסער האמער פאלט מיט האסט.
אָט פונקט אזוי פון טאָג צו טאָג
א קליינע זאָרג אין הארצן נאָגט,

און נאָכדעם פלוצעם טוט א שלאָג
די שווערע פלאָג מיט גאָר איר וואָג.

1947

און ס׳ענטפערט דער זון

אין טאָג, ווען ס׳וועט א שאל טאָן דער טרומייט
און ס׳וועט דער הימל נידעריקער ווערן,
ניט פרעג מיך, מאמע, דאָן, וווהין מע גייט,
און זאָל דײַן אויג ניט טרייסטן זיך מיט טרערן.

דעם זון דײַנעם וועט זײַן ניט שווער פארשטיין,
ווי שווער איז זײַן א מאמע פון א זעלנער.
אויך ווען צום ראנד פון לעבן כ׳וועל דערגיין,
פארבלײַבן וועל איך אומעטום דער זעלבער.

מײַן שטײַפער טראָט וועט גיין מיט דײַנעם גלײַך
דורך אלע אומגליקן, דורך טויזנט טויטן.
מײַן פערד באזוכן וועט דײַן שטילן טײַך
און וועט דאָס קלאָרע וואסער ניט צעבויטען.

עס וועט זיך אָנטרינקען ווי נאָך א שלאכט,
מיך ווארטנדיק, זיך פיטערן באם פלאנקען.
איך וועל אין שטוב ארײַן — ניט טאָג, ניט נאכט —
פון פולן הארצן דיך פאר אלץ באדאנקען.

דערפאר, ווען ס׳וועט א שאל טאָן דער טרומייט
און ס׳וועט דער הימל נידעריקער ווערן,
דו בעסער זאָג: נו, גיי געזונטערהייט,
און אין א גוטער שאָ דו זאָלסט זיך קערן.

1947

דאָס פערד

עס האָט דאָס פערד אין פעלד זיך אָפּגעשטעלט.
ווער ווייסט, פאר וואָס א פערד קאָן האָבן מוירע?
עס האָט אים עפשער אָפּגעשטעלט די קעלט,
וואָס ווערט אין ווײַטן שטערן־לאנד געבוירן?

און עפשער האָט עס זיך דערמאָנט אין גרינס —
אין בלויען שניי א הייעלע געפונען,
און ס'האָט זיך אים א כאָלעם אויסגעשפּינט
פון פויגל־נעסט אין שטאל,
פון עמער איבער ברונעם...

איך בין געזעסן אינעם זאָטל שטיל —
דאָס פערד פארגעסן זאָל אין שאַרפע שפּאָרן;
האָט עס פארשטאנען, מיך געהוידעט מילד
א גאנצע נאכט
און מידער ניט געוואָרן.

1943

דיכטונג

כ׳האָב געוואָלט דעם ווינט א פונק פאַרטרויען,
איז אוועק מיט פײַער טיר און טויער.

כ׳האָב געוואָלט א סאָד דעם וואסער זאָגן,
האָבן וואסער־מילן אים צעטראָגן.

כ׳האָב געוואָלט, פאר זיך דאָס הארץ זאָל לעבן,
האָט זיך עס פארליבט, זיך אָפּגעגעבן.

שרײַ איך צו דער וועלט: דו טוסט ניט ריכטיק!
ענטפערט מיר די וועלט: אָט דאָס איז דיכטונג.

1946

* * *

ווּ ביסטו געווען, פּאָעזיע,
ווען מענטשהייט געווען איז נאָך שטום?
— אין שאָרך פון א וואכעדיק גרעזל,
אין וויג פון פארשלעפּערטער בלום...

ווּ ביסטו געווען, פּאָעזיע,
ווען מענטשהייט געווען איז נאָך בלינד?
— אין בליץ פון א טויזיקן בלעזל,
אין פינצטערן אָנלויף פון ווינט...

ווּ וועסט זיך אהינטאָן, פּאָעזיע,
ווען מענטש וועט פארלירן די שיין
און שטום ווערן, פונקט ווי געווען?
— איך וועל שוין ניט קאָנען מער זיין!

1956

* * *

כ׳האָב קיינמאָל ניט געוווּסט, וואָס רו באַטײַט, —
מײַן אַקסל איז געוווינט צו אונטערשפּאַרן
אַ וואַנט, אַ לאַנד, אַן אָפּגעפּליקטע צווײַג,
וואָס —
אויב ניט איך —
זי וואָלט געוויס פאַרדאַרן.

און איצטער גלוסט זיך, אַקוראַט פאַרקערט,
מיט מידער פּלייצע צו אַ שטאַם זיך קלעפּן,
כאָטש כ׳ווייס, אַז פון דער דרעמלענדיקער ערד
דער בוים אַ נײַעם אומרו וועט פאַרשעפּן...

1960

* * *

א פרי אזא.
אין הימלס וויסטע —
נאָר וואָלקנדיקע שקאָצערײַ,
און שטילקײַט ערדישע, פארמישטע
אף רויען דופט פון ערעוו־מײַ.

און ציטעריקע זונען־פלעקן
אף שווארצן שטאם — קוים אָנגעמערקט,
און לײַכטזין פונעם פויגלס פרעגן:
„וואָס איז פון דיר, יונגאטש, דער מער?..״
און איך — איך שפּאן אריבער טויען,
אריבער קאליוזשעס אין פעלד,
א גרייטער אָט דעם פרי פארטרויען,
זײַן קעלט און שײַן — מײַן שײַן און קעלט;

און ווערן, פונקט ווי ער, באשיידן —
אָן בליאסק, אָן פאלשן שעמעריר,
אין שאָ פון שאָדן — פאלן, איידער
א שאָטן פאלן וועט אף מיר...

1961

* * *

און וואָס דײַן לעבן איז?
א פלאטער
פון פליגל, וואָס פארשארט א זוים;
א טראָפּן טוי, וואָס הענגט פארמאטערט
אף גלאטער בלאט און האלט זיך קוים.
און ווייסט?
ס׳וואָלט קיינער ניט פארקריצן
דײַן גרייס,
ניט אויסמעסטן דײַן ווערט,
ווען ס׳טוט דער זוים, דאָס טויִקס פּיצל
ניט פאלן פלוצעם אף דער ערד...

1961

* * *

די וועלט — אין מאָרגן־קעלט — איז ווילד און יונג,
און ווינטן פלאַטערן אין פאַלד פון אירע קליידער!
כ'שטיי אויף, און ס'ליגט א בראָכע אף מײַן צונג:
איך בענטש דיך, טאָג,
דײַן שוידער און דײַן סיידער.

איך לויב דײַן ליכט־געשאַנק — פון ראַנד ביז ראַנד.
איך זינג פאַרטרויט דײַן הימלדיקן כעסעד:
מע קאָן אַמאָל פאַרזען דעם קוילערס האַנט,
ווען ניט דער בליץ פון זון
אף בלאַנקן מעסער...

1962

* * *

ס׳גייט אַלץ צו ענד — די נאַכט, דער מאָרגן,
דער אויסשפּרייט פּראָסטיקער פון טוי,
די אייביקייט, וואָס לאָזט זיך באָרגן,
גלייך ווי אַ שפּילצייג, פאַרן טויט.

און ליבע אויך אין זעלבן קאָן גייט...
און דאָך איך בעט:
— אָ, גאָט, ניט שטראָף
ניט מאַך מיך יינגער פון איר אָנהייב,
ניט מאַך מיך עלטער פון איר סאָף...

1962

* * *

דער ראש פון שטאָט — אַלץ ווײַטער, שטומער,
אין שטילקײַט ביימערשער איך זינק.
פאַרגיב מיר, וואַלד, מײַן גראָבע זינד
פון אָט דעם פּלוצעמדיקן קומען.

כ'כאַפּ איבער, זעסט, דעם אָטעם קוים...
איז לאָז דײַן סאָסנע מיך פאַרוויגן —
אָט די, וואָס ט'זיך אַליין געקרוינט,
ווײַל מ'האָט איר איינזאַמקײַט פאַרשוויגן.

1962

* * *

ניט שרעק זיך פארן פראָסט,
דער פראָסט איז פראָסט:
אף אײַך ער ווארפט זיך גלײַך, ניט פון אהינטער
ראָג.
וואָס קאָן זײַן ערלעכער פון ווינטער?!
אין פעלד די פוסטקײַט זעט זיך ווי פארגלאָזט,
און שניי זיך צינדט מיט גוטסקײַט פון א שײַטער,
און שטילקײַט קלינגט ווי גאָטס א גלאָק א ווײַטער...

איר גייט און גייט, און גלייביקער איר ווערט.
אזויפיל ריינע שפורן אף דער ערד!..

1963

* * *

כ׳דערמאָן דיך אַלץ אָפטער און שארפער —
א מין אפצולאָכעס אזא, —
כאָטש ס׳פּיקט מיר אין דימיען: „מע דארף ניט,
ביסט אַלץ נאָך מיט אומרו ניט זאט?״

„דו, שויטע בען פּיקהאָלץ, ביזוואנען
וועסט שפּאנען אף בליץ־שארף, פארגלויבט?..״
— ביזוואנען?
איך האָב ניט קיין אנונג —
ביז ווערן פון דונער פארטויבט...

1963

* * *

פארגעסנהײַט איז אויך א װוּנדער,
װאָס קײנער װײסט נאָך ניט זײַן װערט.
אָט איז א פײַנט דײַנער פארשװוּנדן,
א פרײַנט — פון דיר זיך אָפּגעקערט, —

און גאָרניט, זעט, זיך ניט געענדערט:
דער טאָג איז װײַס, די נאכט איז שװארץ...
נאָר עפּעס איז געװאָרן ענגער
די שטײַג פון ריפּן בא דײַן הארץ.

1963

טריפטיך

I

דו האָסט געזעץ, ווי ס׳פאלט א שטערן
פון איימעדיקער הייך אראָפּ?
זײַן פּלי צעגליטער, זײַן ניט ווערן —
איז ווי א שווערד איבער מײַן קאָפּ.

און ס׳ווילט זיך קלאפּן אין די לאָדן
פון טויבער דרעמלדיקער וועלט:
„שטיי אוף!
געשען עס איז א שאָדן,
שוין נאָך א טראָפּן ליכט אונדז פעלט!..״

1962

II

אזוינס מע דערזעט
ניט מיט אויגן — מיט טרערן —
אָן אָפּרײַס געהיימען פון איינעם א שטערן,
פון איינעם, א ריינעם, אין רוים קוים באצייכנט,
ווי קינדערשער אָדער אף שארבן אף ווייכן.

אזוינס נאָר מיט אָדערן קאָן מען דערהערן —
דעם איבערקלאנג שטילן פון שכיינישע שטערן,

וואָס קאָנען ניט ווערן ניט נע׳נטער, ניט ווײַטער —
מיט זיך דעם אנטרונענעם שטערן פארבײַטן...

1963

III

איך וועל דיר אויסזאָגן דעם עמעס
פון הויכן הימלשן פארטראכט,
ווען ער דעם הארצן ווײַזט א רעמעז —
רײַסט אָפּ א שטערנדל באנאכט.

און אָפּגעטיילט, פּונקט ווי א ציטער,
פון שווארצן וואָלקנדיקן פליין,
דער שטערן פאלט אן אָפּגעגליטער,
נאָר ניט קיין אָפּגעקילטער,
ניין!

1964

מײַן טאָכטער טאָמאָרן

איך גלייב: איר וועט אונדז ניט פארשעמען,
כאָטש אנדערש ט׳זײַן די וועלט געמאָלט,
און אנדערש קלינגען וועלן נעמען
פון קינדער —
גאָרניט ווי אמאָל.
די נאכט וועט, עפשער, זיך ניט שווארצן,
און טאָג — ניט ערדיש ט׳זײַן באצירט...
און דאָך וועט קלעמען אײַך באם הארצן
פאר אלץ, וואָס האָט מיט אונדז פאסירט.

1964

* * *

זיי ערלעך ביזן סאָף, זיי ערלעך —
ווי וואסער אין זיין ווילדן יאָג,
ווען ניט אין שטיין —
וואָס ווערט ניט ווייניקער געפערלעך,
אין זאמד זיך שלאָגט...
ווי קאָן א הארץ א צארטס זיך ווערן
מיט אָנגעלאָף פון בלוט?
עס מוז
דעם שטראָם אין אָדערן פארקערן —
אָדער צערייסן זיך אין ברוסט!..

1965

* * *

מעגלעך, דיר — מער קיינעם — נייטיק איז מײַן ליד —
מײַן געהיימער ווייטעק —
כ׳נעם דאָס אָן פאר ליב.

ניט דערפאר, ווײַל ביליק שאַץ איך דעם געזאַנג,
ניט דערפאר, וואָס אָפטמאָל דיר זײַן קלאַנג טוט באַנק.

כ׳ווייס פון וואָרט די גוורע, כ׳ווייס פון וואָרט דעם סאָד,
אין איעדער שורע —
מײַן אָנהייב און מײַן סאָף,

מײַן ליכטיקײַט, מײַן פינצטער, פון פרעמדע ניט פארשטעלט,
מײַן קראַפט, מײַן אומבאַשיצטקײַט אַקעגן גאָר דער וועלט.

נאָר אויב מײַן ליד אויך דו וועסט אופהערן פארשטיין, —
כ׳וועל זינגען עס אַ דאָרן, אין וועג — אַ וואַלגערשטיין.

אַזוי די זון, ווען מענטש וועט אויסלעבן זײַן צײַט, —
פאר מורעשקע פאר קלענסטער וועט שײַנען סײַוויסײַ.

1964

פאַרווונדערונג

* * *

נאָך אלץ די ריִע ניט געזעטיקט
מיט גאָרע וווּנדערס פון דער וועלט:
ס׳קומט איינער פרי,
און דער — פארשפעטיקט,
און יענער — זיך אנטפלעקט פארשטעלט.

אין די שווארצאפּלען מײַנע רונדע —
בלויז בליץ־געמיש פון זייער טרײַב.
איז יאָגט אײַך, טראָגט אײַך, דולע וווּנדערס,
נאָר דו, פארוווּנדערונג, פארבלײַב!

1965

* * *

פאַר אײַך פאַר אַלעמען אַן ענטפער כ׳האַלט:
פאַר פליגלען, ניט צעפּאַכטעטע אין ווינט,
פאַר יאָדלעס ניט באַזונטן הויזגעזינד —
אַרויס פון וואַלד און ניט געוואָרן וואַלד.

פאַר אַלעמען פאַר אײַך אַן ענטפער כ׳האַלט:
פאַר ערשטן שניי, וואָס אונטער שוך צערינט,
פאַר שפּינוועבס, וואָס האָט זיך ניט אויסגעשפּינט, —
פון אייגן ווינקל אָפּגעפּליקט מיט גוואַלד.

איך צאָל פאַר דעם — ניט שטראָפט מיך
פאַר די רייד! —
מיט אומרו מענטשישן,
וואָס שווער באַפאַלט
מײַן האַרץ, ווען כ׳זע, אַז גרינס איז ניט
באַשטראַלט,
אַז מיט דער לופט אַ פליגל איז צעשיידט...

1965

* * *

די נאכט, זי זאָגט דעם טאָג ניט אויס
די שוואַרצע אירע
שווערע
דײַגעס —
אַ גאַנצן שטערנדיקן קויש
מיט סוידעס לאָזט זי אים פאַרבײַגיין.

און ער, אין ליכטיקײַט פאַרפאַסט,
פון זיך אַליין פאַרבלענדט,
אַ דולער,
די כאַשכעס שנײַדט מיט זונען־פאַס...
יענער קויש, ער ווערט אַלץ פולער...

1965

* * *

דײַן שײַער מיט טוווע אווו איז, אווו איז? —
געפרעגט כ'האָב באם פעלד אינעם הארבסטיקן
הויל.
עס האָט ניט געענטפערט — צו וואָס אים
דער שמועס:
באם ווינט באם לײַדאק רײַסט א זענגל פון מויל.

דאָס פעלד טוט ניט מאָנען בא מענטשן זײַן שעפע,
נאָר זוימען א טוץ בעט עס שענקען צוריק.
אף זיי ווארט זײַן ווייכקײַט, ביז ווייטעק צעעפנט,
און בענקט, ווי עס בענקט נאָך אן אייפל די וויג...

1965

* * *

א שניי (אזא מין אומדערוואַרטער!)
קוים־קוים ביז צו דער ערד דערלאַנגט
מיט זײַנע שרויטעלעך ניט האַרטע...
אַ הימלס ערלעכער געשאַנק!
דו פֿאַלסט אויף בלעטער־צװײַג אויף גרינער,
אין פֿלי פֿאַרלירנדיק די װאָג:
דעם האַרבסט מיט גאָרנישט ניט פֿאַרמינערט,
און דאָך אים עפּעס אָנגעזאָגט...

איך האָב געמיינט, ער וועט פֿאַרמעקן
די שוואַרצע וועגן, וועלכע וועקן
פֿון טרוים פֿון צײַט'ריקן
און ציִען
אַהין, צו האַרבסטיק־שפּעטע פּריִען,
צו פּוסטע פֿעלדער — גרויע, גראָווע,
צו קאַלטע שײַטערס פֿון מײַן אָוועך.
איך האָב געמיינט, ער וועט פֿאַרמעקן,
געטראַכט: עס וועט אים ווײַסקייט קלעקן,
דעם ערשטן שניי, — און זיך באַנאַרישט...
די וועלט, זי וויל ניט אויסזען אַנדערש...

1965

* * *

איך וועל קומען צו דיר אומגעריכט, ניט גערופן —
ווי פּלוצעם דאָס הארץ טוט א פאל צו א ריפּ,
ווי פּלוצעם א צווײַג זיך צעוויגט אינדערלופטן,
ווי ס׳טוט דורך א וואָלקן די זון זיך א זיפּ,

איך וועל קומען צו דיר אומגעריכט, ניט פארבעטן,
די פיס זיך צעשנײַדן אָן שארף פון דײַן בליק,
און ווערן פארבלענדט פון דײַן טרער פון דײַן שפּעטער,
און שוין ניט געפינען קיין וועג אף צוריק...

1965

* * *

ניט מײַנער איז געווען דײַן פרילינג
אין טוי און גרוי פון ערעוו־ליכט, —
אָט יענעם, וואָס פון אינדערפרי ליגט,
ווי גאָטס גענאָד, אף וועלטס געזיכט.

ניט מײַנער איז געווען דײַן זומער
אין בלענד און בראַנד פון מיטאָג־זון,
וואָס ערד און הימל נעמט אַרומעט —
געהיים —
מיט שאָטנדיקן רונג.
ניט מײַנע זײַנען זיי, ניט מײַנע...
פאַרגיב מיר, פרײַנט, —
פאַר נאָ׳נט און ווײַט —
מײַן שפּעטע ניט גערעכטע טײַנע:
ס׳איז האַרבסט אַרום.
אַזאַ מין צײַט.

1965

* * *

איך וועל דיר ניט אָנטאָן קיין שאָדן,
דייַן ריינעם געמיט ניט באַטריבן, —
כ׳וועל דורכגיין אַזוי ווי אַ שאָטן,
צו דיר פונעם ווינט צוגעטריבן.
ס׳האָט קיינער די זון ניט פאַרשאָלטן,
ווען פלוצעם אין הימלשער שקיִע
איר גרייס טוט פאַרשלינגען אַ וואָלקן...
אַ בלאָז — און ס׳ווערט ליכטיק ווי פריִער.

1965

* * *

אמאָל, אמאָל האָבן מילן געמאָלט... —
מײַן קינדהײַט מיר װינקט פֿון א ברעג פֿון
א צװייטן,
אף יענער זײַט טײַך בליצט א טויזקער טאָל,
און װינטן אף פֿליגל פֿון מילן זיך שפּרייטן.
און דאָ איז דאָס גראָז שוין מיט געלקײַט
באַשפּינט,
און רויקע צװײַגן באַשירעמען שטאַמען...
מיט טויזקע אויגן מײַן קינדהײַט איך זינג,
דערפֿאַר, װאָס זי איז מיר נאָך קאָנטיק פֿונדאַנען.

1965

* * *

אווּ וועט טרעפן מיך דער שאָדן:
דער לעצטער טראָט — א פּאַל פּאָרויס
מיט הארטער קין אַף הארטן פויסט,
מיט הארטן פויסט אַף הארטן באָדן.

ס'וועט ווייך צעוויגן זיך דער הימל
אין מײַנע ווײַסלען אײַנגעפּאַסט,
און לעצטע רויטס פון זונען־פּאַס
אין דעם שוואַרצאַפּל וועט פאַרשווימען.

און לעצטער וויג פון גראָז באַם אויער
וועט קלינגען ווי א ווײַטער גלאָק,
און דאָס, וואָס דו האָסט ניט דערזאָגט,
וועט מיר די שטילקײַט שוין פאַרטרויען...

1965

* * *

איך טרעט דיר אָפּ די שטילקייט
פון ערעוו אינדערפרי,
פון פייכטן בלאט די מילדקייט,
דעם האסט פון פויגל־פלי.

איך טרעט דיר אָפּ די פרישקייט
פון טוי אף ווילדן מאָך,
דעם האָניק־טאם, געמישטן
מיט קלעווערדיקן שאָרד.

איך טרעט דיר אָפּ די גרינגקייט
פון וואָלקנדיקן גאנג,
פון יונגן פעלד די גרינקייט,
די שטאָלצקייט פון א זאנג.

איך טרעט דיר אָפּ די הארטקייט
פון האנט, וואָס גלעט א שטיין,
איך טרעט דיר אָפּ דאָס הארץ מיינס,
און ווייטער... טרעט אליין.

1965

* * *

מיט יעדן טאָג איך טראַכט אַלץ מער —
ניט וועגן אויסגעדאַכטע גליקן:
וואָס איז פון דיר, יונגאַטש, דער מער,
צי, ווי בא אונדז מע זאָגט, דער טיקן?

שוין איבער פערציק ציילסט, מײַן העלד,
און גרויקייט איז דײַן נאָ׳נטסטער קאָרעוו...
אַ וועלכע נעסט האָסט אופגעשטעלט?
אַ וועלכע פעסט געמאַכט האָסט כאָרעוו?

דעם קויעך דײַנעם אַלץ די פּרוווסט,
מיט גוטעפרײַנט די טרײַבסט קאַטאָוועס...
געפלויגן ביסט אַף וועמענס רוף?
געוויינט אַף וועמענס קיי־וועראָוועס?

אַזויפיל אָפּגרונטן — מײַן גאָט! —
נאָר צוליב ווילדן שפּרונג פאַרטיליקט,
אַף וועלטס אומענדלעכן באַראָט
זיך אַלץ ניט אָפּגעזוכט קיין צווילינג...

אָ, נאַרישער פאַרבלענדטער מענטש!
אין גוירלדיקער שפּיל פון לעבן
מ׳האָט דיך מיט שטאַרקע הענט געבענטשט
און גאָרנישט אין די הענט געגעבן.

איז נעם מיט זיי ארום די ערד,
פאַרוואָרף זיי צו די ווײַטסטע שטערן
און גלייב:
עס האָט דײַן זײַן א ווערט —
ס׳קאָן נאָך די צײַט דײַן ליד דערהערן...

1965

* * *

ניט פארגעסן כ׳וועל ביז סאָף פון לעבן
ערשטן ווייטעק־שניט און ערשטע פלאָג,
און שארפע זוניקייט פון יוני־טאָג,
און שטאָלצע רויקייט פון וואלד דערנעבן.

אזויפיל יאָר אדורך פון יענער צייט!
ביז איצט כ׳האָב מוירע איינס אף איינס זיך טרעפן
מיט שטילן וואלד אין גרינעם בלעטער־צייג,
פאר זונען־גוס ביז אָדער־טיף צעעפנט.

אין ביימער־קרייז עס פעלט מיר אויס א מענטש
מיט הארץ מיט אומרויקס, מיט וואכן זינען, —
אין זיינע אויגן כ׳קוק אריין און בענטש
די בלאנקע זון,
דעם וואלדס פארשייטע גרינען.

1965

* * *

א זוניקער טאָג —
אוּן ס׳צעבליִען זיך ווײַנשל!
די קלאָרקײַט אַף צווײַגן — אַזוי אוּמבאַהאָלפן...
זי בלייכט זיך אָקעגן אַ טונקעלן וואָלקן,
די צאַרטע, פון שוואַרצערד געבוירענע, ווײַסקײַט.
און קיינער עס קאָן ניט די בליִונג באַפאַרבן
לויט ווילן לויט זײַנעם,
די קלאָרקײַט פאַרמעקן!
...און דו, ליבער פרײַנט, מאַכסט צונישט דײַן פאַרמעגן:
צו בלײַבן אַ מענטש פון געבוירן ביז שטאַרבן...

1965

* * *

„א יונג מיט דלאָניעס פון א גיבער
אזוינע קורצע שורעס שאפט —
א מאָדנע זאך.
איך מוז, פארגיב מיר,
דיר דאָס באטאָנען שטרענג און שארף.

אף דיר עס ווארט א וועלט מיט ארבעט:
קנעט אײַזן, רײַס פון דר׳ערד איר ארץ,
נאָר דו — ווי פון דער וואנט אן ארבעס —
דו גראָבסט זיך אלץ אין אייגן הארץ...״

— ניט ערגער זיך, מײַן ליבער ריכטער,
צו קורצע שורעס גיי איך לאנג:
פון ערעוו פרי —
אין יענער ריכטונג,
ווו אָוונט זיפט דעם זון־פארגאנג.

און דאן נאָר, אויב עס סטײַעט אָטעם
און ליפּן אופפראלן איך קען, —
איך זינג, און האָב ניט קיין כאראָטע,
און ס׳רוט די וועלט אף מײַנע הענט.

1965

* * *

און ווידער קומען אפֿן זינען ווערטער —
פֿאַרגעסענע, פֿאַרלאָשענע פֿון צײַט...
און איך, איך בענק נאָך יענע, ניט געהערטע,
וואָס האָבן ניט צעבויטעט נאָך די ווײַט.

איך שפּיר זיי אינעם ווינט,
אין פֿייגלס טרעלן,
אין שאָרך פֿון גראָז, אין אויסגוס פֿון דער נאַכט,
אין פֿײַערדיקן אופֿברויז פֿון פֿאַרטראַכט
אַהינטער קאַלטן גלאַנץ פֿון מענטשנס טרערן...

1965

* * *

מיר זײַנען שוין ניט יונג.
גיי פּרוּװ, זיך אַמפּער
מיט יאָרן־דראַנג! —
און אומזיניקע זאַך!
ס׳האָט עמעצער זי אָפּגעפּליקט פון אַנקער,
די זשוואווע צײַט, —
איז טרויער אָדער לאַך...
מיך זעלבסט נאָר איינס קאָן אָפּהיטן פון ציטער
אין שאַרפן, ווי אַ צוגווינט, יאָג פון טעג:
כ׳האָב קיינמאָל ניט געקוקט פאַרביטערט
אויף דעם,
וואָס צו דער צײַט עס איז אַוועק.

1965

* * *

און ווידער האָט דער וואלד מיך אָפּגעפרישט
און ריינגעוואשן אף זײַן ווילן אויפן,
צעפעכערט ברייט די יונגע צווײַגן אויבן
און בלוי מיט גרין אָן צווייפל אויסגעמישט.

ער האָט געשלונגען זון — און מיך באשאָטנט,
געוועקט די ערד — און מיך געוויגט פארטראכט,
און אומרויִק זיך איבער מיר געשאָקלט,
ווי ס'שאָקלט זיך א פײַער איבער סכאך...

1965

* * *

מיט יעדן טאָג ווערט ליבער מיר דאָס גרינס
אַף צוויַיגן, שוין באשפּריצט פון ערשטע קעלטן.
א טונקלע בלאַט מיר שיַינט ווי א געווינס,
ווי א פארלוסט — מיר פינצטערט א פארגעלטע.
ווי הארב טיילט אָפּ דאָס לעבן פארב פון פארב!
ווי שווער די פארב די איינציקע פארהיטן!
א גרינע בלאַט שפּראָצט אוף,
א געלע — שטארבט,
און זי, די וועלט, זי בלויט זיך אינדערמיטן!

1965

* * *

אן עפּל פֿאַלט אין סאַמע שקיִעה־ברען —
זיך אָנגעזאַפּט מיט זאַפֿט און שווער געוואָרן —
מיט רויטע פּולע בעקלעך, קיין איינהאָרע
(אַזאַ בען־אייִך האָט ניוטאָן דאָך געזען).

ער וואַלגערט זיך אויף שוואַרצער בייט דערנעבן
און וואַרט, איך זאָל אים אויפֿהייבן פֿון דר׳ערד.
אן עפּל פֿאַלט.
גיי ווייס זיין עכטע ווערט...
זיין קורצער פֿלי
איז לאַנג,
ווי ניוטאָנס לעבן.

1965

* * *

ווי קומט צו אונדז די קעלט, פונוואנען:
מיט שניי־באריר, מיט ווינטן־בלאָז?
צי גאָר מיט ווײַסער שטאָלץ פון שוואנען,
וואָס גליטשן זיך אריַין אין פראָסט?

אָט זע: זיי גריַיזן זיך פארומערט
אין בלענד און בראנד פון הימלס צוויט:
די פליגל פילן נאָך דעם זומער,
און ווינטער שוין דאָס הארץ זיי בריט.

1965

* * *

ס׳איז צווישן יונג און אלט ניטאָ קיין צייכן,
קיין ווײַזער ניט פאראַן: „אהין״, „אהער״...
אין זייער בונד — דאָס ביטערס פון א טרער,
וואָס קײַקלט זיך אין אָפּגרונט פון א שמייכל.

און דאָך איך פיל, איך פיל עפּעס אזוינס —
אף הייסער הויט פון ווינטן צוויי א קרייצונג:
דער שמײַסט אין פּאָנעם מיר,
דער — שטויסט אין פּלייצע.
גיי ווייס, ווער פּאלמעסט דיך און ווער דיך שוינט!

1965

* * *

די שטילקייַט וועט געהערן דיר און מיר —
מיר זאָלן איינס דאָס אנדערע דערהערן
אין שטוינענדיקן נאכטיקן געפריר,
אקעגן שטומען אויסשיט פון די שטערן.
איעדער אונדזער וואָרט וועט זייַן געזאלבט
מיט ריינעם שניי —
ער נידערט, ווי א כעסעד,
צווישן דעם, וואָס הארץ האָט שוין פארגעסן.
און דעם, וואָס דער זיקאָרן נאָך פארהאלט...

1965

* * *

און רופֿן דיך וועל איך, און זאָגן איך וועל דיר
מיט ליפּן פֿאַראָסטעט פֿון פֿראָסטיקן אָטעם:
איך ליב דיך אַזוי, ווי דער שניי־שיט די פֿעלדער,
וואָס קיינער, כּוץ שטילקייט, האָט זיי ניט באַטראָטן.

און רופֿן דיך וועל איך, און זאָגן איך וועל דיר
מיט ליפּן מיט הייסע, מיט אָטעמשן ציטער:
איך ליב דיך אַזוי, ווי עס ליבן די פֿעלדער
דעם שווערן און אײַליקן טראָט פֿון אַ שניטער...

1965

* * *

און ערגעץ־ווּ זיי טרעפֿן זיך, די ווײַטן,
און היץ און קעלט באַהעפֿטן זיך געוויס —
אַ באַרג פֿון אײַז, אַ גליווערדיקער ריז,
מיט לינדן שטראָם באַגעגנט זיך באַצײַטנס.

נאָר קיינער ווייסט ניט, ווי קומט פֿאָר דער בײַט
פֿון גוטס און שלעכטס — דעם גוירלדיקן צווילינג,
נאָר ווינטערדיק אַמאָל זעט אויס דער פֿרילינג, —
ווי דו וואָלסט דורך, אַ נאָענטע, פֿאַרבײַ...

1965

* * *

טײַערע מײַנע, אין ליבע זיך שווערן,
מע זאָגט, איז אַלטמאָדיש, ניט לויט אונדזער צײַט.
די צײַט איצטער שטיינער לעוואָניקע קלײַבט
און שנײַדט זיך די פֿינגער אָן שאַרפֿקײַט פֿון שטערן —

אָט יענע, וואָס האָבן אונדז וווּנדער געשענקט,
דורך הימלשע פֿלאַסטן פֿונוויַיטן געוווּנקען:
„זעט, אויבן א שײַטער פֿון אייביקײַט ברענט,
און מיר זײַנען זײַנע פֿאַרלאָרענע פֿונקען...״

א שטערן ז׳געפֿאַלן אַף אַקסל פֿון נאַכט,
אַף אַקסל אַף מײַנעם דײַן האַנט האָט געציטערט,
א ווינטל א פֿלינקס האָט די גראָזן געפּיטערט,
און צאַרט איז געוועזן מײַן יונגער פֿאַרטראַכט.

דאָס אַלץ דעם אַמאָל טוט פֿון לאַנג שוין געהערן,
זיך צייכנט — אומזעבאַר — דורך גליווער פֿון ווײַט...
טײַערע מײַנע, אין ליבע זיך שווערן,
מע זאָגט, איז אַלטמאָדיש, ניט לויט אונדזער צײַט.

1970

* * *

איעדער מיין דײַנער, איעדער וווּנק
פֿאַרשנײַדט זיך טיף און שאַרף אין מײַן זיקאָרן.
אַזוי בריט אָפּ די הויט אַ מינדסטער פֿונק
באַם צאַנקענדיקן שײַטער פֿון די יאָרן.

אַף מײַנע הענט אַזויפֿיל פֿרישע שניט! —
אַזאַ מין אָפּנהאַרציקער סאַכאַקל,
אַז ס'דוכט,
די שטילע ווערטער פֿון מײַן ליד,
ווי צווײַגעלעך, אין טהאָם פֿון שײַטער קנאַקן.

1970

* * *

איר האָט געזען א בוים אין פײַער?
זײַן אָטעם שטײַגט איבער דער צווײַג,
די צווײַג,
מיט פלאם באַזוימט,
זי שווײַגט,
זי מיינט — דער שכיינע זײַן וועט פרײַער:

אנטקעגן הימלדיקן צײַג
א גליקלעכע וועט כּיעס שעפּן
פון זונען־שיט, פון ראָסנעם נעפּל
די צווייטע, ניט פארקוילטע צווײַג...

איך האָב געזען א בוים אין פײַער,
איך האָב געוויינט אף שווארצן גראָז,
אף שווארצן גראָז געוואָרן גראָ,
אין קאלטן אש מײַן ווײ געשײַערט.

צו יענעם בוים כ׳טו אָפּט זיך קערן...
אין זאמדיקער, אין ענגער שטײַג
די וואָרצלען לעבן נאָך, כ׳קאָן שווערן.
נאָר ס׳טרעפט, באַנאַכט, אין קרוין פון שטערן
מיר בליצט א פײַערדיקע צווײַג.

1970

* * *

פארשניטן ביזן ביין אָט יענער ווייטעק
פון פעלדער,
אָפּגעדראָשענע מיט שטאָל,
פון וועגן — קרומע אומוועגן, — צעווייקטע
אין בלוט, אין רעגן...
איבער זיי — א קאָל,

א קינדערש קאָל, וואָס פּלוצעם ווערט פארלאָשן,
אָן ווערטער א געשריי —
איין שאַרפער גרויל,
איין הייסער קרעכץ פון אָפּגעקילטן מויל...
...פון דעמלט איך פארשטיי
מילכאָמעס לאָשן.

1970

* * *

דער רעגן רוישט הײַנט העפקערדיק, פֿאַרשײַט:
„איך בין אַ זומערדיקער — ווייסט עס אַלע!״
און ס׳רײַכערט זיך אין וואַסער־דרויב די ווײַט,
און בלויע וועלטן שטייען אויף און פֿאַלן.

ווי שעמעוודיק עס שמעקט דאָס פֿײַכטע גראָז,
אַ לינדע קעלט פֿאַרשאַרט זיך צווישן ריפּן.
אַזויפֿיל רעגנס כ׳האָב אַדורכגעלאָזט!
אין יאָגעניש נאָך זון —
פֿון זיך געטריבן.

און אָט, באַ סיווע האָר, דערפֿילט דעם טאָך
פֿון צאַפּלדיקן גוס, פֿון הימלשער אַקשאָנעס.
...דער טאָג איז דורך, די נאַכט אַדורך דערנאָך,
דאָס לעבן — ווי אַפּסנײַ עס הייבט זיך אָנעט.

1970

* * *

א זאמדיקער וועג צווישן שפּיזיקע גראָזן
און וואָרצלען פון סאָסנעס, געשליפן דורך ווינט.
אזוי פארגעדענקט האָט אײַך איינמאָל א קינד
אין איינעם א פּרי,
א ווײַסרוסישן, ראָזן.

די זון האָט גערויטלט זײַן איידעלן האלדז,
גערונען אף בּאָרוועסע פיס אף צעקלאפּטע,
און ער איז געשטאַנען אין אומרו אין וואלדס
פון ערשטע,
פון אייגענע טריט א פארכאפּטער.

דערנאָך האָט א מוירע געטאָן אים א שניט.
געטריבן צוריק, צו די היימישע שוועלן.
ווי ליב איז צו ציילן אין קינדהײַט די טריט,
אין עלטער, ווי ביטער, געציילטע, זיי שטעלן...

1970

* * *

מיר וועלן ניט ווערן — ווער פריער, ווער שפּעטער —
אין שלאָף אין א שווערן, וואָס פּלוצעם באַפאַלט.
אזוי טוט א וויכער אין הארבסטיקן וואלד
פארשמייסן מיט האסט — מיט איין בלאָז — אלע בלעטער.

און לאָמיר זשע בענטשן די צווייַגן די שטייפע,
וואָס שניידן אריין זיך דעם וויכער אין ברוסט
און, פרילינג ווען ס'קומט, — מיט ניט־מענטשלעכן גלוסט
באקרוינען מיט בלעטער זיך — יונגע און רייפע.

1970

* * *

כ׳פאַרנייג דעם קאָפּ פאַר יעדן טאָג אַדורכגעלעבטן,
פאַר יעדן גליטש פון ווינט איבער מײַן הויט,
פאַר טראָפּן זון, פאַר רעגן־דרויב,
פאַרשעפּטע
אין יענער הייך, וואָס אייביקײַט באַהויכט.

כ׳פאַרנייג די קני פאַר יעדן טאָג אַדורכגעלעבטן,
פאַר יעדן וויג פון גראָז אונטער די פיס,
פאַר קליינער מורעשקע, וואָס אַף איר קאַרק פאַרשלעפּט האָט די נאַכט
און מיך מיט נײַעם טאָג באַגריסט.

1970

* * *

אמאָל מיר האָט זיך אויך געדאכט:
ס׳איז לאנג דער טאָג און קורץ די נאכט.

פון אינדערפרי — נאָר איינס אין זינען:
אין טונקל גיכער זיך פארשפינען...

א גרינע יוגנט, אין דער פינצטער
האָסטו געמיינט — דו ביסט באשיצט מער!

די צייט האָט אָפּגעטאָן א קונץ:
די נאכט — איצט לאנג, דער טאָג איז קורץ.

ווען טונקל פאלט, באפאלט א ציטער:
ווער וועט אין פינצטער דיך פארהיטן?

קאָנסט ניט דערוואַרטן זיך אף שיין...
נאָר אנדערש, ברודער, קאָן ניט זיין.

1970

* * *

דערמאָנונגען אלטע!
ניט שײַעך
אײַך פּאסקענען, אויסקלאָרן פּראָסט, —
איעטווידער אלטער פּארדראָס
באוואקסט מיט פּארדראָסן מיט נײַע;

א האלבער ניט עמעס —
גלײַך פּול ווערט,
אן אָנדײַט — זיך גרויליק צעשײַנט.
דערמאָנונגען אלטע ווי פּולווער
צום פלאם ניט דערנע'נטער,
מײַן פרײַנט!

1970

* * *

פאַרוואָס אין וואַלד אַן אָפּהילך דויערט לאַנג?
ווײַל שטומעביימער ווילן אויכעט ריידן.
פאַר זיי א מינדסטער קלאַנג —
איז א געשאַנק,
און יעדערער דעם קלאַנג נעמט אויף פאַרשיידן

און רופט זיך אָפּ מיט ציטער פונעם שטאַם,
מיט וויג פון גרינעם זעגל אויף די צווײַגן,
מיט קרעכץ פון וואָרצלען
דאָרט,
אין קלעם פון זאַמד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרשטייסטו שוין,
ווי מיך עס פּלאָגט דײַן שווײַגן?

1970

נאָכאמאָל
וועגן דאָן־קיכאָטן

זיך אָנגעשפּארט אָן זאָטל,
ער קוקט פון אונטער האנט.
זײַן רירעוודיקער שאָטן
אף האלדז פון ראָסינאנט.

די ווײַט — אין זומער־נעפּל,
א פּארע שלאָגט פון גראָז.
ער טוט די לופט פארשעפּן
מיט אָפּגעצערטער נאָז, —

ער האָט דערשפּירט דעם קעגנער
דורך גלײענדיקער ווײַט...
א רוק די פּיקע נע׳נטער
צו פּערדס פארשוויצטער זײַט —

און ס׳טוט די ערד א צאפּל
מיט גאָר איר לענג און ברייט,
אין קרײַז פונעם שווארצאפּל —
דעם סוינעס שווארצע ריי.

איז היט זיך, ווילדע בריעס,
און ראכמים בעט בא גאָט!
צעשטערן אײַער רו וועט
דער ריטער דאָן־קיכאָט!

פון יענעם טאָג דעם לינדן
אדורך אזויפיל נעכט.
אלץ קרײַזן דולע ווינטן,
אלץ דויערט דאָס געפעכט,

און ס׳טוען מילן מאָלן,
און שווערד די לופט צעשנײַדט.
— — — — — — — — — —
די מײַסע קלינגט אמאָליק, —
איך בעט מעכילע, צײַט.

1970

* * *

ביז דער לעוואָנע א מעהאלעך
ניט לענגער,
וויּ פון דיר צו מיר —
איין זיפץ, איין ציט׳ריקער באריר,
איין אויגנבליק,
איין ווונק פון אלעף
צום טאָף,
איין דינע שארף פון כאלעף,
וואָס ליפּן אונדזערע צעפירט...

1970

* * *

אָט ערשט געווען האַרבסט —
אָון ווידער זומער.
א גוירלדיקער גיכער איבערבײַט,
אַן אויסגעמיש פון שטימונג און פון צײַט
אין זייער צאַפּלדיקן טאָך געגומען.

און ווידער דער אַרום —
אין היץ פאַרשפּינט,
דער רעגן נעכטיקער מיט ערד זיך זעגנט,
און נאָר דאָס גראָז, א בלייכינקס נאָכן רעגן,
איז טרײַ דעם האַרבסט
(פאַרוואָס? — דיר ווילט זיך פרעגן)
ווײַל ס׳ווייסט:
אפשר מע קאָן ניט ווערן גרין.

1970

* * *

די ראַבינע איר קאַלטן פֿײַער היט,
אין בלעטער אים פֿאַרהילט,
זי מײַנט אוואַדע,
אַז זי האָט זיך פֿאַרזיכערט פֿון אַ ליאַדע
אַ זשוואַווע פֿײגל־טשאַטע מיט דערמיט.

דאָס בײמעלע איצט שטײט אָן אָפּגעגאַרטס,
פֿאַרומערט וויגט די אָפּגעפּליקטע צווײַגן...
אָ נאַרעלע, ווי קאָן מען דיך פֿאַרבײַגײן —
דײַן רויטע פּרוכט
איז ענלעך אַף אַ האַרץ.

1970

שטילע ווערטער

* * *

מיר ווילט זיך שטענדיק: אַלץ זאָל גיין קעשורע,
און ווײַס זאָל בלײַבן ווײַס, ווי פּינצטער —
שוואַרץ.
אויף דעם באַשטייט מײַן ניט באַרויִקט האַרץ,
וואָס טרײַבט דאָס בלוט אין יעדער
נײַער שורע.
כ'האָב קיינמאָל ניט געשריִען אויף אַ קאָל,
און מיך,
קאָן זײַן,
די וועלט וועט ניט דערהערן.
עס מאַכט ניט אויס: איך גלייב, מע וועט אַמאָל
מיט שטילע ווערטער זיך אײַן טרײַשאַפט שווערן.

1971

* * *

די ערשטע שורע טאָמיד קומט אָן שווער,
דאָס ערשטע וואָרט איז, ווי א מילשטיין, וואָגיק:
דו קײַקלסט אים אין ליד,
אונ ער זיך ווערט —
און לייגט זיך פּאָפּערעק.
דאָס ליכט פארטאָגיקס
ווייסט גוט מײַנע יעסורים אין דעם פראט.

נאָר אָט־אָ זעט: א שנירעלע פון אויסיעס —
אַ דינס, א גרינגס — צעשפּאלט דעם ווײַסן בלאט,
ווי גראָז אין ווינט, זיי הייבן אָן צו רוישן, —
און ס׳ציטערט אוף דאָס בייגעלע פּאפיר,
מיט אומגעדולד נעמט שטעכן מײַנע פינגער:
„נו, ווײַטער וואָס?״
— דו פרעג מיך עטוואָס גרינגערס, —
איך ענטפער אָפּ. —
נאָר עפּעס שוין פּאסירט:
די וועלט זיך טוט א טוליע צו מײַן אקסל,
מיט לייד און פרייד דעם דימיען מיר צעגליט,
און יענץ, דאָס ערשטע וואָרט, דער דולער אקשן,
אליין זוכט אָפּ דעם אָנהייב פונעם ליד.

1971

* * *

אָט יענע — די שטומע, די שטילע,
די פּראָסטע, פאַרשוואַרצטע פון מי —
זיי האָבן געוואַלגערט באַסטיליעס
און שווערדן אָן פּאַכעד געשמידט.

פאַר זיי איז געווען ניט וויכטיק
די נעמען פאַרקריצן אַף שטיין.
נאָר דער,
ווע‏לכער שאַפט
די געשיכטע,
וועט זיי,
אומבאַוווּסטע,
פאַרשטיין.

1971

* * *

פון פאָרנט, פון הינטן, פון אלע פיר זײַטן
באלאגערט מיך שטילקײַט פון יוניקער נאכט,
און רײכעס,
ווי רוכעס,
אף ווינטעלעך רײַטן,
און גראָזן באפײַכטע זיך וויגן פארטראכט.

און איך טו אלץ בלאָנקען אף שטעגן
אף יענע,
וואָס האָבן פון יוגנט אין עלטער געפירט
אין יאָר איין און פערציק.
צעפראלט כ׳האָב די טיר
פון אייגענעם הויז — און ארײַן כ׳בין אין
גענעם...
א לעבן אדורך —
און די שטילקײַט, זי וווּנדערט
מיט שארפקײַט דער זעלבער, ווי דעמלט,
אמאָל.
אין יוניקער נאכט טוען שרײַען די ווונדן,
דאָס הארץ זיך צעוויינט אף א קאָל.

1971

* * *

אָט אזוי — און ניט אנדערש —
גייט דאָס לעבן פארבײַ
אין זײַן אייביקן וואנדער,
אין זײַן אײַליקער בײַט.

כ׳וואָלט אײַך יאָגן־דעריאָגן —
א ראכמאָנעס די פערד:
שווער געלאָדן דער וואָגן,
און ניט גלאט איז די ערד...

1971

* * *

און כאָטש ס׳איז שווער דער מורעשקע א
שטרוי —
איר אָל איז גרינג.
איך ווייס געגוי, אַף זיכער.
ס׳איז דער פרימאָרגן היַינט נאָך יונג און רוי,
דאָס גראָז — נאָך ניט בארויִקט נאָכן וויכער.
דעם פרישן העזעק ציילט איעדער בוים,
באזעצט מיט פייגלס הונגעריקע טשאַטעס.
די מורעשקע — איך גרינס מע זעט זי קוים —
איר פעקל זאָרג אַף זיך זי שלעפּט
פארמאטערט.

א זעמדעלע א קליינס ארומגעקריַיזט,
אדורכגעשליַיכט צעווישן זאנגען־זיַילן,
א טראָפּן וואסער דורכגעשפּריַיזט מיט פליַיס,
און שטעלט זיך פיס — ווי זי וואָלט גאָרניט
איַילן.
און כאָטש ס׳איז שווער דער מורעשקע א
שטרוי —
איר אָל איז גרינג.
איך ווייס געגוי, אַף זיכער,
ווי וואָגיק איז אמאָל א מינץ, א שרויט
אינעם פארגליַיך מיט מענטשס
געזאלבטן ייִכעס.

1971

* * *

כ'האָב פינקטלעך אָפּגעוויגן —
אַף האַלבּ: וואָס עכט, וואָס פאַלש,
נאָר ער, דער רעגנבויגן,
פון אקסל מײַנעם פאַלט.

א מאָדנער קאַראַמיסל —
אים גלײַכגעוויכט איז קנאַפּ,
אין אים זיך פאַרבן מישן,
דורך אים — זיך פרישקײַט צאַפּט.

אין אים די שײַן זיך מינעט,
און פינצטערניש דערברענט,
און טאָג זיך טוט געפינען
אַף נאַכטס פאַרבענקטע הענט:

א בונטער שלאַל פּאָעזיע
אריבער ערד —
איר זעט!
אריבער קליינעם וועזן
פון איינעם
א פּאָעט.

1971

* * *

דער פרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט.
און זון מיט בלוי זיך מישן אײַליק,
און ווידער בא דער ערד מײַן שײַלע
איך פרעג:
„ווער בין איך דיר? נו זאָג!"

אף דיר געמאָזלט און געפּאָקט,
מיט בלוט אין טיף דײַנער פאַרונען,
מיט לײַב פאַרשטעלט פון הימלס דונער...
דער פרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט.

כ'האָב דיך מיט קערנער ניט פאַרזייט,
דערפאַר מיט טרערן פײַן באַגאָסן
(ווען פעלן פלעגט דיר פרישע ראָסע) —
זאָלסט אָטעמען געזונטערהייט.

ביז מינדסטן וואָרט כ'האָב דיר דערזאָגט,
ווי ליב איז מיר דײַן יעדעס גרעזל,
דײַן יעדעס זעמדל, יעדער וועזן...
דער פרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט.

הערסט: בא דער אייביקייט איך שווער,
בא אַלע גווירלדיקע שוועלן,
דעם שפּאַן דעם לעצטן וויל איך שטעלן
אף דיר, מײַן אומרויִקע ערד!

דער פרי אין גלאָק פון שטילקייט שלאָגט,
ס׳רינט זון און בלוי אַף מײַנע וויִעס,
די ערד צעשפּרייט פאַר מיר איר כּיִעס:
„גוטמאָרגן, מענטש!
זײַ גליקלעך, טאָג!”

1971

* * *

די ביימער, פונקט ווי זינדיקע מאַלאָכים,
זיי שטייען שטיל הייַנט, רוישן ניט
אָן זין,
דערפאַר די זיסע רויבערן, די בין,
זי זשומעט הויך —
און פראַוועט איר מעלאָכע.
גיי האָב אף איר פאַרדראָס!
אַזאַ איר מי איז!

און דיך —
דיך פּייַניקט שטום איעדעס וואָרט,
דו ברעכסט דעם קאָפּ, ווען ס'ווערט פון וואָרט
א קוואָרט,
און גאַליק בייַסט די ליפּ, און קרימסט זיך מיִעס,
אין צאָרן ביטערן נעמסט צוקן זיך די אַרבל...
— — — — — — — — — — — — — — — —
נאָר דיר איז אויכעט זיס דייַן שווערע אַרבעט!

1971

* * *

שטיי אוף: די וועלט האָט זיך געביטן.
אַף שניי, אין שפּורן־שניט פון שליטן,

א וואסערל א שווארצס זיך שלײַכט,
גלײַך ווי אן אָנהייב פון א טײַך.

און כ׳זע שוין זוניקע געמעלן
אַף ווײַסע קאמען פון די וועלן,
אַף בלויען אומרו פונעם פלוס, —
ער פאלט דעם יאם אַף בלויזער ברוסט.
און כ׳פיל שוין, ווי איך טיף זיך פורעמט,
אין יאם־געמיש, דער ווילדער שטורעם,
וואָס וועט א שלאָג טאָן אינעם ברעג...

— — — — — — — — — — — — — —

א דאנק!
ער האָט דיך אופגעוועקט.

1971

* * *

דיר געפעלט צי ניט געפעלט
(כ׳מיין: ס׳איז ניט געפערלעך) —
צו דער צײַט א בלאט פארגעלט
טרויעריק און ערלעך.

ערשט, געדענקסט, געווען נאָך גרין,
פריש —
ביז גלאנץ —
געשײַערט,
איצט ער ליגט אין גראָז פארשפינט —
אויסגעלאָשן פײַער.

אָט אזוי די וועלט זיך פירט
שטרענג און אָן כאלאָשעס:
ווילסט געפינען — פרי׳ר
פארליר,
ווי דער בוים אין אָסיען.

1971

* * *

שענק מיר א בלאַט פון יענעם בוים,
וואָס אין מײַן כאָלעם איז אַרײַנגעוואַקסן
מיט גרינעם פרילינגדיקן שוים
אַף צווײַגלס ציטעריקע אַקסלען.

אויב ניט קיין בלאַט — איז כאָטש א קנאָספּ,
וואָס האָט אין זיך דאָס אַלץ פאַרבאָרגן —
פון לעצטן רויגעזדיקן פראָסט
ביז אָט דעם זוניקן פרימאָרגן.

אויב ניט קיין קנאָספּ — איז כאָטש א גלעט
פון האַנט פון דײַנער איבער קאָרע, —
און איך וועל בענטשן דעם געוועט
פון רינגען ביימערשע און יאָרן...

1964

* * *

כ׳באגריס דיך מיט פרילינג,
מיט ריטלעך צעשפּיזטע,
מיט ווארעמער קאָרע,
מיט ווינטיקן יאָג,
מיט גראָז פּאראיאָריקס,
וואָס שניפּאל אומזיסט האָט
מיט גליוּוער פארכאסמעט אין איינעם א טאָג.
כ׳באגריס דיך מיט פרילינג,
מיט אופלויכט צעווישן
די הרודיקע וואָלקנס, וואָס צ׳ען זיך אָפּ,
מיט טראָפּן אף דלאָניע אף מײַנער —
מיט פרישן,
מיט פאָך פון א פליגל אריבער מײַן קאָפּ.
כ׳באגריס דיך מיט פרילינג,
מיט יונגן, מיט שפּעטן,
מיט גרינס, וועלכעס וויסט נאָר פון זוניקן גנאָד,
מיט הימלשן גלאנץ אף א פּעדער איעדן
פון פייגלען, צעזייטע אין בלויען באראָט.
כ׳באגריס דיך מיט פרילינג,
מיט איינציקן, יענעם,
וואָס נידער און הייך, ווי א שיקזאל,
פארקניפּט:

און גרויס ווערן שטערן,
דער ערד־קײַלעך — קלענער,
און נעענטער ווערט מיר אָט די,
וואָס איך ליב...

1964

* * *

צו די אומשטערבלעכע כ׳וועל ניט געהערן,
ניט זײַן צווישן די אויסדערוויילטע זינגער,
אז מער פון זינגען ליב געהאט כ׳האָב הערן —
מיט הארץ פארקלעמטן, מיט פארקלעמטע פינגער.

נאָר כ׳וואָלט פון אײַך, ווי מ׳זאָגט,
פארשטעלט דעם עמעס,
ווען איך באהאלט אים, מײַן באגער געבענטשטן:
אויב ניט אין אייגן ליד,
זאָל כאָטש אין עמעצס,
מײַן הארץ ווי ס׳האָט געקלעמט,
דערגיין צו מענטשן.

1964

* * *

איך עלטער זיך — כ׳האָב טײַנעס צו דער וועלט.
דאָ בראָט זי מיך צופּיל,
דאָרט — בריט מיט קעלט
און לערנט הייבן פּיס אין ליים צעקנאָטענער
(ס׳איז קיינעם דאָך ניט ליב אין בלאָטע גיין!).
איך עלטער זיך — כ׳האָב טײַנעס צו דער וועלט.
דאָ לויבט זי מיך אָן מאָס
און דאָרטן — שעלט,
און פּרוּווט אַרײַנבליקן אין מײַנע סודעס
(אַז ווער האָט ליב אין עפּעס זײַן זיך מודה!).
איך עלטער זיך — כ׳האָב טײַנעס צו דער וועלט.
אַלץ מערער ערגערט מיך,
אַלץ ווייניקער געפעלט,
דער נעכטן קלאָרער ווערט, דער מאָרגן קוקט פאַרשטעלט.
איך עלטער זיך —
און זי בלײַבט יונג, די וועלט!

1964

* * *

איך וועל דיר אויסזאָגן דעם עמעס
פון הויכן הימלשן פּאַרטראַכט,
ווען ער דעם האַרצן ווײַזט אַ רעמעז —
רײַסט אָפּ אַ שטערנדל באַנאַכט.

און אָפּגעטיילט, פּונקט ווי אַ ציטער,
פון שוואַרצן וואָלקנדיקן פלײַן,
דער שטערן פאַלט אַן אָפּגעגליטער,
נאָר ניט קיין אָפּגעקילטער, ניין!

1964

* * *

איך וואָלט געקאָנט ניט אויסמײַדן דעם ווייטעק
פון אָפּגיין הייס מיט בלוט אין פעלד אין הוילן,
אָן אויסדערוויילטער פון דעם סוינעס קוילן
און קיינמאָל שוין פון דיר קיין אויסדערוויילטער.

פון יענעם פעלד כ׳וואָלט זיך געקאָנט ניט קערן,
דאָס האַרץ דאָס אומבאַשיצטע ניט פאַרהיטן
אין שאַרפן שײַדימדיקן שיט פון שפּליטערס,
ווי אין א נעץ פון פאַלנדיקע שטערן.

ניט פילן כ׳וואָלט, ווי גראָז מיר שטעכט דעם גומען,
ווי ס׳טוט מיט גרינס די אויגן מײַנע וועקן.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
איך וואָלט געקאָנט פון יענעם קריג ניט קומען...
איך קאָן פון דיר אצינדער ניט אוועקגיין!..

1964

* * *

דערציייל מיר וועגן זיך, דערציייל מיר
דאָס ניט ארויסגעזאָגטע, —
דאָס,
וואָס כ׳הער אין ווינט, ווען ער טוט ציילן
אין הארבסט אין שפּעטיקן דאָס גראָז.

צו ערשטע קעלטן צוגעשמידטע,
די גראָזן יענע פאַרן טויט
דעם ווינט פאַרטרויען זייער ביטערס,
וואָס זיי דאָס לעבן האָט פאַרטרויט...

1964

* * *

כ׳האָב זיך געלערנט פּראָסטקײַט בא דער ערד,
פון יעדעס גרעזל אירס געצויגן פּאשטעס,
אין מינדסטן שטיינדל אײַנגעזען זײַן ווערט,
א טריף פון סמאָלע ניט פארזען אין כאשכעס.

און איצטער בין איך, גלײַך ווי קוירעך, רײַך,
און הימל־קרוין איז מיר — ווי אָנגעמאָסטן.
נאָר שרעקט זיך ניט —
די קרוין כ׳לאָז איבער אײַך.
אײַך איז זי ליב: אין איר איז אײַער פּראָסטקײַט.

1964

* * *

מיר ווערן נעענטער צו יענער שוועל,
וואָס זי אדורך — איז גרינגער נאָך פון פאלן.
אהינטער איר —
אן אָוונטיקע וועלט
מיט שווארצער זון און טונקלער קרוין פון
שטראלן.
און אלץ, וואָס דאָ ז׳געווען, —
דאָרט שײַנט פארקערט:
א פאכדן זיך באשטאט מיט מוט און גוורע,

א שניט פארטיליקט בלאנקע שארף פון שווערד,
א וואָרט איעדעס זיך צעצווײַגט אף שורעס.
אויך דו, פארטיפט אין ביטערן געוועט
פון גוטס און שלעכטס, פון סינע און פון
ליבע, —
אין הארץ פון נאכט, באם אופלויכט פון
פאריבל —
געהאָרכזאמער וועסט זײַן...
נאָר זײַן וועט שפעט...

1964

* * *

פאראַן אַזעלכע טונקעלע פרימאָרגנס,
ווען אָנהייב טאָג
נאָך טראָגט די נאַכט אויף זיך...
אַזוי גאַנץ אָפט אַ מענטשלעכעס געזיכט,
אַ שמייכלענדיקס, באַהאַלט אין זיך די זאָרגן.

אַזאַ מין מענטש מיר ווילט זיך זאָגן:
„הער, —
ווישׂ אָפּ, צעגלעט די האָפּערדיקע קאַרבן,
לעש אויס די קנייטשן, ברודער מײַנער
האַרבער, —
דער ווייטעק דײַנער ניט נאָר דיר געהערט...״

1964

* * *

די וועלט, זי האָט דערלאָזט א טאָעס:
אף הייך און נידער זיך צעטיילט,
אף ווײַט און נאָענט זיך צעציילט,
אף דאָס און יענץ —
און אלץ געפֿונען איז.

און מאך איך ווען זיך קילעיאָדע
און פּרווו א פלאָנטער טאָן אָן בייז:
כ׳פארגיי צו ווײַט, צי מערער כ׳פּאָדער
פון נאָ׳נט, אָט דעם, וואָס לעבן הייסט, —

זי נעמט מיך דאן אף דלאָניעס הייסע
און טוקט באלד אָפּ אין שטערן־קעלט...
כ׳גיי אָפּ מיט זיבן ווילדע שווייסן
און זינג א לויב דער קלוגער וועלט.

1964

* * *

אזא מין פרי א לופטיקער,
פון הימל קאַפּעט גאָלד...
ווען איך וואָלט זײַן א לופטיקער,
וואָס וואָלט איך געוואָלט?

א זונען־שטראַל באהענגען
מיט בלעטערדיקן גוטס,
מיט אָסיענדיקע רענדלעך,
מיט וואָלקנדלעך א טוץ;

מיט דײַנע ליבע שמייכלען,
אף ליפּן אויסגעגליט —
אָט ערשט זיך דאָרט באצייכנט
און שוין אראָפּגעגליטשט...

און זאָל ער זיך צעפלאַקערן,
אָט יענער גוטער שטראַל,
אף הימל אף צעאַקערטן
פון פייגלשן געוואַלד,

אז אלע זאָלן וויסן:
ס'איז גוט מיר, ווי א קייסער!
און ווען ס'וועט פארדריסן, —
די וואָלקנדלעך — א טרייסט זיי...

1963

* * *

און ווילסט: כ׳וועל באַרגן דיר דעם מאָרגן
מיט הייסן בלוי, מיט קאַלטן טוי,
מיט שטילן אופּפאַל פון א טויב,
מיט דונער־קנאַל פון הימלס אָרגל.

איך בין קימאַט ווי גאָט אַלמעכטיק —
איך פיר דעם סיידער פון דער וועלט,
און דאָך מײַן קויעך קישעף פעלט,
קעדיי דיר אומקערן דעם נעכטן...

1963

* * *

פאַראַנען ווערטער, וועלכע פּרוּוון
זײַן שטיל, ווי ניט דערהערטע רייד, —
דו זאָלסט אָף זיי זיך ניט פאַרופן,
ווען אומגליק בײַ דײַן אַקסל שטייט.

פאַראַנען ווערטער, וועלכע קאָנען
דיך אָפּשרײַען באַם טויבן טויט,
אַז גאָר דײַן זײַן,
ווי אַ דערמאָנונג,
זאָל אופשטיין גלייביק און פאַרטרויט.

פאַראַנען ווערטער, וועלכע ווערן,
ווי קלאָלעס, גרויליק אין פאַרלוסט,
מיט זייער שאַרף דו טוסט זיך ווערן
בלויז מיט דער צאַרטקײַט פון דײַן ברוסט.

פאַראַנען ווערטער, וועלכע ברעכן
מיט גנאָד פון בראָכע צוים נאָך צוים,
און, ווי אַ גאָט, דיר ווערט פאַרעכנט
איעדע בלאַט אָף גרינעם בוים.

פאַראַנען ווערטער, וועלכע ווילן
אַראָפּ פון לעבנס האַרבן קאָן
און מער ניט דינען דעם בייזווילן,
און אויך קיין גוטס שוין מער ניט טאָן.

פאראַנען ווערטער, וועלכע העלפן
אין סאַמע בלוטיקסטן געפעכט.
זיי פאַלן, פונקט אַזוי ווי העלדן,
און זייער אומקום איז גערעכט.

1963

* * *

א פרוי דערנעענטערט זיך.
א רעגע
צו אירע טריט איך הער זיך צו —
אזוינע שטילע, ווי א רעגן,
ווען אים צעשנײַדט אין פעלד א צוג.

ווער איז זי, ווער?
א שפאן איעדער
צו וועמעס בענקעניש זי טרײַבט,
ווי יענעם צוג, וואָס גרויזאם רעדלט
דער ערדס צעפּאסעוועטע לײַב.

אוועלכן קישעף מוז איך רופן
צו הילף, אוועלכן ווידערקאָל?
אף וועמעס נאָמען זיך פארופן,
די ווײַעס אופהייבן זי זאָל?

אין הארבסט אין שפּעטן א פארשפּינטע,
זי זאָל א ווײַלע בלײַבן שטיין...
ס'וועט דאן פארזאמען זיך דער ווינטער,
און רעגן אופהערן וועט גיין...

1963

* * *

איך שטיי דעם קאָפּ פאַריסן,
דעם זונען־גוס אנטקעגן, —
דעם נעס פון אלע ניסים...

...און ערגעץ גייט א רעגן.

עס ווימלען פאַר די אויגן
פון בלוי און בלענד געוועבן
און שאָטן־דרויב פון פויגלען...

...און ערגעץ גייט א רעגן.

אָט באַלד וועל איך פאַרגעסן
אין ערדס צעקלאַפּטע וועגן,
אין פיס, וואָס ווערסטן מעסטן...

...און ערגעץ גייט א רעגן.

כ׳געהער שוין ניט דעם נידער,
און ס׳טוט מיך שוין ניט רעגן
די שפּראַך פון שטיין און רידל...

...און ערגעץ גייט א רעגן.

אין אַט דער וועלט דער נײַער
נאָר וואָלקן וועט מיך וועקן
מיט פינצטער פון זײַן פײַער...

...און ערגעץ גייט א רעגן.

און ערגעץ גייט א רעגן,
און ערגעץ פאלט א זעגל:
אַט ערשט כ׳האָב דיך באגעגנט,
און זעסט — זיך שוין געזעגנט...

1963

* * *

כ׳וועל דיר אומקערן אלץ: דײַנע קלאָלעס און בראָכעס, —
פארשניטן ביז ביין, ס׳זאָל געדענקען זיך שארפער, —
דײַן טײַנען, דײַן פּײַנען און דײַן אפצולאָכעס,
וואָס ציט זײַן יעניקע פון ווײַט, פון באשאף נאָך.

כ׳וועל דיר אומקערן אלץ: די פארצאָרנטע ליפּן,
די אויגן פארמאכטע, די דלאָניעס פארשמאכטע,
דאָס גרינינק גאניידנדיק צווײַגל פון ליבע
אין הילכיקן הימל פון מאָסקווער פארנאכטן.

כ׳וועל דיר אומקערן אלץ: דעם פארשאָטנטן אָווער,
און דאָס צוגעזאָגטע אין צײַטלויף — אף שפּעטער, —
דערמאָנענדיק מיך, זאָלסט ניט טראכטן פון אָנוועד,
אזוי ווי דער בוים וועגן הארבסטיקע בלעטער...

1963

* * *

פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דיר,
איך זאָג: זאָל געבענטשט זײַן דער זאנג,
און דער טוי, וואָס זײַן גרינקײַט
באַריִרט,
און דער ווינט, וואָס זיי ביידן ער פאנגט.

פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דיר,
איך זאָג: זאָל געבענטשט זײַן דער בוים,
און די בלוי, וואָס זײַן גרינס האָט
דערשפּירט,
און די כאשכעס, וואָס ביידן זיי צוימט.

פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דיר,
איך זאָג: זײַ געבענטשט, ווי דער זאנג,
ווי די בלוי, ווי דער טוי־שעמעריר,
ווי דער ווינטיקער לופטיקער גאנג.

פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דיר,
איך זאָג: זײַ געבענטשט, ווי דער בוים,
ווי דאָס גרינס, וואָס זײַן כאָלעם באַציִרט,
ווי די נאכט, וואָס זײַן אומעט באַקרוינט.

1963

איך בין אזא, ווי אלע

איך ווייס: איך בין אזא, ווי אלע, —
איך טראָג קיין פליגל הינטער זיך,
אַף קאָפּ אַנטבלויזטן דונערס פאלן,
און קעלט פארקריכט אין מײַנע שיך.

איך בין אזא, ווי דער, ווי יענער, —
דער זעלבער ווייַ די הויט מיר שינדט,
איך בין ניט בעסער און ניט שענער
און אויך ניט גליקלעכער, באשטימט.

נאָר פּרווו זיך ווער מיט מיר פארגלײַכן,
ווען ליד רײַסט אוף מײַן שטומקײַט, ווען
די ווײַטן הייבן אָן זיך שלײַכן
בא מײַנע אויסגעשטרעקטע הענט;

ווען ערד און הימל, בארג און נידער
פארגעסן זייער שטרענגע וואך
און טרעפן זיך ווי גוטעברידער
בא מיר אין הארצן אומדערוואַרט;

ווען גאָר די וועלט מיט זאָרגן אירע,
אין פרייד און ליידן אָנגעטאָן,
מײַן פעסטן אקסל טוט בארירן
און גלייביק שפּארט אף אים זיך אָן...

1961

רעגנבויגן

אָ, יענע זיבן ליבע פלאמען,
וואָס זיבן הימלען פארבן בונט! —
ס'איז קיינמאָל זיי ניט ענג צוזאמען,
כאָטש שטרענג געצוימט איז זייער בונד.

אין זיי — פון דונערן דער ציטער,
פון בליץ פארלאָשענעם די שארף,
אין זיי פארשפינט איז ערד און נידער,
ווי אינעם אָנהייב פון באשאף...

1961

* * *

איך קאָן דיר גאָרנישט ניט פאַרגעבן —
פון פרעמדע הענט קיין איין באַריר.
כ׳וועל טויב,
כ׳וועל טויב,
כ׳וועל טויב פון יעדן
קלאַפּ דײַנעם אין פרעמדער טיר.

פון פרעמדן גרוי אין ווײַסלען דײַנע,
פון פרעמדן אָטעם בײַ דײַן ליפּ —
כ׳וועל בלינד,
כ׳וועל בלינד,
איך זע קיין שײַן מער...
פאַרגיב מיר, טײַערע, פאַרגיב...

1961

* * *

ס׳האָט זון מיט רעגן זיך באגעגנט
אין ערעוומײַיקן מישמאש,
פארשוועבקט מיט שוים די רויע
וועגן,
צעפליקט די הײַטלעך אײַז מיט קאס;

די שווארצע ערד האָט זיך גערייכערט
מיט גרינס, וואָס האָט נאָך קיין קאָליר,
און קאלטער שטיין ז׳געוואָרן ווייכער...
— — — — — — — — — — — — —
ווען ס׳טרעפט דער גוס אין הארצן דיר!

1961

טרײַשאַפּט

איך קוק אַף מײַנע הענט געזונטע,
אַף דלאָניעס ערדישע רעליעפֿן,
ווו הייכן בערגלעך זיך באַזונדער,
ווו ריטשקעס־וואַנדערער זיך טרעפֿן.

איך לייג זיי דיר אַף צאַרטן אַקסל,
די הענט מײַנע — מײַן שיקזאַל שווערן.
ניט וואַרף זיי אָפּ פֿון זיך פּאַראַקשנט:
אַזוינע הענט אַף טרײַשאַפּט שווערן.

1961

* * *

איך גלייב אין אייביקײַט פֿון גוטסקײַט,
איך גלייב דעם רעגנדיקן גוס,
וואָס פֿאַלט אַף דר׳ערד, קעדיי צו נוצן זײַן
און אויסגיין אַף איר גרינער ברוסט.

איך גלייב אין אייביקײַט פֿון עמעס,
איך גלייב דער לויטערקײַט פֿון זון,
וואָס קלײַבט ניט אויס, מיט קאָפּ מיט ווּעמעס
צו שליסן איר באַשערטן בונד.

איך גלייב אין אייביקײַט פֿון ליבע,
איך גלייב דײַן יעדן קער און ווענד,
אויב ניט — וואָלט גוטסקײַט זײַן פֿאַרטריבן,
אויב ניט — וואָלט עמעס זײַן פֿאַרשעמט.

1961

* * *

איך גיי און פרעג ניט אָן דעם וועג
אף אופזוכן זײַן הויז.
קאָן זײַן, אז אין אן אנדער קאנט
ער לעבט — עס מאכט ניט אויס.

קאָן זײַן, אז אין אן אנדער דאָרף
און אף אן אנדער גאס,
נאָר ווו איך זאָל אצינד ניט זײַן, —
כ'וועל זײַן בא אים צוגאסט.

דער קאָרן רירט מײַן אקסל אָן,
דער ווייץ דעם שלייף באהויכט
מיט זאפטיקײַט פון ערדן־טיף,
מיט זוניקײַט פון הייך.

און ביז די קני אין מאָן־צעבלי,
ביז האלדז אין פייגל־פלי, —
כ'האָב רעכט צו זאָגן, אז זײַן היים
און אז זײַן הויז איז הי.

מײַן פרײַנט, מײַן ברודער אין געפעכט,
מײַן אומבאוווסטער העלד,
איך האָב דײַן טרוים געזען צעבליט
אף ראכוועסדיקן פעלד...

1961

אָוונט

די זון האָט אָפּגעברענט,
פֿאַרשאָטנט
דעם הימל־צודעק ערדיש־גרוי.
אף מײַנע אַקסלען — ערשטער טוי —
דײַן ווײַטער אָפּגעקילטער אָטעם.

איך וועל די פֿינצטערניש צעשפּאַלטן,
דאָס פֿײַער אופֿוועקן אָפּסנײַ,
אַבי דו זאָלסט ניט דורך פֿאַרבײַ:
דערזעען מיך — דעם טראָט פֿאַרהאַלטן...

1961

דערנעענטערונג

מיר האָבן זיך דערנעענטערט, ווייסטו ווי? —
ווי פֿליגלען מיט דער לופֿט אינמיטן פֿלי,

ווי וואַסער־טיף מיט רונדיקייט פֿון דעק,
ווי שײַן פֿון זון מיט שאָטנדיקן פֿלעק...

און ס'האָט פֿון אונדז דערווײַטערט זיך די וועלט, —
ווי פֿונעם ברעג אַן אומרויִקע וועל,

ווי פֿון אַ פֿעלדז אַן אָדלער אָפּגעשיידט,
און ווי די בלאַנקע שווערד פֿון בלינדער שייד...

1961

ס׳וועט בלײַבן אָט אזוי

דעם פארדינסטפולן ספּאָרט־מײַסטער
לייב סעגאלאָוויטשן

ס׳וועט בלײַבן אָט אזוי, ווי ס׳איז
אין ווײַס־און־שווארץ פֿון מײַנע אויגן:
דײַן קלאַפּ — פּונקט ווי א פײַל פֿון בויגן —
ווארפט אום דעם קעגנער פֿון די פֿיס.

איך וועל באשרײַבן אָט דעם זיג
מיט גאנצן עמעס פֿון א זינגער:
מיר זײַנען דאָך געוועזן יינגער
אפילע מיט א טאָג צוריק...

1961

אייביקײַט

א טראָט, און אָט איז דער גאניידן,
און ס'רינט דאָס גראָז אונטערן ווינט —
א גרינער טײַך, וואָס טראָגט אונדזביידן
אין בלוי, אין טוי פונעם באגין.

און ס'איז קיין לופט מער ניט פאראנען —
אף גאָר דער וועלט דײַן זיסער דופט,
און ווײַט פונדאנען, ווײַט פונדאנען —
פון ערד דער קרעכץ, פון מענטש דער רוף.

נאָר איך, און דו, און פלאמען־ציטער
פון זון אף הימלדיקן ראנד,
און אייביקײַט, וואָס ווערט צעשפּליטערט
מיט יעדן צאפּל פון דײַן האנט.

1961

אָסיען

איך האָב דעם זומער נאָך דערוויסט
אין דינע לעבנס פֿון די גראָזן,
אין גרינע שטעכלקעס, וואָס לאָזן
זיך אַלץ ניט טרעטן מיט די פּיס.

נאָר ס'טוט דאָס האַרץ אַ ציטער קוים
אין דעם פֿרימאָרגנדיקן נעפּל.
דער בושל־ברונעם, וואָס דערנעבן,
ווערט ענלעך אָף אַ הוילן בוים...

צי ווייסט דאָס הארץ

צי ווייסט דער שטײַער, אז ער ברענט? —
צו הייך זײַן פײַער־קאָפּ געווענדט,
צום בלויזן בלוי, צו הוילע הענט,
צום רויטן ראָסט פון קאלטע ווענט.

צי ווייסט דאָס וואסער, אז עס פליסט
אין ווײַט, ווו טאָג מיט נאכט זיך שליסט, —
צום גרינעם פעלד, צו שלאנקע פיס,
צום ערשטן שלונג פון יאם דעם ריז?

צי ווייסט דאָס הארץ זײַן ווילדע מאכט,
וואָס טרײַבט דאָס בלוט מיט שטראָם־געקראך,
ווען ס׳ברענט דאָס לײַב, ווי יונגער סכאך?..
צי ווייסט דאָס הארץ?
עס ווייסט, מיר דאכט...

1961

*

אין שפּעטער האַרבסט



* * *

אָ גאָט, וואָס קאָן איך נאָך,
וואָס קאָן איך טאָן פאר לײַטן?
דעם צאַר פון וועלט פארלײַדן —
פאר מיר דער שווערסטער יאָך.

אזויפיל דוירעס ווײ
מײַן לײַב האָבן געשליפן,
פארטערונקען ווײַסע שיפן,
פון וואלד דאָס גרינס צעווייט.

נאָר שווארצס פארבליבן איז,
קעדיי אין הארץ זיך צילן.
— — — — — — — — — — — — — —
נאָר ס'לעבט (דאנק גאָט!) דער ווילן —
דער שאָטן פון א ריז.

1971

* * *

דער יאַם, איך שווער, איז קינדעריש פאַרטאָן,
קעדיי די מעוועס טאָן צוליב...
דערניבער
ער טרײַבט די וועלן איבער וואַסער־גריבער,
זיי זאָלן ווען ארויסוואַרפן פאַרטאָג

א מויערקאָפּ, א פישעלע, וואָס וואַנדערט
און איבעריקס טוט קלערן וועגן דעם,
וווּהין א וואַסער־קאַם זיך גליטשט...
אויב אַנדערש,
עס וואָלט די מעוועס גיריקײַט פאַרשעמט.

1971

* * *

ווי קאָן איך רויק זײַן, ווען ס׳קראַכט דער יאַם
אַף ברעג,
אַף וואָרצלס אויסטערלישע צווײַגן,
ווען אַלץ אַרום עס רוישט,
און נאָר מײַן שווײַגן
מיט אָט דעם רויש ניט ווילנדיק זיך גראַמט,

איך בין אַדורך אי פֿינצטערניש, אי ליכט,
נאָר ניט באַנומען כ׳האָב די דולע גרויקייט
פֿון קראַפֿט, וואָס מיט דער שפּילגעצײַג פֿון גרויסקײַט
צעשטערט איעדן שפּור פֿון גלײַכגעוויכט...

1971

א האַרבסטיקע ליד

צי דו ביסט ווײַט, צי דו ביסט נאָענט,
צי נאָענט ביסט, צי ווײַט, —
אַט זע:
  אין גראָוון אָוונט
די זון אַף וואָלקן רײַט.

איך בין דיר ליב, צי ניכע,
צי ניכע כ׳בין, צי ליב, —
אַט זע:
  א שפּעטער וויכער
מיט שטילקײַט זיך פֿאַרקניפּט.

איז לאָמיר זיך צעגייען,
צעגייען לאָמיר זיך, —
אַט זע:
  עס פֿאַלן שנייען
דורך רעגנדיקער זיפּ.

1971

* * *

ביז סאַמען ראַנד פֿון האָריזאָנט
נאָר אײַליקײַט פֿון וואַסער,
און צווישן וואָלקנס —
אויבנאָן —
די זון, זי שווימט געלאַסן.

און ס'לאַכט דער ברעג, באַזוימט מיט שוים,
אַ פֿריילעכער — ביז ווײַטעק:
דער יאָם דעם זאַמד באַרירט קוים־קוים,
די זון —
אין וועלט אין צווײַטער...

1971

* * *

מײַן שאָ איז אויסגעצײלט און אָפּגעװױגן
(א שאָד אזא מין שאָ!),
נאָר אײנס איך װיל:
זי זאָל זיך, װי א פֿײַל פֿון לעבנס־בױגן,
ניט אָפּװענדן אין יענעם װעג צום ציל.

מישטײנסגעזאָגט: אזױפֿיל שױן פֿארלאָרן
מער שענערע, מער בעסערע פֿון מיר,
װי קאָרן־בלימעלעך צעװישן קאָרן...
מע זאָגט: אזױ דארף זײַן.
אזױ פּאסירט.

1971

* * *

עס הייבט זיך אָן א נײַער קאָן —
דערשפּירן אים איז שווער נאָך,
ווי שווער איז ניט א ציטער טאָן
צעווישן שוונג פון שווערדן.

אָט ערשט געווען איז ערדיש־פּראָסט
דײַן אייביקײַט דײַן שטילע,
און איצטער, ווי אָף שאַרף די ראָסט —
זיך שווארצט דעם הימלס טפילע.

מיט מיר ווער שטיין וועט זײַט־בא־זײַט, —
איך ווייס ניט
(פרעג מיך גרינגערס),
נאָר צווישן ליכט און פינצטער זײַ
גלײַך ווי א צווײַג א גרינגע...

1971

* * *

וואָס זײַן וועט שפּעטער — מאָרגן אָדער הײַנט, —
איך וויל, ס׳זאָל מיר פּאָרויסזאָגן מײַן פּײַנט.

ער וועט שוין אַלץ אין צעטל זײַנס פֿאַרשרײַבן,
פֿאַרייביקן, ווי מ׳זאָגט;
די ביינער רײַבן
מיט ווערטער, ווי מיט שטיינער, און דערנאָך
אַרופֿוואַרפֿן אויף מיר דעם טריבן יאָך
פֿון וואָכעדיקע טעג, די ניט באַזונטע,
וואָס אויב ניט איך,
זיי וואָלטן ווערן זונטיקס.
איר פֿרעגט, פֿאַרוואָס די פֿרײַנט איך לאָז ניט צו
צו אָט דער זאַך?
כ׳האָב פּײַנט אַ זיסע צונג...

1971

* * *

א רעגן שיסט מיט מאַרגנדיקן טוי
אף בלעטער, וועלכע פאַלן אָן ראכמאָנעס,
ווי ס'וואָלט דער ערד פאַרפעלט הײַנט שאלאכמאָנעס, —
צו יעדן אָנוווער איז דער הימל טויב.

א פויגל דרעמלט אונטער פײַכטער סטרעכע
און שעלט אָן בייז דעם אָסיענדיקן גוס;
ווען ניט די פליגל, — גיין וואָלט ער צופוס,
ווי איך אהיים, אין נעסט...
א ווינט א פרעכער
צעפעכערט צווײַגן נאסע אָן א זין,
און זיי —
זיי שמײַסן מיר אין האלדז־און־נאקן,
און קאליוזשעס, ווי ניסלעך, טוען קנאקן
פון אונטער מײַנע שיך.
פאַר וועלכע זינד
דער אייבערשטער האָט אָנגעשיקט דעם מאבל —
איך האָב (אָן שפּאַס!) קיין טייווע ניט פאַרגרייט,
דערצו אין גאָט איך גלייב ניט.
אדעראבעו!
ביסט פרײַ אין אויסוואל, ווען א רעגן גייט...

1971

* * *

אָ יאַמאַס־גאַס[1], אָ יאַמאַס־גאַס!
מיט דיר האָט מיך דער יאַם פאַרקנאַסט
דער ווינט, וואָס הוליעט פוסט און פּאַס
און פויקט זיך זײַנס אין רונדער פאַס,
וואָס ווײַזט, ווו איז דער באַר פון ביר...

אָ יאַמאַס־גאַס! פאַרקניפּט מיט דיר
האָט מיך דער בלייכער רונג פון זון,
פון הימל־קויש דער גרויער טוי,
וואָס זיך דער שוואַרצער ערד פאַרטרויט
(און יענע ווייסט גאָר ניט דערפון).

אָ יאַמאַס־גאַס, אָ יאַמאַס־גאַס!
דער מעוועס יאָמער פליט מיט האַסט
אַריבער שוימיקן פאַרפלייץ,
וואָס שטילן זאַמד אָן אויפהער רייצט —
ער זאָל אים אָפּטרײַבן מיט קאַס...

אַזוי דאָס לעבן גייט אין יאָג
פון טאָג נאָך נאַכט, פון נאַכט נאָך טאָג,

[1] יאַמאַס־יעלאַ — אַ גאַס אין ריגער פאָרשטאָט מאַיאָרי.

פון װעל נאָך ברעג, פון ברעג נאָך װעל,
פון װעלק נאָך בלי, פון בלי נאָך װעלק,
אַז אַלץ זאָל טרעפן זיך צוגאַסט
אויף יאָמאַס־גאַס, אויף יאָמאַס־גאַס...

1971

* * *

כ׳וועל אָפּטרעטן דער צײַט מײַן וואָפן,
נאָר ניט דאָס ליד, —
עס לעבט אין זיך,
ווי ס׳לעבט א שמייכל אין געזיכט
פארבאָרגן,
כאָטש ער זעט זיך אָפּן.

און דער, וואָס זאָגן וועט, אז כ׳האָב
פארטײַעט עפּעס פון מײַן גלײַכן
צי פונעם קלאל, —
ניט גלייבט: פאר אײַך כ׳האָב
געצאָלט — איך שווער! — די פולע גאָב!

1971

* * *

מײַן שוואכקײַט איז ניט אונטערטעניק:
פֿון שורע כ׳זע די שוואַרצע ריי,
און ס׳שלאָגט אין האַרץ אין מײַנס, ווי שטענדיק,
דאָס,
וואָס דער דימיען האָט פֿאַרגרייט,

פֿאַרהיט צעווישן וועלטס כאַלאַשעס,
צעווישן אומרעכטס שאַרפֿער רעכט, —
אַזוי אין רוים אַ שטומער קנעכט
פֿלעגט קרעכצן אַף זײַן מאַמע־לאָשן.

1971

* * *

פרעג מיך עפּעס ליטעראַרס,
מײַן טײַערער ברודער.
דו זוכסט אַלץ פֿאַרגלײַכן
און ביסט אופֿגערודערט.

דאָס לעבן אַ זאַך איז
בעעמעס אַ הארבע:
פֿון ווײַנען ביז לאַכן —
די גרייס פֿון אַן אַרבעס.

און בלוטן —
אי ריינע,
אי אומריינע —
זידן.
שוין צײַט צו פֿאַרשטיין עס:
דײַן האַרץ איז אינמיטן.

איז לאָמיר עס בענטשן
מיט כאָכמע און גוורע,
מיט רו פֿון דער מענטשהײַט,
מיט אומרו פֿון שורע.

1971

* * *

איך קוק אין דײַנע אויגן ערנסטע,
ווי כ׳וואָלט געקוקט אין יענע, ערשטיקע,

מיט פרילינג־טוי אף ווײַעס פלאַקסענע —
א קינד מיט בליק פון א דערוואַקסענער.

אָט יענע יאָרן שוין ניט אומקערן —
דאָס ניט דערזאָגטע שוין ניט אופקלערן;

אלץ, וואָס געווען, עס וועט שוין פעלן אונדז
ביז — איבערכאַזערן די פעלערן.

איך קוק אין דײַנע אויגן ערנסטע:
ווער ביסט געווען, אוועלכע ווערן וועסט

אין צײַטן־בײַט אין דער אנטשיידענער,
ווו שווער זיך טרעפן,
גרינג צעשיידן זיך.

1971

* * *

אין טיפסטער טיף פון דײַן נעשאָמע
ווען איך פארקוק זיך ווען־ניט־ווען,
באפאלט א שרעק מיך:
טאָמער, טאָמער
פארפרעמדט דיר ווערן מײַנע ווענט?..

ניט אויסצושפאנען דאן די וועגן
פון ווײ און ווייטעקדיקן בראָך...
דעם ווינטס א לעבעדיקער פאָך
וועט טרייסטן מיך פונדײַנעטוועגן, —

און הייסן וועט עס:
זוך ניט מער
אין וואלד, וואָס שטורעם האָט באאָטעמט
און אומגעוואָרפן אף דער ערד,
דאָס גרינע צווײַגל פון כאראָטע...

1971

* * *

„הוידע מיך, הוידע מיך, צוג פון מײַן יוגנט,
אף רעלסן, צעדולטע אין לויף...״

מיט יעטווידן צאפל, מיט יעטווידן ראָד־דריי
זיך הוידעט אהינטער פארנעפלטן גלאָז
דאָס לעטישע פלאך־פעלד מיט לעפישע יאָדלעס,
מיט הארבסטיק־דערשראָקענער גרינקײַט פון גראָז.

פונוואנען די קעלט, וואָס באפאלט דאָ מײַן שטערן —
אין געגעם, אין סדום פון וואגאָנישן טאָג,
אז כ׳קאָן מיט די צעלן פון ווייטעק דערהערן
א לידל אן אלטס, ווי א גוואלד — ניט דערזאָגטס...

„איז הוידע מיך, הוידע מיך, צוג פון מײַן יוגנט...״
מײַן רוקנביין האלט איצט דעם הימל אף זיך.
א לעבן פארפלויגן אין ליארעם פון צוגן,
אין דר׳ערד רוען דוירעס — א שיכט אף א שיכט:

אן אויפל — אן אלטער, אן אלטער — אן אויפל,
פארשטומטע אין שנײַדיקן אָפגרילץ פון ווײַט,
איז ווער האָט א שיט געטאָן מיר אינעם הויפן
דאָס פיצל אמאָליקס?..
דו ענטפער מיר, צײַט!

ניט שוין זשע זיך מינערט, צום סאָף גייט מײַן צוקונפט?
מיט יענער פארגאנגענהײַט גיסט זיך צונויף?
...איז הוידע מיך, הוידע מיך, צוג פון מײַן יוגנט,
אף רעלסן, צעדולטע אין לויף...

1971

* * *

פאראַן, מע זאָגט מיר, א ניטגוטער,
דער גוטער,
ער, ווי האלט אין שטאנד?
אמאָל, מיר דוכט, איך פיל זײַן האנט
אף פלייצע מײַנער, ניט בארוטער.

א דאנק!
די לאסט איך ווארף אראָפּ
און פּרוּוו דעם אָטעם איבערכאפּן, —
זײַן הייפּעך קומט צו גיין אָן כארפּע...
די לאסט —
שוין העכער פון מײַן קאָפּ.

1971

* * *

און ווידעראמאָל איך באדאנק אײַך
פאר שטילן פארגעסן אָן מיר,
פאר צארטקײַט,
וואָס איר האָט פאראנקערט
אהינטער דער אָפענער טיר.

איך דאנק אײַך פאר רויִקן אָנוווער,
וואָס נאָר מיט דערמאָנונג ער שטראָפט;
פאר זונען־קאיאָר
פון דעם אָנהייב,
פאר זוניקער שקיִעה
פון סאָף...

1971

* * *

ווּ ביסטוּ אצינדער, אין קאַנטן אין וועלכע,
מיט זעבאַרע פינגער, וואָס טוען ניט וועלקן
אין בּרייטן און לענגן פון גרויזאַמע וועלטן
(ווי שווער איז דיך בענטשן,
ווי גרינג דיך פאַרשעלטן!)

אין יאָמישן אופבּרויז —
אַנטקעגן לעוואָנע —
ווי קאָן איך בּאַ שטילקייט אַנטלייען דײַן נאָמען,
ווען לופט פעלט אין לונגען אף רופן, אף מאָנען
די מילדקייט,
וואָס זי נאָר בּאַוואַכט דײַן נעשאָמע...

1971

* * *

און אינדערעמעסן, וואָס זאָל עס הייסן —
אדורך א טאָג, און נאָך א טאָג, א וואָך!
און ניט פארגרינגערט איז פון ווײ די וואָג:
איך צאָל איר עכט
מיט אלע זיבן שווייסן.

און פרווו איך זיך דערמאָנען וועגן דיר,
א שמייכל טאָן אין הייכל פון דײַן אומעט, —
א שרעק באפאלט:
צו דיר בין איך געקומען,
אוועק פון דיר —
ניט אופזוכן קיין טיר...

1971

* * *

דו ביסט צעווישן אונדז — א ווילדער זאָמען,
וואָס איז אהער פארשלײַדערט מיט א שטראל,

אין איינעם, ריינעם פרי, ווען הימל פאלט
אף דלאָניעס פון דער ערד, קעדיי דערמאָנען,

אז ס׳איז פאראן אן אנדער וועלט אין וועלט,
א ניט פארצייכנטע אין קלוגע ביכער,

ווו ווארעמקײַט פון בלוט און הארץ פארזיכערט
די אייביקײַט
מיט עכטקײַט פון איר קעלט.

1971

א וויגליד מאריאנען

הער זיך צו,
וװי ס׳וואקסט א שטורעם,
ערגעץ ווו —
אין קאנטן וויַיטע,
דאָרט אין רו פון וויגוואם־טורעם
שלאָפט די ליולקע האיאוואטעס.

שלאָפט דער אש, פון רויך פארוויגטער,
שלאָפט דער רויך, מיט אש באשאָטן,
שלאָפט א פעדער אין א פליגל,
שלאָפט א שטראל אין שייד פון שאָטן.

אָט דער שטראל גייט אָן דעם וויכער,
אים, דעם דיגינקן, איז נייטיק
אלץ צונויפבינדן אף זיכער —
ערד מיט יאם און פרייד מיט ווייטעק.

שלאָף זשע, פיצל מאריאנע,
ביז ער וועט צו אונדז דערשמייסן...
דיַינע אויגן, ווי צוויי יאמען,
טראָגט דער פרי אין זיַינע וויַיסלען.

1971

* * *

איך בעט: ניט לייגט אף זיי קיין אכט,
אף מײַנע שורעס אכט — די קורצע,
איך שרײַב זיי, גלייבט, אָן קיין שום קונצן,
ניט שטענדיק, עפשער, גוט באדאכט;

ניט אַלעמאָל כ׳זע אויס געדעכט
(א וואָרט, א צווייטס זיך בעט פאריכטן!),
נאָר איינס איך ווייס —
און דאָס איז וויכטיק:
די שורעס אכט, זיי זײַנען עכט.

1971

יאַן ספּאַרעס אַנדענק

אַ ליבער, אַלטער, גוטער ספּאַרע,
באַרימטער רוסישער אַטלעט!
אַזױפֿיל צײַט זיך זען געסטאַרעט,
דיך זען אַצינד — אַ שאָד! — שױן שפּעט.

אַמאָל אין יענע װוילע יאָרן,
װען פּריש געאָטעמט האָט די װעלט,
איך בין צו דיר אַהער פֿאַרפֿאָרן,
צום ריגער אײַנגוס.
יוני־קעלט

געװוען איז דאַן אין זאַמד פֿאַרשטאָכן,
מיט ריטלעך ציט׳ריקע באַזוימט;
אַריבער װינטס געשװלטע „אָכן״
דער הימל יאַמיש האָט געשױמט.

און מעװועס אױף די װאַסער־קאַמען
געהױדעט האָבן זײער שטאַלט,
און איך בין יונג געװוען.
צוזאַמען
מיט מיר ביסט אױך געװוען ניט אַלט.

דו האָסט געקנעלט מיט מיר די טוירע
ניט צופֿיל אײדל, נאָר ניט גראָב:

„פאר קאלטן שטאָל ניט האָב קיין מוירע,
פאר קאלטע הערצער מוירע האָב...״

דערנאָך, ווען ס׳האָבן שוין די גלידער
פון „אײַזערנער״ געהודעט „שפּיל״, —
געלייענט דיר כ׳האָב מײַנע לידער,
און דו פלעגסט שמייכלען אין דער שטיל,

דעם סיוון קאָפּ, א האלב פארנויגטן,
אַף פינגער שווערע אָנגעשפּארט...
ווי בא א פאָטער, דײַנע אויגן
געווען זײַנען פארכאָלעמט־צארט...

אָ ליבער, אלטער, גוטער יאניס,
בארימטער רוסישער אטלעט!
איך שטיי אצינדער בא דײַן גאניק,
א מאָסקווער ייִדישער פּאָעט.

פארגיב מיר, וואָס איך האָב פארביטן
די לאסט פון אײַזן אַף א פּען.
איך האָב פארזוכט אי זיס, אי ביטערס,
נאָר דיר, מײַן פרײַנט, כ׳בין טרײַ געווען.

אויך הײַנט צו טאָג איך פאָלג דײַן טוירע, —
ביז לעצטן קער פון זונען־ראָד:
„פאר קאלטן שטאָל ניט האָב קיין מוירע,
פאר קאלטע הערצער מוירע האָב...״

1971

* * *

און ווידער קרייט א האָן
אין פרי אין גרויען,
וואָס קײַקלט בלויען מאָן
(פּאָעטיש — טויען).

ער פּראווועט זײַן קאָנצערט
אַף אלטן פּארקן,
זײַן עק באשיט די ערד
מיט הימל־פארבן,

זײַן שארפער רויטער קאם
איז ווי א זעגל,
וואָס האָט זיך מיטן יאם
אָט ערשט געזעגנט.

נאָר מיר אן אנדער זאך
דעם זינען זעטיקט:
כ׳דערמאָן זיך אונדזער דאך
אין אלטן שטעטל,

און פּונקט אזא מין האָן —
א ראָהאטשאָווער, —
זײַן האָנאָר האָט באטאָנט
מײַן ווײַטן אָוואר...

א בראָכע אין דײַן האַלדז,
מײַן זינגער ריגער, —
דײַן פּלײַס —
אַף האַלב
כ'בין שוין אַ היגער.

1971

* * *

ס׳דערנעענטערט זיך די שאָ פון אונטערשטן סאַכאַקל —
און אונטער מיר די ערד זיך טוט א וואַקל,

ווי עפּעס וואָלט צעשטערט איר גלײַכגעוויכט...
צי שטענדיק טיכטיק איז געווען דײַן פליכט

פאַר צײַט און מענטש?
צי האָט דײַן האַרץ געפּלאַטערט,
ווען ס׳פלעגט זיך אויסגעבן א יאָר ניט זאַטער,

א גזאַר, אַן אומגליק אין א וויסטן טאָג?
דאָס פרעג איך זיך אליין —
מיט בלוטן־שלאָג
אין שלייף, אין מאַרך, אין קאַרבן פונעם שטערן.

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב שווער געלעבט —
דער וועלט זאָל גרינגער ווערן.

1971

* * *

פאַרוואָס דאַרף איך זיך אויספּײַנען פאַר זיי,
די גרויע פייגלען — די, מיט געלע מײַלכלעך:
זיי טוען קומען שפּעט צו דעם פּאַרזיי,
דערפאַר זיי שלעפן פרי דאָס גוטס אין שפּײַכלערס.

זיי ווייסן דען, ווי פרילינג־צײַט עס שמעקט
די שוואַרצע ערד, וואָס איז שוין פול מיט גרינקײַט.
די ערד, זי טוט איר רעכט —
מיט גראָז פאַרמעקט
איעדן שפור פון פייגלס בונטער גרינגקײַט.

1971

* * *

וואָס בלײַבן וועט נאָך מיר?
די שורעס מײַנע.
פון שווארצער ארבעט זײַנען זיי פארשווארצט.
זיי העל מאכן נאָר קאָן דאָס רויטס פון הארץ
און ווײַסער אומשולד פון מײַן יעדער טײַנע

צו אײַך.
אויב אויסזאָגן דעם ריינעם עמעס, —
איך מיין, אז עפּעס פעלט אײַך צו פארשטיין,
פארוואָס אמאָל פארגייט זיך אין געוויין
מײַן אומגעדולד צו העלפן דעם און יענעם —
ביז זיך פארגעסן
(מיינען: מײַן געמיט,
ער איז דער רויקסטער אין וועלט אין טריבער...)
דערפאר טאקע איך בעט בא אײַך מעכילע.
איך האָב אײַך ליב.
ניט שעמט זיך מיטדערמיט.

1971

* * *

אלץ קאַרגער ווערט מײַן פרייד — פון טאָג צו טאָג,
און שטײַפער האַלט איך זי אין דלאָניעס מײַנע,
מיט יעדן קער און ווענד צו גאָט איך טײַנע:
„פאַרוואָס?״
נאָר ער דעם עמעס ניט דערזאָגט.

ער פּרוּווט מיר פאַרוואַרפן דעם יונגן כּיעס
פון פריִיקער, מיט זון באַשפּריצטער ערד,
ווען מיר די גאָרע שיינקײַט האָט געהערט
אין לויכטנדיקן שאָטן פון די וויִעס —

פון דײַנע, דײַנע, דײַנע
(ווי א גלאָק
דאָס וואָרט מיר קלינגט דורך ווײַט פון מײַן דערמאָנונג),
ביז ס׳נעמען ציטערן די פּוסטע דלאָניעס...
אזוי־אָ, גאָט, דײַן אומרעכט מע באַקלאָגט.

1971

* * *

א געלער בלאט באַרירט מײַן אַקסל קוים
און נידערט צו די פיס — געהאָרכזאַם, רויִק,
ווי זאָגן וואָלט ער:
שולדיק איז דער בוים.
כ׳בלײַב שטיין, און מײַנע אויגן ווערן טויִק.

ווי ענלעך צו דעם בוים, מיר גיבן אָפּ
מיט גרינגגן האַרץ דאָס לײַבלעכע, דאָס לעצטע
און סטאַרטשען אונטער שנייען, אונטער נעצן,
ווי ס׳דוכט זיך אונדז —
אין טרוים! —
מיט שטאָלצן קאָפּ.

1971

* * *

זײַ מאסקים! לאָמיר גײן אין א געוועט,
און צו דער הויכער זוניקײַט זיך ווענדן:
צי פרי געקומען הײַנט דער טאָג, צי שפּעט,
און ווען די נאכט איר סודע האָט פאַרענדיקט.

די אויגן מײַנע האָט דער שלאָף פאַרפּעלט;
ווײַזט אויס, געוואַרעמט זיך בא געלע שײַטערס
פון רײַכן בלעטערפאַל.
די גאַנצע וועלט
געלעגן איז פאַר אים פון האַרבסט געשײַערט.

דערפאַר האָב איך פאַרזען, ווי דער פאַרטאָג
אַף וואָלקנס האָט צעלייגט זיך ווי א קייסער...
פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס מײַן האַרץ עס נאָגט:
כ׳האָב נעכטן דיך געזען, צי הײַנט —
איך ווייס ניט.

1971

* * *

עס ענדיקט זיך דאָס בייגעלע פּאַפּיר.
א לעבן גייט צו ענד, —
פאַרטראַכט זיך, ליבע...
אין אײַלעניש, אין האַוועניש זיך פירט
זײַן ניכטערער:
שוין צײַט דעם טהאָם אַריבער

פון מילדקײַט, און פון פּראָסטקײַט, און פון עמעס...
נאָר וואָס איז דיר מײַן
נעבעכדיקער מיין,
און וואָס איז דיר מײַן לעבעדיקער רעמעז:
איך ווייס —
נאָך יענעם טהאָם איז גרינגער גיין.

1971

* * *

דאָס פײַער לעבט אין אָפּגעקילטן אַש.
זע: פונקען הילן זיך אין ווינטס א פּאָלע
און שליסן מיט דער לופטיקײַט א שאָלעם,
און עגבערן דעם פינצטערן מישמאַש

פון הארבסטיקן געפריר,
פון ווערטער טריבע,
פון ווײַסלען, וואָס זיך בלייכן, פונקט ווי אײַז...
דו גלייבסט מיר ניט —
אָט האָסטו א באַווײַז:
די שורעס די מיט פלאַם זײַנען פארשריבן.

1971

* * *

איך כידעש זיך —
אדורך אזויפיל יאָר,
אוּן שארף איז נאָך די היץ פון אונדזער טרעפונג
אין דעם גאניידן.
טו זיך א בארעכן:
מיר האָבן, דוכט זיך, קיין זאך ניט געשפּאָרט

אין יענעם שווּנג, וואָס יוגנט הייסט (צי אנדערש?),
ווען, ווי א פונק, דאָס פײַער האָט געדולדט
דײַן ליבן איבערפאל פון פליכט און שולד,
דײַן צארטן —
דורך מײַן הארץ —
ניט גיכן וואנדער;
צום סאָף — די שווּע, וואָס בא ראנד פון נאכט
האָט זיך מיט העלן שטערן־שריפט געצייכנט
אף זײַלן טונקעלע פון הימלס הייכל...
ביז איצט דו האָסט זי ניט ארויסגעבראכט!

1971

* * *

דער הימל האָט הײַנט זיך געזעגנט געהיים —
אהינטער דעם צאָם פון צעפלאַקערטעביימער,
נאָר אָט האָט א שטראָם געטאָן זוניקער בוימל
אין טײַך ליעלופּע — אף אַ־ר און שליים.

און פרײַנט מײַנע טריבע — צוויי פערדלעך באַם ברעג —
פון נעפּל ארויס זײַנען, פּונקט ווי פון נעכטן,
און ווארעמע פּיס שוין מיט גראָזן זיך פלעכטן,
ווי זוכן זיי וואָלטן אין מאָרגן א וועג...

כ׳בין גליקלעך.
דו גלייבסט ניט: באַם הארץ מײַנעם פרעג:
ס׳איז קיינמאָל די וועלט ניט געווען אזוי פּרעכטיק!

1971

* * *

א נײַע נאַכט, א לופטיקע, א יונגע...
און וואָס איז איר דער אָסיענדיקער וועלק!
זי רינט אַרײַן אין צווײַגן און אין לונגען
מיט רירעוודיקן כּעס פון דער קעלט.

איך גיי זיך פּאַזע ברעג, דעם ווינט אַנטקעגן,
א ביסל אײַנגעהויקערט, ווי עס פּאַסט
א מענטשן, וואָס איז דורך ניט ווייניק וועגן
און איז באַפרײַט פון בײַטן ווען זײַן פּאַס.

אזוי איך שפּרײַז — פּאַוואָלינקע, געלאַסן
(ניטאָ וווהין צו אײַלן זיך, איאָ?),
און נאָר דאָס האַרץ מיט האַסט דאָס בלוט עס יאָגט,
ווי ס׳טרײַבט דער יאַם
אויף האַרטן זאַמד
דאָס וואַסער...

19/1

* * *

א מאָדנע זאַך
(איך קאָן זיך ניט דערטראַכטן!),
פאַרוואָס אין מיר — ביז ביין — די צאַרטקייט זיצט
און סאַרפּעט מיך מיט איר געהיימער היץ, —
איך זאָל אַף גאָרער אומרעכט געבן אַכטונג.

די קויכעס גייען אויס אין אָט דעם שטרייט,
און אָטעם פּעלט,
קעדיי אַ פריינט צו רופן,
און ס׳ברעכט זיך אונטער שווערער לאַסט דער רוקן,
און נאָר דער שאָטן שוואַרצט זיך זייט־בײ־זייט.

כ׳פאַרפרעס די ציין ביז ווייטעקדיקן צאָרן:
כאָטש דו, מיין שאָטן־צווילינג, ניט פאַראַטט!..
אַמאָל האָט מיר אַן אויג אַ גוטס פאַרשאַט,
און כ׳קאָן אים ניט פאַריכטן, דעם כיסאָרן...

1971

* * *

און נאָך א טאָג.
דער טאָגבוך פון מײַן דויער
איז הײַנט פארפולט מיט לופט, מיט רעגן־דרויב.
צום רויש פון יאם מײַן אויער איז שוין טויב,
ווי צו דעם סקריפ — גאנצפרי — פון הימלס טויער.

מײַן גאנצער וועזן איז אצינד פארשפיצט,
גלײַך ווי דער בלײַפעדער אף טיש אף רונדן, —
צו יעדער נײַס, וואָס פלוצעם טוט א בליץ,
צו יעדן נעס, וואָס פלוצעם אונדז פארוואונדערט.

און איר, דער צײַט, אלץ שטעמפלען איז ניט נימעס
פון ליכט און פינצטער קאָפּיעס — ריי נאָך ריי...
אוי, ווען זי קאָן דאָס רעדל טאָן א דריי
פארקערט, און איבערטרייסלען די רעשימע

פון זאכן און פון זיטן, שוין באוווסטע
(עס שפּארט פון מיר פאנטאזיע אָן א שיר...).
נאָר אָט איך הער: אין קיך קלינגט דאָס געשיר,
אהינטער וואנט — דעם שאָכנס איידל הוסטל, —
און דאָס באטײַט: מע דארף צום פרישטיק גיין.
אוואדע, צײַט!
איך גיי ארויס אין דרויסן,
ווו הימל וויגט זײַן בלוי, דער יאם טוט רוישן
און כידעשט זיך, וואָס כ׳קאָן אים ניט פארשטיין...

* * *

כ׳האָב וועגן דיר געטראַכט, כעמינגועי,
באַ ברויט און זאַלץ פון מײַן ניט־רײַכער סודע.
דורך ווײַט און צײַט
דײַן אומעטיקער ווײ
האָט מיך מיט שפּעטן פּאָרוווּרף אופגערודערט.

ניט אויסקלאָרן דעם סוידעספּולן בונד
פון מענטשלעכע ניט ענלעכע נעשאָמעס,
ווי קיינמאָל ניט דערגראָבן זיך צום גרונט
פון גוטסקײַט, וואָס אַמאָל מע רופט „ראַכמאָנעס״.

און דאָך כ׳וויל זאָגן
(לאַכט פון מיר, ווער ס׳ווילו!):
פון גרײַזן קאָפּ דײַנעם אין וועלט געוואָרן
איז ליכטיקער און עפּעס מאַנצבלש־מילד,
און גוורע האָט איר גראָבקײַט אָנגעוואָרן.

מיר דוכט זיך אָפּטמאָל, אַז איך הער דײַן שטים
דורך קרעכץ פון נאַכט, דורך טאָגס צעשפּילטן ליארעם,
און ס׳גלייבט זיך, אַז דײַן שיפל ערגעץ שווימט —
אַ שאָטן איבער שניי קילימאַנדזשאַרן.

1971

א גרוי לידעלע

דאָס הארץ — באפרײַט פון אומעט,
דער קאָפּ — פון דײַגעס פרײַ, —
איך ווארט, דער טאָג זאָל קומען
באזונט און שפּאָגל־נײַ.

פון מיזרעך און ביז מײַרעוו
איך שפּיר איעדן ריר
פון בלייכער שײַן אין כמארעס,
אין פראָסטיקן געפריר.

א גרויקײַט רינט פון אויבן,
באזוימט מיט גרויען טוי —
ביז מײַנע שווארצע אויגן,
איך פיל, זיי ווערן גרוי.

אָ אייבערשטער, אָ פאָטער,
דו זײַ א מענטש — און העלף:
פון גרוי ווי ווערט מען פאָטער,
ווען זונען־שײַן פארפעלט?

ער ענטפערט ניט, מיסטאמע,
מײַן יידיש אים ניט שמעקט...
און גרוי, געדיכט ווי סאמעט,
דאָס לידעלע פארמעקט.

1971

* * *

ווי יונג מיר זײַנען דאָן געווען, ווי נאַריש!..
ווי ברודעריש געווען איז אונדזער קרײַז!
איין לוסטע ברויט האָט אַלעמען געשפּײַזט,
איין זון —
ווײַסרוסישע —
האָט אונדז געוואַרעמט.

דער ווײַסער מילך־וועג, ווי אַ זשמעניע זאַלץ,
פֿלעגט יענע לוסטע קאָרענע באַשיטן,
אונדז יאָגן פֿלעגט אַ סקריפּענדיקער שליטן —
דורך טויערן פֿון ווינט —
צום האַרץ דעם וואַלדס.

די ציטעריקע גאַרבן פֿון קאַיאָר
אין פֿעלד מיר פֿלעגן טוליען צו דעם הימל;
אין ערשטן שניי־שיט — לופטיק־פֿרײַ געווימלט,
ווי מײַ־זשוקלעך — אום פֿרילינג —
אין די האָר.

אין וואַרעמקײַט פֿון אָפּגעקילטער שטרוי
מיר פֿלעגן זיך פֿאַרנורען אונטער סטרעכעס,
און האָניק־זאַפט פֿון בלומס געטרונקען בעכער,
און פֿרישן טוי געקליבן, פּונקט ווי שרויט...

ווי יונג מיר זײַנען דאַן געווען, ווי נאַריש!..
ס'איז פרייד און צאַר נאָך ניט געווען צעטיילט,
ווען ס'האָט דער גזאַר
אויף איינס און צוויי צעציילט
אונדז,
קינדער נאָך,
אין בלוטיקן אַליאַרעם.

דעם שטערן־אויסשיט האָט צעפיקט דער שרויט,
פון פלאַם פאַרשוואַרצט געוואָרן זײַנען גאַרבן,
און האָניק האָט געדרונען אויף מײַן שאַרבן —
און מיר, ווי איך,
וואָלט זיס געווען דער טויט, —

נאָר כ'בין אַדורך די טויערן פון לייד,
ווי יענע —
ווינטיקע —
אין וואַלד פון לעבן.
מיר גלייבן,
אַז איר וועט מיר פאַרגעבן,
וואָס כ'האָב מיט איך אָט דעמלט זיך צעשיידט...

1971

* * *

איך שפּיר:
די צײַט אונדז האָט שוין אָפּגעשיידט —
דער איימיקער געיעג
פון טעג
פון טריבע,
וואָס זיי דער הײַנט, ער שלעפּט ארויס פון שייד,
גלײַך ווי א שווערד.
איז האָב זשע ניט פאַריבל,
פאַרוואָס מײַן האָרץ אצינדער איז אנטבלויזט...
איך גלייב נאָך אלץ אין מישפּעט אין גערעכטן:
ס׳קאָן קיינער ניט פאַרמעקן אונדזער נעכטן, —
בלויז טויט.
איך ווייס ניט פון אן אנדער בלויז.

1971

* * *

איך ווייס: פאראנען בעסערע פון דיר
(צי שענערע פון דיר ז׳פאראן — איך ווייס ניט), —
אזא מין קנאפע טרייסט —
מיך טוט ניט טרייסטן,

פארקערט:
פון וועג אין אומוועג זי פארפירט.

איך האָב ניט מוירע פאר דער שוואכקייט מײַנער —
יאָ, כ׳האָב דיך ליב, אצינדער ווי אמאָל,
נאָר קיינמאָל —
הערסט? —
מײַן בענקענדיקער קאָל,
עס וועט ניט קלינגען הילפלאָז, ווי א טײַנע...

1971

* * *

אָ, שפּעטער הארבסט,
אזוי ווי דו, כ׳בין רײַך
מיט מי,
מיט מידקײַט
און מיט מאזל־בראָכע,
מיט סוידעספּולן פּלוס פון הימלס טײַך,
מיט בלעטערפאל,
מיט צארטן אפצולאָכעס
פון גראָז, וואָס וויל ניט וועלקן דאָ און דאָרט,
מיט שארפן ערד־געררך,
מיט ווינט, וואָס שקאָציש
זיך פירט (ווי ס׳פּאסט א ווינט!)
און מיט א וואָרט,
וואָס פרילינג־צײַט דאָס הארץ האָט אָפּגעשפּאָרט —
א שטילס, א ניט פארזייטס
און שוין — א שפּראָצלינג.

1971

* * *

דו האָסט דאָס רעכט
צו זײַן מיט זיך צופרידן —
מיט אַלדאָס רעכטס,
וואָס דיר האָט ברייט געגעבן
דער לעבעדיקער נעס
פון אונדזער לעבן,
דער איימיקער פאַרמעסט
פון קריג און פרידן.
איך בין אַ קינד דער ערדס, אַ בוים אין וואַלד אירס,
אַן אָפּצווײַג פון אַ צווײַג,
אַן אָפּוועג פון אַ וועג,
אַן אָפּהילך פון דער צײַט, פון שלאָף וואָס וועקט,
קעדיי אַ ווײַטן ווײ־געשריי פאַרהאַלטן...

1971

* * *

דעם ווײַסרוסישן שרײַבער וואסיל ביקאָוו

איר, די געקומענע פון קריג,
נאָר ניט געקומענע אהיים,

ווייסט:
אײַער ווייטעק כ'האָב געוויגט —
פון יענעם טאָג ביז הײַנט —
גערהיים.

איר פילט זיך שטענדיק, ווי אין גערסט:
דאָ ווייניק ווארעם, דאָרטן — מער...
אין גרויסער וועלט
אײַך פעלט
— א נעסט —
איך מיין,
ניט גרעסער פון א טרער.

1971

* * *

דער זומער טראָגט זיך אָפּ מיט האק־און־פּאק
פון בליצן און פון היצן —
פּרווו פארהאלט אים...
אף זײַנע שפּורן שלײַכן שלאקסן קאלטע,
און גרוי זיך שיט פון הימלס פּוילן זאק.

נאָר דאָס איז נאָך, באשײַמפּערלעך, ניט הארבסט,
איר גלייבט ניט?
נאט אײַך וואָגיקע באווײַזן:
די שווערע צווײַגן לאָזן זיך ניט שמײַסן —
באם ווינט דעם קײַסן שיר ניט פּלאצט דאָס הארץ;

א וואָרצל שנײַדט זיך טיפער אינעם גרונט,
און גראָזן, איידל־לײַט, אים גיבן אייצעס;
און שקיִע אין גוטמוט צעלאָזט די לייצעס
די זוניקע אף יאם און ברעג;
א הונט
פרווט פונעם שאָטן אייגענעם אנטלויפן
און ווארפט אן איימע אָן אף פייגלס צאד;
אן אָוונטיקער נעפּל קנוילט זיך צארט
און לאשטשעט זיך צום פישערס שײַטערהויפן...

און איר זאָגט: האַרבסט!
עס הייבט זיך גאָרניט אָן!
פֿון מײַן אַקשאָנעס לאָז אײַך גאָט באַהיטן!
כ׳בין גרייט אַצינד דעם זומער איבערהיפּן:
דײַן יונגער פֿרילינג האָט זיך מיר דערמאָנט.

1971

* * *

א שפור פון א כוואליע איך זע אפן זאמד —
א צייכן א צארטער, אן איידל פארגלעטער...
און נעכטן דער יאם האָט אף דיונעס געקלעטערט,
מיט שטיינער באשאָסן דעם ברעג נאָכאנאנד;

די סאָסנעס אף ווינטישן נאקן געבויגן,
מײַן שלאָף אופגעריסן מיט ווילדן געוווי...
אזוי איז געוועזן ערשט נעכטן, אזוי.
ווער מער איז גערעכט: דער זיקאָרן, די אויגן?..

1971

א וויסטער כאָלעם

דער מוילעד הענגט א דינער, ווי א שניט,
נאָר שאָטנט שוין מיט רויטס אין וואָלקנס קופּע...
אין יונגן אומשולד זײַנעם גלייב איך ניט, —
מיר דוכט, ער וואָרנט שארף:
א נײַע טקופע.

פון וועלט און מענטש געפינט זיך שוין אין וועג,
אז קיינער ווייסט ניט, וואָס קאָן טרעפן מאָרגן,
אז ס׳קאָן זײַן סערפּ זיך טרעפן מיט מײַן גאָרגל...
...ווען ניט די זון — כ׳וואָלט זיך ניט אופגעוועקט!

1971

* * *

פון קינדהײַט אָן כ׳האָב מוירע פאַר א ווינט,
ניט ווײַל ער עגבערט דורך מיט פרישן אָטעם
א בלעטער־צודעק,
צי דאָס גראָז, באַשאָטן
מיט מיסט,
וואָס וואלגערט זיך פון לאנג, פון זינט, —

ווי הערן כ׳פלעג אין שטוב, —
סאָבעסקיס צײַטן
(אזא מין מיילעך איז געווען אמאָל!)...
ניין, ניט דערפאר.
א ווינט אזא כ׳האָב האָלט
און מיט געוויסן ריינעם כ׳קאָן פארלײַדן.

כ׳האָב פײַנט, ווען ער פארשיט די אויגן מיר
מיט יענעם מיסט, וואָס טוט דאָס גראָז באַשווערן,
מיט בלעטער־דרויב, וואָס מיר פארשטעלט די שטערן,
ווען כ׳רייד מיט גאָט אין נאכטיקן געפריר.

1971

* * *

ווען ס׳הארץ דײַנס שטומט, אף וועמען זיך פארופן,
אז איך —
איך בין דער זעלבער, ווי געווען, —
א שווײַגער, וועלכער טרײַבט צו אַלדי רוכעס
די זיסע ווערטער־קוועטשער...
ווען־ניט־ווען

די הענט בא מיר מיט האסט זיך טוען שטרעקן
צו זייער לאנגער צונג.
נאָר כ׳האלט זיך אײַן:
אָט יענע געננדז, די גראגערס ניט דערשרעקן!..
בא סיווע האָר מע דארף שוין קליגער זײַן.

1971

* * *

אָ איבערזעצער מײַנע, גוטע ברידער!
אין אָדערן בא אײַך מײַן בלוט עס רינט;
דעם ווייטעק אייגענעם איר שפּרײַזט אריבער
און אין מײַן וויי זיך גוירלדיק פאַרשפּינט.

אמאָל, ווען ס׳קומט א וואָרט ניט אפן זינען
און ס׳בלײַבט פאַרשעמט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, —
אין אײַער שטילן מיטלײַד כ׳טו געפינען
דאָס, וואָס אין אונדז די אייביקײַט פאַרלירט.

1971

* * *

פאַר אײַך כ׳בין אָפן:
נעמט איעדעס ליד
און טײַטשט, ווי ס׳טוט דער גוסט און סייכל פירן.
גלייבט:
פון אזא מין זאך כ׳וועל ניט קראַפּירן,
און כוישעד זײַן אין שלעכטס כ׳וועל קיינעם ניט.

נאָר דאָך איך מוז איין איינצלהײַט באַטאָנען:
ניט לייענט צווישן שורעס מיך.
אומזיסט
צעטרענצלען וועט איר צײַט,
ווען מיר איז זיס, —
די מינדסטע שורע מײַנע שמעקט מיט האָניק.

1971

* * *

מיר האָט געדוכט זיך:
איך האָב גוט פארשטאנען
די גוטסקייט פון דער ערד (א לעבן דורך!), —
און זעט:
כ׳בלייב שטיין בא אומעטיקע טאנען,
א שיקערער פון הארבסטיקן גערוך,

און פרווו באם וואלד באם שיטערן אנטלייען
גוטמוטיקייט א קאפ.
איאָ, א יאָלד?
אז גאָר די פרייד זיינע איז ווערט א דרייער:
קוים־קוים זיך מיטן זומער־לעב צעצאָלט...

1971

* * *

איך זוך פארשטענדעניש מיט זיך אליין, —
אזוי די ערד זוכט שאָלעם מיטן הימל...
שוין צײַט!
מיך שולט ד'ער מארך, —
דו דארפסט פארשטיין
דײַן אָרט אין לעבנס גרויזאמען געווימל!

נאָר איך פארלאָז זיך אף מײַן הארץ.
ביז הײַנט
עס האָט געהאלטן מיך אין הארבע צוואנגען:
כ'האָב פרײַנט דעראָבערט,
דאנקען גאָט, כ'האָב פײַנט, —
וואָס קאָן א שטערבלעכער נאָך מער פארלאנגען!..

1971

* * *

באַ מיר קאָנט איר פֿויגלען אַזוינס און אַזעלעכס —
דער שיקזאַל, איך ווייס, איז ניט שטענדיק גערעכט:
מיט בראָכע ער ווײַזט זיך אַף איינציקע שוועלן,
די שוועלן די צווייטע — מיט קללה פֿאַרשוועכט.

אויב וויסן אײַך גלוסט זיך:
מײַן ברייטקײַט פֿונוואַנען?
(איר זעט דאָך, איך בין ניט קיין אויסנאַם פֿון כּלל)
פֿון פֿאָלק מײַנעם קיינמאָל כ׳בין ווײַט ניט געשטאַנען:
ווי אַלט איז זײַן וועלטעק —
אַזויפֿיל כ׳בין אַלט.

1971

* * *

ניט ערגער זיך, טײַערע.
שטילע פאַרדראָסן,
זיי זײַנען נאָך שאַרפער פון שנײַדיקן גרויל.
אפילע א הארץ קאָן אויך ווערן פארקוילט,
ווען שטראָמען — די שטומע — עס טוען פארלאָזן.

ניט מיין: כ׳וועל דיך טרייסטן.
איך קאָן דיך ניט טרייסטן...
נאָר סײַווי
די שווײַגעניש מײַנע איך ברעך,
און ווידער איך ווארף זיך אין בלוטיק געפעכט
פאַר דיר.
דאָס איז ליבע צי אייפער —
איך ווייס ניט...

1971

* * *

איך גלייב, אַז איך וועל אויסהאַלטן דעם פּרווו
פון פּרוּוון ייִנגער ווערן (אָדער אויסזען), —
דערפאַר איך רוף זיך אָפּ אַף ווינטס אַ רוף
און גיי מיט אים — באַצווייט — אין וואַלד אין לויזן,

אין האַרבסטיקן.
און פרעגט מיך, צי ס׳איז שיין
אין בונטן בראַנד דאָס שטעגל צווישן ביימער,
כ׳וועל זאָגן אײַך אָן קרומען מיין, אַז ניין,
איר קאָנט מיר איבערוואַשן מײַנע ביינער, —

ס׳וועט מיך ניט אָפּשרעקן אײַער גוואַלד:
אַ דיכטער מיט אַ קאַלטן לונג־און־לעבער!
כ׳האָב ליב, ווען גרינער פײַער צינדט דעם וואַלד, —
אַ גרינע צווײַג באַשירעמט דאָן מײַן לעבן.

1971

* * *

א נײַער באַנד פֿון מײַנע נײַע לידער —
דאָ, אויפֿן טיש, —
און שוין ניט מײַנע מער.
מײַן פֿרייד און לייד, זיי זײַנען שוין אַריבער
דעם טהאָם פֿון אין דער נאַכט פֿאַרווישטער טרער.

אַלץ, וואָס איך האָב פֿון אײַך אַמאָל פֿאַרבאָרגן —
אַפֿילע נעכטן! — אין געדאַנק־געפּענק,
זיך איצט אַנטפּלעקט...
אַזוי דער הײַנט, ער שענקט
זײַן אופֿריכטיקע ערנסטקײַט
דעם מאָרגן.

1971

* * *

די לעצטע טעג פון אָט דעם הארבסט דעם שפּעטן...
זיי זײַנען אויסגעבלייכט, ווי שײַן אין שויב,
דאָס גראָז פאַרוויאַנעטס לאָזט אַף זיך שוין טרעטן
אפילע דעם צעשפּריצטן רעגן־דרויב.

פון ווינטיקן געלאָף אַף קאַלטע זאַמדן
מיט ווילדער אָפּגעזונדערטקײַט פאַרשמעקט,
ער פּאַטשט אין פּלייצע: טו זיך ניט פאַרזאַמען —
דאָס לעבן קורץ איז, לאַנג איז נאָך דער וועג.

פאַרהייבסט דעם קאָלנער פון דײַן אַלטן מאַנטל —
מע דאַרף אַמאָל אויך אויסהערן אַ ווינט, —
ביפראַט, ווען דו אַליין שוין פילסט דעם מאַנגל
אין צײַט:
איר קלומעק שטײַפער זי פאַרבינדט.

די לעצטע טעג פון אָט דעם הארבסט דעם שפּעטן...
אין אײַער אומרו זיס מײַן אומרו רוט.
טוט נאָך אַמאָל מיך ווען־עס־איז פאַרבעטן
אהער,
אויב כ׳וועל נאָך הערן אײַער רוף...

1971

* * *

א גאנצע נאכט האָט שווער געראָדערט
דער יאם —
געגאנגען אפּן ברעג,
ווי ס׳גייט א ברודער אָף א ברודער,
ווען יענער אים פארשטעלט דעם וועג.

צוויי שווארצקײַטן זיך גרויליק רײַבן —
יאבאָשע־ראנד מיט וואסער־ראנד...
איך האָב געמיינט: ס׳וועט ניט פארבלײַבן
קיין פּיצל גרינס, קיין גרײַפּל זאמד.

אין מיר געקראכט האָבן די ביינער,
ווי איך וואָלט אײַנהאלטן געדארפט
די ניט באזיגבארע פון קיינעם —
די קעגנער צוויי — אין מײַן געדאכט.

אזא מין געטערלעכן קאָרבן
געפאָדערט האָט פון מיר די נאכט!
און כ׳ווייס ניט, ווי כ׳בין ניט געשטאָרבן —
קוים־קוים די אויגן צוגעמאכט...

און ווען דער טאָג האָט זיי צעבויטעט
און מיך געשטעלט אף שוואכע פיס, —
איך האָב דערזען:
פון יאם די בלויקײַט
דעם ברעג מיט אומשולד האָט באגריסט.

1971

* * *

אין דײַנע ווײַסלען זינקט די זון —
איז האָב אף איר ראכמאָנעס:
זיך מאך ניט וויסנדיק דערפון
און קער ניט אָפּ דאָס פּאָנעם.

אויב ווילסט,
אין שאָטן כ׳וועל פארגיין,
דו זאָלסט זיך ניט פארשעמען.
ניט שווער דײַן איידלקײַט פארשטיין
אין אונדזער לעבנס־געגנעם.

איך זע: ביסט מאסקים.
שײַן זשע, שײַן,
דו, געטלעכער לאמטערן!
מיר וועלן דיך ניט לעשן הײַנט
ביז אָוונטיקן שטערן.

* * *

כ׳בין ניט געווען דערנאָך אין דערפל שאמקע,
ווו כ׳האָב אמאָל באַגריסט די ווײַסע וועלט.
דאָרט פלעגן קרײַזן הונגעריקע וועלף
און רײַסן מיט די ציין פון טיר די קליאַמקע.

די מאמע האָט דערציילט מיר וועגן דעם
א שאַק מיט יאָרן שפּעטער, צווישן דרינען,
ווען ס׳האָט די פּלייצע איר פארבראָכן טעמפּ
פון וואשן, צי פון נייען, צי פון שפּינען.

א שאָד, וואָס כ׳האָב צום וועלפישן געוואָי
ניט צוגעוווינט זיך דאַן, אין קינדער־יאָרן.
עס וואָלט צוניץ קומען —
איך טראכט אזוי.
אפילע דאָס אין לעבן אָנגעוואָרן...

1971

* * *

ווי דין איז ער, דער פאָדעם פון מײַן טרוים,
ווי ציטעריק פארקניפּט מיט וואָר מיט הארבער,
וואָס האלט מיך אין איר גוירלדיקער צוים
און פאָדערט, כ׳זאָל פארקאטשען מײַנע ארבל

און האָרעווען, ווי יעדער איינער דארף...
זי איז גערעכט. ניט מאך זיך נאריש, באָכער!
דער פאָדעם דין איז און די צײַט איז שארף.
נאָר דאָך איך גלייב אין גאָט פון אפצולאָכעס!

1971

* * *

אין טאָג איז מײַנעם הײַנטיקן, בארוטן
כ׳דערמאָן זיך, ווי מיט יאָרן פיל צוריק,
אין וואלד, ניט ווײַט פון קיִעוו, האָט וואטוטין
צום ערשטן מאָל אין פײַער מיך געשיקט.

אזויפיל סרייפעס אָפּגעשווארצט פון דעמלט;
אזויפיל שנייען אויסגעווײַסט די ערד...
וואטוטינס שמייכל — אין א סאָסנע־רעמל —
און אים איז אלץ נאָך פערציק און ניט מער.

דאָס רעמל איז פון יענעם וואלד געדיכטן,
פארפינצטערטן און הארבסטיקן —
איך ווייס...
און איר מײַן שורע פּרוווט אמאָל פאריכטן,
קעדיי פארטײַטשן מיר, וואָס לעבן הייסט!

* * *

דו לאָזט זיך ניט פארגעסן. ביסט גערעכט.
איך מיין: ס׳איז ניט דער קרימסטער פון די וועגן.
אמאָל פעלט אויסעט צײַט אף זיך דערפרעגן,
ווי לעבט זיך דיר
אין קרײַז פון טעג און נעכט,

צעווישן גוטע נײַס און שלעכטע בסורעס,
וואָס קייטלען זיך — אָן אָנהייב און אָן סאָף...
ווי שרײַבט זיך דיר?
אוויפל נײַע שורעס
האָסטו פארפאסט? (דו ציילסט זיי, פונקט ווי שאָף

אף גרינע אלפּן־לאָנקעס פון דײַן שאפן).
וואָס פלעכטן בייזע צינגער וועגן מיר —
מיסטאמע, אויסגעזעצט די לעצטע טאפליעס
אין הייכל פון מײַן גײַסט.
אזוי זיך פירט...

א דאנק, וואָס דו דערמאָנסט מיך ווען־ניט־ווען.
דאָס הארץ פארקלעמט דאן זיס —
אָן קיין שום סיבע, —
מיר ווערן פּאָשעט נימעס מײַנע וועגט
(אמאָל פעלט אויסעט מוט די שוועל אריבער).

דערפאר איך כאזער איבער:

ביסט גערעכט,

דאָס גיט דיר רעכט צו מויכל זײַן די שולד מיר —

מײַן וויסן,

אז אין לעבנס בליץ־געפּעכט

איז שווערער די, וואָס קאָנען זײַן געדולדיק.

1971

* * *

כ׳וועל עלטער אף א הארבסט, ווי אָט דער בוים,
כאָטש ער, דער שאָכן, כ׳זע, איז קנאפּ פארומערט,
וואָס גרינס איז אָפּגעניצט,
וואָס אָפּגעבליצט דער זומער,
און הייבט זײַן הוילן קאָפּ צום וואָלקנס זוים.

פאר אים א יאָר — איז ווי פון ווינט א שמיץ,
א נײַער רינג, וואָס דין איז — קוים צו אָנזען;
און מיך די צײַט אין אומרו אירס פארשליסט —
אין יענעם רינג איז גרינג זיך צו פארבלאָנדזען.

1971

* * *

איך גרייט זיך שוין צו זאָגן „זײַט געזונט!"
די ווינטן באַלטישע, די מעוועס ווײַסע...
זיי האָבן אָפּגעווישט ניט ווייניק גרײַזן
פון מײַן געוויסן.
זײַ געזונט אויך, זון!
דו האָסט ניט איין מאָל זיך אין גרוי צעפּלאַקערט,
קעדיי דעם יאַם באַפּוצן מיט אַ בליאַסק,
ווען ער דעם ברעג באַלאַגערט האָט — מיט האַסט
און מיט אַקשאָנעס פֿויערשער געאַקערט.

זאָל זײַן דיר לינד דער ווינטער, הוילער וואַלד!
מײַן שלאָף געוויגט עס האָבן דײַנע צווײַגן,
גערוישט מיט פּלײַס, ווען ס'פּלעגט מײַן מוזע שווײַגן,
געשוויגן דאַן, ווען ס'האָט מײַן ליד געשאַלט.

1971

* * *

איז לאָמיר פֿײַערן מײַן אָפּשייד
באַם פֿײַער פֿון פֿאַרוועלקטן האַרבסט.
פֿאַר אים, אַזוי ווי פֿאַר אַ האַר,
איך שטיי —
מיט פֿולע דלאָניעס אָפּשײַ.

און זאָגן וויל איך:
ווי אַ קנעכט,
כ׳האָב ניט געקאַרגט מײַן האַרץ און זינען —
געוואָלט, ס׳זאָל יעדערער געפֿינען
אין שורעס מײַנע עפּעס רעכטס.

כ׳האָב ניט געדונגען זיך — געצאָלט
פֿאַר פֿרייד־געשריי אין טאָל פֿון טרערן —
געוואָלט — די וועלט זאָל בעסער ווערן,
דו — נעענטער צו מיר, —
געוואָלט.

1971

* * *

עס ענדיקט זיך מײַן הארבסט געבענטשטער —
א פּיצל באַלדינאָ זיך עקט;
און פייגלען ווימלען בא מײַן פענצטער,
און וואָלקנס קנעטן זייער וועג.

אויך איך בין גרייט צום ווײַטן וואנדער —
צו קנעטן מיט די פיס די ערד.
אָ, הימל! כ׳דארף קיין וועג קיין אנדער,
דו גיב מיר קויכעס זײַן אים ווערט!

1971

ביזן לעצטן שווײַגן

* * *

וואַרט צו אַ ווײַלע — אײַל ניט, טאָג!
ניט ברעך די וואָלקנדיקע טורעמס —
ס'האָט זיי די קלאָרקײַט אויסגעפורעמט,
ס'האָט זיי די שטילקײַט אויסגעטאָקט.

ניט שפּרייט אָף הייסן זאַמד דאָס גראָז,
ניט טרײַב די פרישקײַט פונעם ברונעם, —
אַ לעבן — און ניט איינס — אַנטרונען
איז אָט אַזוי — מיט ווינטס אַ בלאָז.

כ'האָב נאָך מיט פרייד זיך ניט באַזאָרגט,
אַזויפיל דײַגעס ניט דערדײַגעט,
אַזויפיל —
ביזן לעצטן שווײַגן —
דער וועלט געוויִעס ניט דערזאָגט!

1967

* * *

איך האָב פון לעבן ווייניק וואָס געפאָדערט
אכוץ, אין דראנג פון צײַט, א ביסל רו,
ווען כ׳בין געוועזן פארפולט ביז מינדסטן אָדער
מיט אומרו, וואָס פלעגט שנײַדן ווי א רוט.

און זעט: איך האָב אף קיינעם קיין פאריבל!
ס׳איז מיר גענוג מײַן איינציקער פארמעג:
אַט דאָס, וואָס כ׳האָב אמאָל מיט בלוט פארשריבן,
דערנאָך מיט טינט כ׳האָב קיינמאָל ניט פארמעקט.

1968

* * *

אָ מענטשן, זײַט גליקלעך, ניט ווייסט פון קיין לייד,
אַלץ, וואָס איַיך קומט, זאָל צו אײַך בלויז געהערן —
פון ליכטיקן גורל (פון פרײַער פאַרגרייט!)
ביז גלייביקן אויסגוס פון ליכטיקע טרערן.

און ווײל וועט מיר זײַן, אויב אין אײַער ארום,
אין קרײַז אין געבענטשטן פון פעלקער און לענדער,
מײַן בליק מײַן פאַרבענקטער ניט אויסזען וועט קרום,
מײַן וואָרט מײַן פאַריאָסעמטס ניט קלינגען וועט פרעמדלעך.

1969

* * *

אלץ וועט אדורך. ניט בלײַבן וועט קיין שפּור
פֿון דעם, וואָס האָט געקרענקט אונדז און געקימערט,
אָט ווי די לופֿט, וואָס בלאָזט אדורך א צימער,
מיט זומערדיקע ווינטן אָנגעגורט.

פֿארגעסן ווערן וועט מײַן שטילער נאָמען,
זײַן שטערבלעכער, זײַן מענטשלעכער באגריף,
פֿארהיטן וועט זיך בלויז דאָס ליד — א זאָמען,
פֿארגעסענער אין ערדס געבענטשטער טיף.

1968

* * *

ס׳איז דען אַן אוולע, וואָס אין מײַנע יאָר
באַ סיווע האָר און פּילגעפּרוווטן הארצן
כ׳בעט דעם זיקאָרן ענטפערן מיר קלאָר,
פאַרוואָס באַדאַרף ער מיר אַמאָל פאַרשוואַרצן,
פאַרטונקעלן אַ זאַך, וואָס גאָר איר ווערט —
אַ קאָפּעקע, ניט מער, — אין לעבנס טאַקסע.
כ׳פאַרשטיי: פאַריכטן עפּעס איז שוין שווער —
דאָס אָפּגעטאָנענע זיך ווערט פאַראַקשנט, —

און דאָך מיר ווילט זיך, שטייענדיק באַם ראַנד
פון אַלדי גלוסטונגען און אַלדי שטרײַטן,
זײַן עמעסדיק פאַר זיך אַליין — און דאַן,
ווער ווייסט, כ׳וועל, עפּשער, אויסנעמען באַ לײַטן...

1969

* * *

איך שרײַב מיר נײַע שורעלעך, איך שרײַב,
און פיל: דאָס בלוט פארפלייצט מיט היץ מײַן לײַב.

צו אָט דער שפּיל זיך אלץ ניט צוגעוווינט?
ניט אלץ, ווײַזט אויס, דער וועלט ארײַנגערוימט?

אזויפיל סוידעס איר ניט אויסדערציילט,
אזויפיל גוטס פון שלעכטס ניט אָפּגעטיילט...

איז שרײַב איך זיי, די שורעלעך, אפגיך,
ווי ס'וואָלט אָט־אָט זיך אויסלעשן דאָס ליכט,

און אינדערפינצטער קאָן א גזאר געשען —
א וואָרט א הייליקס ווערן קאָן געשענדט,

דעם שאָכן — אָפּגעשטויסן,
און אליין
זיך אָנטראכטן געהיים אן אַנדער מיין.

איצט ווייסטו שוין, פארוואָס מײַן הארץ ניט רוט:
די שורעלעך אָט די, זיי קאָסטן בלוט.

1969

* * *

איר האָט געזען א שאָטן פון א גראָז?
אזא מין קליינקייט לאָזט זיך ליַיכט פארביַיגיין,
דערצו נאָך, אויב דער קאָפּ איז פול מיט דיַיגעס,
און ערגעץ בא דער ברוסט א קעלט עס בלאָזט...

איך האָב געזען א שאָטן פון א גראָז.
איך האָב אים אף דער דלאָניע אָפּגעוויגן
און אף דער ערד אים ליגן ניט פארלאָזט, —
אצינד ער טונקלט זיך אין מיַינע אויגן.

1971

* * *

דער שוואַרצער פויגל ווייסט ניט פון קיין רו,
דער שוואַרצער פויגל איז פאַרטאָן אין זאָרגן.
אָט וויגט ער זיך אַף דינעם ווייַנשל־רוט,
אין ווינט־געדרייי
פון עק און ביזן גאָרגל.

אָט טוט ער זיך א לאָז צום סאַמע גראָז —
(אין גרינס א גרינינקס ווערעמל זיך טונקלט), —
ווי ער וואָלט אינעם טוי געטאָן א טוק זיך —
און — צ׳ריק אין נעסט,
וואָס ער האָט ערשט פאַרלאָזט.
אזא מין פלייַסיקייַט — אַף אונדז געזאָגט...
מיר וואָלטן דעמלט אויך אַף עפּעס טויגן!
איז בענטשט כאָטש, דיכטער, אָט דעם ווייַסן טאָג,
וואָס אופגעוועקט עס האָט דעם שוואַרצן פויגל!

1970

* * *

און אָפּט, ווען מײַן פֿאַרדראָס ווערט באַלעבאָס,
כ׳הייב אָן מיט גאָרער וועלט זיך אויסצוטײַנען:
פֿאַרוואָס טוט רום אָן אַנדער קאָפּ באַשײַנען
באַם טויער פֿון דער אייביקײַט?
פֿאַרוואָס?

מיר האָט,
איך שווער,
ניט ווייניקער געקאָסט
אָט דאָס, וואָס רופֿט זיך דיכטערשע מעלאָכע,
אויף באַרג־שיפּוי זיך רוק־און־לענד געבראָכן,
געברענט אויף ווײַסע שײַטערן פֿון פֿראָסט...

דו הער, דו הער, ווי ער האָט זיך צערעדט —
אין מיטן העלן טאָג — דער יאָלד, דער שווײַגער!
ניט שוין זשע איז ניט נימעס דיר, פּאָעט,
דער בידנער וועלט פֿאַרשאַפֿן נײַע דײַגעס!

* * *

א העפטל מיט אן אופשריפט „נײַע לידער".
איך מיש עס. ס'האָט קיין אָס נאָך ניט באַרירט
דאָס ווײַסע בלאַנקע פעלד פונעם פּאַפּיר, —
נאָר אינעם הארצן איז שוין קידער־ווידער.

ווו זײַט איר, לידער, קינדער ניט געבאָרענע,
אין וועלכע וועלטן, גרויזאַמע און כאָרעווע,
זײַט איר ניט אופגעקומען צו דער צײַט?
איר וואָלט געקאָנט הײַנט מינטערן און וואָרענען
דעם מענטשן־קרײַז — פאַרליבטן און פאַרלאָרענעם,
וואָס שווײַגנדיק מיט גורל פירט א שטרײַט.
לידער — מײַנע איידעס די געשוואָרענע!

1968

* * *

ניט מיין: זיי קומען גרינג, די לידער, —
דו זעסט נאָר, ווי זיי שפּראָצן בונט...
און קרעכץ פון וואָרצל, וואָס אין נידער,
מיט ערד ניט שטענדיק שליסט א בונד!

און פּרעסט, וואָס רײַסן אוף דעם זאָמען!
און היץ, וואָס בראָקט דעם הוילן שטאָם!
און דאָרשטיקײַט — אום גאָטעס נאָמען —
נאָך פרישן רעגנדיקן פלאם!

און אָנגעלאָף פון בריִעס פּרעכע
אף גרינעם טרוים־גוס פונעם פעלד!
און צארטע פינגער, וועלכע ברעכן
די שענסטע בליִונג אף דער וועלט!

1967

* * *

אמאָל איך פרעג בא זיך אליין:
נו, האָסטו שוין פארשטאנען
אָט דאָס, וואָס מוז א מענטש פארשטיין —
פונדאנען און ביזדאנען?

אמאָל איך ענטפער זיך אליין:
אוואדע, כ׳בין א מייוון
אף לייד און פרייד, אף שטיין און ביין,
אף ראָשטשינע און הייוון,

אף אש און פײַער, היץ און קעלט
און נאָך אזוינע זאכן...
נאָר איינס מיך קוועטשט: פארוואָס די וועלט
טוט פון מײַן וויסן לאכן.

1970

* * *

ער רעדט הײַנט הארב, דער שווארצער יאם
(ס׳איז פול זײַן מויל מיט שטיינער).
און וועל מיט וועל קימאט זיך גראמט —
הער צו זיך און פארשטיי נאָר!

דער צופלוס שלאָגט אין סאמע ברוסט —
איך שטיי פארטויבט, באליידיקט.
ווען כ׳בין א פעלדז, —
איך וואָלט געוווסט,
וואָס יאם מיט ברעג טוט ריידן.

1964

* * *

נו, נעם און שטעל אים שוין אוועק, דעם פּונקט,
גענוג אין דער פאַרגאַנגענהײַט גענישטערט,
אף יונגע מאָלצײַטן געזעסן ניכטער —
מיט זיך, אמאָליקן, געזוכט א בונד.

דעם טאָג דעם נעכטיקן האָסט אלץ דערזאָגט —
די בענטשונג איז נאָך קאָנטיק אף די ליפּן,
און שוין באַם אקסל שטייט א נײַער טאָג,
א גרייטער מיטן מאָרגן דיך פאַרקניפּן.

1968

* * *

וויפל איז דער שיר צו שרײַבן שירים
וועגן ליבע, וועגן זון און רעגן?..
ניטאָ קיין אנדער זאך, וואָס זאָל דיך רעגן?
מיט אומרו דיר פארפילן די געהירן?

אן ענטפער געבן אײַדן?
מיט גרעסטן קאָוועד!
א גאנצע וועלט אין ליבע ליגט פארבאָרגן,
און צווישן זון און רעגן
וויפל מאָרגנס
אדורך וועלן ביז לעצטן שלונג פון גאָרגל
און ביזן לעצטן אופבליץ פון מאכשאָווע...

1968

* * *

פאר וועמען זאָל איך אויסריידן זיך הײַנט:
פאר ווײַט פאר ווינטיקער, וואָס שאלט אין פענצטער;
פארביימער, וועלכע וויגן, ווי געשפענסטער,
א קופּע וואָלקנדלעך;
פאר ווײַטע פרײַנט,
וואס האָבן ניט באַדויערט מײַן פאַרשווינדן
און זיצן זיך אין זייער ווײלן קרײַז...
פאר זיי — אוואדע ניט.
גוט־מאָרגן, ווינטן,
צום הארצן מײַנעם נעענטער איר קרײַזט!

* * *

פאר איַיך ווי קאָן איך זיך דערלויבן
זיַין שוואך
און אויסזעען באטריבט.
איר וואָלט די שוואכקיַיט דאפקע לויבן,
מיַין אומגליק נאָכגיין טריט בא טריט.

אָט זעט, די הענט מיַינע כ׳שטאָל אָנעט —
דאָס הארץ כ׳פארשליס אין זייער בונד.
און וואָס איך קאָן — איר וועט ניט קאָנען
פארשעפן קיינמאָל פונעם גרונט.

* * *

כ׳האָב אַלץ פֿאַרשריבן — שוואַרץ אויף ווײַס —
ביז ווײַטעק אין די פֿינגער,
פֿון האַרץ מײַנעם די לעצטע נײַס
פֿאַר אײַך, מײַנע באַצווינגער,

אַז וויסן זאָלט איר אַקוראַט,
וואָס טוט זיך דאָרטן ווידער, —
ווי איר וואָלט לייענען אַ בלאַט,
אַ בלאַט — און ניט קיין לידער.

אויף איין זאַך נאָר ווי שטאָל איך שטיי:
ניט שטעלט מיר קאַשעס רויִע,
עס טרעפֿט, אַז זיך אַליין פֿאַרשטיין
אַמאָל כ׳בין ניט בעקוויעם.

1970

* * *

אין טאָך געגומען, ווען דאַרף עס אַרן,
וואָס זיך אַליין איך שטעל מיך צום געריכט
מיט יעטווידן פאַרשריבענעם געדיכט:
די שוואַרצע שורעלעך גיי פּרוּוו פאַרשפּאַרן!

איז נעמט מיך, ווי מע זאָגט, מיט הענט מיט הוילע
און בלעטערט מיך אַדורך מיט וואַכן זין,
און לופּטערט מיך אַדורך, —
און זאָל איך ווייל זײַן!
די שוואַרצע שורעלעך — זיי זײַנען גרין.

1968

* * *

לאָמיר אָנטראַכטן פריילעכע שורעס
און מיט לוסטיקע גראַמען זיי בינדן:
כ'האָב געהערט הײַנט פֿון ערנסטע ווינטן,
אַז אין וועלט, דאַנקען גאָט, גייט קעשורע.

לאָמיר פריילעכע פערזן פאַרפאַסן
וועגן אויסערגעוויינלעכע זאַכן,
ווי, צום בײַשפּיל (ניטאָ וואָס צו לאַכן), —
ווי־אַזוי קומט די קאַץ איבער וואַסער.

לאָמיר אָנשרײַבן פריילעכע לידער,
אַז דער קײַסן דער רו'ך זאָל פאַרשווינדן,
אײַ אין האַרץ איז באַ מיר קידער־ווידער —
דאָס גייט ווייניק זיי אָנעט, די ווינטן!

1967

* * *

וואָס האָבן פּאַר אַ זין די ווערטער
אין גרויסער שווײַגעניש פֿון נאַכט,
כּוֹץ יענע, שטילע: ניט דערהערטע,
און די, וואָס ניט אַרויסגעבראַכט...

וואָס האָבן פּאַר אַ זין די בליקן
אין בלינדן בלענד פֿון העלן טאָג,
כּוֹץ יענעם, צאַרטן, ניט צעבליטן,
וואָס מערער נאָך פֿון ווערטער זאָגט.

1971

* * *

עס וועט מײַן אוועקגיין ניט אָנטאָן קיין שאָדן, —
נאָך מיר וועט פארבלײַבן א שלײַך פון א שאָטן, —

אף זאמדיקער קופּע — אן אָפּגעצערט צווײַגל,
א וואָרט — ניט דערזאָגט פארן אייביקן שווײַגן.

איך זוך עס אצינדער, איך וועק עס, איך רוף עס
אין זכוס פון מאלאָכים, אין נאָמען פון רוכעס,

און פאל אף מײַן אייגענעם שאָטן פארכאלעשט,
און יעטווידעס צווײַגל מיך שנײַדט ווי א כאלעף.

איך וואך — ביז די כאשכעס צערינט אין באגינען.
אבי נאָר דו גלייב, אז איך וועל עס געפינען.

1966

* * *

זע: קינדער שפּילן זיך אין הויף דערנעבן
און שטעלן וועלטן אוף פון ליים און זאמד.
אף רויער ערד איעדער דריק פון האנט
זיך צייכנט ווי א שטעמפּל פונעם לעבן.

טאָ זאָג, פאַרוואָס באַ דיר אף קני עס ציטערט
דאָס בייגעלע פּאַפּיר — דאָס קלאָרס, דאָס פּוסטס?
— ס׳האָט קיינמאָל זיך, ווי איצט, מיר ניט געגלוסט,
מיט לעבן מײַן געזאנג זאָל זײַן פאַרברידערט.

1965

* * *

און נאָך איין ליד, אף הײַנט — דאָס לעצטע
כ׳פאַרטרוי דער ווײַט,
דער צײַט, —
און זאָל
פאַרדעכטיק אויסלאַכן א לעץ מיך —
מײַן האַרבע פליכט, מײַן זיסן אַל

ער וועט מיט ביטל ניט פאַרשווען:
איך גלייב אין לידס געהיימער קראַפט.
אפילע גאָט קאָן ניט צעברעכן
פון וואָרט און האַרץ די ברידערשאַפט.

1966

* * *

דו זאָגסט: איך בין אַף ווערטער קאַרג,
נאָר „בלוי״ און „טוי״ מײַן שורע שליסן...
...די שטילע טפּילע זשאַנע ד׳אַרקס
דער ווינט פון ליפּ ט׳אַראָפּגעשמיסן.

און ווען דאָס געטערלעכע לײַב
מיט רויטס דער פײַער האָט באַשאָטנט,
זי האָט פון סלופּ — אין לעבנס טרײַב —
נאָר אַף איין צאַפּל אָפּגעטראָטן.

און גאָרע וועלט האָט דאַן דערזען,
ווי, אײַנגעפּאַסט אין דולן פלאַם שוין,
עס האָט די האַרבע ערד דערנע׳נט
צום הימל זשאַנעס צאַרטע פלאַנצונג.

און הייסער טוי פון אונטער ברעם
האָט בלוי צום לעצטן מאָל באַזיניקט...
— — — — — — — — — — — — —
ביז הײַנט־צו־טאָג, מיר דוכט, זי ברענט —
אָט די, וואָס קיינמאָל ט׳ניט געזינדיקט.

1968

* * *

איך גלייב: איר וועט פארשטיין מיך רעכט
און עכט, ניט אָפּטאָן מיר קיין שפּיצל —
און לאָזן צו געזונט פארניצן
די שוין געציילטע טעג און נעכט

פון דיכטערישער זעלבסטפארפלייצונג...
כ׳האָב זי פארדינט ניט גרינג: איך שווער —
דאָס בלוט דאָס שווערס פון מידן פערד
מײַן האנט געפּילט האָט דורך די לייצעס

אין יענעם וועלט־געיאָג, וואָס הייסט
אף די לעשוינעס אלע — לעבן.
און ס׳איז געווען מיר קאלט און הייס,
און דו ביסט ניט געווען דערנעבן.

איז זאָל מיר זײַן אצינד דערלויבט
אין ראש פון טאָג, אין נאכט אין שטילער
דער וועלט פארענדיקן מײַן לויב
און דיר, דער איינציקער, מײַן טפילע.

1969

הויכע שײַטערס



* * *

דאָס בעסטע, וואָס איך האָב, ניט מיר געהערט —
כ׳קאָן אלץ זיך ניט צעצאָלן מיט דער ערד.

כ׳בין שולדיק איר א סאך — איך וויס גענוי —
פאר כ׳עסדיקער קעלט פון ערשטן טוי,

ווען ציטעריק אין מיזרעך־זײַט באגינט
און ערשטע זוניקײַט באפארבט מײַן קין.

כ׳בין שולדיק איר פאר ערשטער היץ פון טאָג,
פאר ערשטן בליץ און ערשטן דונער־שלאָג,

פאר ערשטער פרישקײַט, וואָס נאָך זיי זיך זייט
אף אלעמען פון אונדז אָן אונטערשייד.

אזא מין כויוו, ווי קערט מען אום דער ערד?
מיט אָט דעם כויוו א מענטש צו איר זיך קערט.

1968

* * *

ניט אײַל זיך, פּרײַנט מײַנער, — דער וועג איז קורץ,
די זון — נאָך הויך.
דו פילסט דען ניט איר סאַרפּען?
א לעבן דורכיאָגן איז ניט קיין קונץ,
באַם ראַנד וועסט סײַווי אָפּשטעלן זיך דאַרפן.

און דאַן וועט נעמען פײַניקן די צײַט
פֿאַרבליבענע —
דו האָסט זי שלעכט באַוואָרנט.
וועסט פּרוּוון זוכן טרייסט בא דעם זיקאָרן —
און דאָס וועט זײַן דײַן לעצטער לעבנס־שטרײַט.

1968

* * *

ניט אַלץ, וואָס איז געווען, מע רופֿט „אַמאָל",
ווי אָט דעם טאָג, וואָס זיפּט זיך איבער טאָל,
ווי אָט דעם טאָל, וואָס גרינער שוין ניט ווערט,
ווי אָט דאָס גרינס, וואָס נייגט זיך צו דער ערד.

ניט אַלץ, וואָס איז געווען, מע רופֿט „אַמאָל",
ווי אָט דעם גליטש פֿון ראָד אויף בלאַנקן שטאָל,
ווי פּאַס פֿון שטאָל, וואָס ציט זיך ווײַט — העט־העט! —
ווי יענע ווײַט, וואָס נאָר איר אָנהייב מ'זעט.

נאָר בליק דײַנער, וואָס אופֿגעבליצט האָט ערשט,
געהערט שוין צו אַמאָל און דאָרט ער הערשט
מיט גאָר זײַן אומראַכמאָנעסדיקער פּײַן,
מיט גאָר זײַן שטרענגן אָנדײַטן אויף הײַנט...

1968

* * *

אָ לעבן מײַנס, ביסט מיר געגעבן,
מיט דיר כ׳זאָל שווערן זיך אין לייד,
אין פרייד
(ניט שטראָפט מיך פאר די רייד!)
דעם פײַנט אין זכוס דײַנעם פארגעבן.

נאָר צווישן אָט די הארבע קלעמען —
צעווישן לייד און פרייד —
איך האָף,
וועסט זײַן געטרײַ מיר ביזן סאָף,
און וועסט מײַן נאָמען ניט פארשעמען.

1968

* * *

כ׳הייב אָן דעם צאר פון לעבן צו געניסן...
אַף מײַנע דלאָניעס פאלן, ווי געוויכט,
דאָס עפּעלע פון שטרײַט, דער עפּל פון אלצוויסן,
וואָס מײַן געוויסן שטעלט פארן געריכט.

ווּהין אוועק די שוויַגעניש די יונגע?
אַף וועלכן ווַעג צעטראָטן האָב איך זי?
עס איז ארײַן די לופט אין מײַנע לונגען,
אַף ריידן שווערע ווערטער דיר און זיך.

און ווּ זײַנען די רייד, וואָס כ׳האָב געזאמלט,
פאר וועלט, פאר גאָט זיי אויספליסטערן ווען, —
אָט די, וואָס טאָרן קיינמאָל ניט פארזאמען,
דעם יאם וואָס שפאלטן און וואָס ברעכן ווענט?

אַנשטאָט אָט יענעם שווײַגן — שטום איך איצטער,
דער שניט פון ליפּן ווייטעקט ווי א ווּונד...
מיט אויגן אָפענע איך זע דאָס פינצטער
פון אָנהייב זײַן, וואָס דו האָסט ניט באַזונט.

1968

* * *

ניט כויזעק איבער מיר, מײַן פרײַנט, נאָך אלע זאַכן
כ׳האָב עפּעס אופגעטאָן, אף וויפל ס׳האָט געקלעקט
מיר קויעך, און געדאַכט, און נײַגער וואַכן,
און, שטראָף ניט פאַר די רייד, אויך וואַכע שרעק.

ס׳איז גאָרניט אַזוי פּראָסט אין ליד אין דײַנס פאַרקנעטן
דעם אומרו פון דער וועלט,
דעם ציטער פון א טרער,
וואָס, ווען זי פאַלט, זי קאָן א לעבן רעטן
אף גוירלדיקע שײַטערס פון דער ערד.

* * *

וואָס האָסט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועלט,
פאַרכאָלעמטער און אָפּגעצערטער גייער?
— דער בלאַט געוועז איז גרין, אַצינדערט — געל,
א טאָג צי צוויי — און אָנהייבן וועט שנייען.

וואָס האָסטו מיטן פרילינג זיך צעשיידט
און זיך אוועקגעלאָזט דעם הארבסט אנטקעגן?
— איך שטיי מיר אף איין אָרט, די צײַט — זי גייט,
און פּרוווט איר קאָרשט אזוינע קאשעס פרעגן...

1969

* * *

כ׳האָב אָפּגעלייגט די זאָרג אַף מאָרגן,
נאָר זי — זי לאָזט מיך אַלץ ניט אָפּ —
אַזאַ מין טעווע באַ די זאָרגן:
זיי גייען ניט אַרויס פון קאָפּ.

א שײַטער, עפּשער, גאָר צעצינדן —
די זאָרגן אויסמישן מיט אַש? —
איך פרעג די וועלט. זי זאָגט: „מאַ ראַש,
די זאָרגן אונדז מיט לעבן בינדן".

1968

* * *

אזא געוויטער אומגעריכטער!
צוערשט — אן אויסגעשיט פון מעוועס
אריבער כוואליעס בלויע שיכטן,
אריבער מענטשס געזאלבטער טעווע

נאָר גלייבן זײַנע צוויי שווארצאפּלען!
אין העלער זוניקער מעדינע
האָט עפּעס ווייך געטאָן א צאפּל;
א ווײַסער בליץ — א שארפער, דינער —

ווי גאָטס א שפּיז, האָט דורכגעבויערט
דעם בראנד, וואָס צווישן יאם און הימל...
— — — — — — — — — — — — — —

אָ ברידער ערדישע, פארטרויען
צי קאָן איך אײַך מײַן וואכן דרימל,

ווו וועלטן שטײַגן און פארשווינדן,
אנטרינען פײַערלעך און ליכטיק,
ווי אָט דער טאָג, אין היץ פארשפּינטער,
ווי אָט דער וויכער אומגעריכטער!

1965

* * *

דער איז א גוואַר, ווער ס'איז געדולדיק,
ווער ס'קאָן געדולדיק זײַן ביז סאָף.
אפילע דעם, וואָס שײַנט אים שולדיק,
ער וועט ניט צווײַלן די שטראָף.

ניט רופט אים אָנעט „קאַלטע ברוע",
ניט היצט, ניט בייזערט אים פארשטעלט:
די הענט דעם גיבערס זאָלן רוען,
ווי ס'רוט אין יאם די דולע וועל...

1966

* * *

הײַנט זײַנען אומרויִק די ביימער,
און צוויט זיך שיט אַף קאַלטן זאַמד;
די צווײַגן — בייגעוודיקע ביינער —
זיך רײַבן אָן דעם הימלס ראַנד.

ס׳איז דאָ אין לופט אַזאַ מין שאַרפקײַט,
אַזאַ מין רויִגעזדיקע מאַכט,
ווי עפּעס וואָלט פאַסירן דאַרפן —
דעם טאָג ניט זען זיך מיט דער נאַכט.

1967

* * *

מיך שרעקט ניט אָפּ דער געגעם,
איך גלייב ניט אין גאַניידן:
מײַן זײַן — די גרייס א געגעץ —
אין זיך פארשלינגט זיי ביידע.

כ׳האָב ווייניק וואָס געזינדיקט
און מיצוועס קנאפּ געקליבן,
מײַן גוטס — די שאָף און רינדער —
פון שטאל נאָך ניט פארטריבן.

איז שטייען זיי און בענקען
נאָך גרינס, נאָך מענטשנס דלאָניעס —
נאָך דעם, וואָס ניט געדענקען,
גלײַך ווי דעם טויט, מע קאָן ניט.

1969

* * *

יאָ, גאָרנישט וועט ניט גיין פאַרלאָרן
און קיין זאַך וועט ניט זײַן פאַרמעקט
אין בוך פון לעבן, וואָס פאַר צאָרן
מע בלעטערט ווען
און ווען — פאַר שרעק.

און איך — איך צייל זיי מיט האַנאָע,
די זײַטלעך,
ס׳גייט דאָ ניט אין גליק:
כ׳צאָל אויס דעם לעבן זײַן הלוואָע —
פון ערשטער וויג ביז לעצטער וויג.

1969

* * *

עפן זיך, עפן זיך, וועלט,
גענוג שוין זיך שפּרייטן פאַרבאָרגן,
אַזויפיל נאָך
בלאַנקען פאַרשטעלט
פריידן אין וואָכיקע זאָרגן.

שווער איז נאָך גראָבן דעם זאַמד,
פון טיפעניש וואַסער צו קריגן,
עס האָט נאָר צום מאָלצייַט פאַרזאַמט
דער, וואָס זייַן צאַר האָט פאַרשוויגן.

עפן זיך, עפן זיך, וועלט,
ווי מויערקאָפּ אונטערן מעסער, —
ווער ליכטיקער, ציכטיקער, בעסער,
צעפלאַקער דייַן העלישן כעסעד,
ווי זוניקן גלי איבער פעלד...

1971

* * *

ס׳איז אלץ נאָך ניט געשטילט דער האס,
און ס׳פאלט דער טאָג אַף שארף פון שווערדן,
און ס׳קראכט די נאכט אַף פולווער־פאס,
נאָר יונגע זיך אין ליבע שווערן.

פון די, וואָס זײַנען אָפּ אין שלאכט,
א סאך דער טויט האָט אויסגעקליבן —
אין מידבער ליגן זיי אצינד,
נאָר יונגע שווערן זיך אין ליבע.

און איך, א מענטש, כ׳בין גרויס דערפאר,
און כ׳קאָן אין אָט דער שאָ דער שווערער
מיט צארטקייַט אָפּווענדן דעם גזאר,
ווײַל יונגע זיך אין ליבע שווערן.

1971

* * *

איך האָב מיך פון דער צײַט ניט אָפּגעטיילט,
מיט איר באגלײַך — אין שאָ פון פרווו — געבלוטיקט,
דערנאָך די ניטגעקומענע געציילט,
די אומגעקומענע אין שלאכט אין בלוטיקן.

אָט ערשט פון פײַער, כ׳בין געווען גרייט
זיך ווארפן נאָכאמאָל אין טהאָם פון שײַטער...
פארוואָס זשע קאָנסטו ניט פארגעבן, צײַט, מיר,
וואָס כ׳האָב מיט דיר ניט שטענדיק זיך געפרייט?..

1970

* * *

די הענער קרייען ווי אף אן אסיפע,
מיט רויטע קאמען רייצנדיק די זון,
די נאכט שווימט אָפּ אף וואָלקנדיקע שיפן,
וואָס קוים צעגריבלען ניט דעם הימלס גרונט.

און נאָר די ערד וואכט אופעט אָן געדרודער,
זי טוט א שטויס מיר אין דער עקסטער ריפּ:
„ביסט גרייט צו נײַע זאָרגן, גוטערברודער?
די וועלט פארדינט, מע זאָל זי האָבן ליב״.

1969

* * *

א ווינט א וואָגלער קערט מיר אום דאָס קאָל,
אַז קיינער זאָל מיך ניט דערהערן,
מײַן איינזאמקייט — מײַן שטענדיק וואכער אָל —
נאָר מיר אליין וועט הײַנט געהערן.

דער הימל וויגט זײַן שטערנדיקע בריק:
„פארלאָז די אָפּגעניצטע וועגן,
דו מענטש, דו פרײַנט, מיט טרויעריקן בליק, —
דער וועלט וועט לײַכט זײַן דײַן אוועקגיין".

איך שטיי אינמיטן נאכט־באראָט פארקלערט
און הער, ווי אייביקייט טוט פליסן,
בא מײַנע פיס שלאָפט איין די גוטע ערד,
און זיבער־ריין איז איר געוויסן.

1969

* * *

עס שיקט דיר הײַנט א גרוס, מײַן ליבער פרײַנט,
די יונגע זון אין אָנהייב פון איר קרײַזן.
זי קארגט ניט פאר דער וועלט איר העלע שײַן —
אין ליכט פון טאָג מע קאָן פאריכטן גרײַזן.

ניט זוך אין מײַנע ווערטער קיין שום מיין —
מיך האָט געמאכט בארײדעוודיק דער מאָרגן,
די בלאנקע זון, וואָס שפרייט זיך מאָלעכיין,
און ס'ווילט זיך גאָרניט פון א פרײַנט פארבאָרגן...

1971

* * *

אײַך, טײַערע, כ׳האָב קײנמאָל ניט פֿאַרגעסן,
באַם פֿולן טיש, װו װײַן, און זאַלץ, און ברױט,
איר זײַט מיט מיר פֿון רעכטס און לינקס געזעסן,
פֿונקט װי אַמאָל — געמיטלעך און פֿאַרטרױט.

און װען איך פֿלעג דעם סיװן קאָפּ פֿאַרנױגן,
קעדײ ניט זען אַהינטער אײַך דעם טױט, —
איר פֿלעגט אַרײַנקוקן אין מײַנע אױגן,
פֿונקט װי אַמאָל — געמיטלעך און פֿאַרטרױט:

„װאָס ביסטו, ברודער, טרױעריק געװאָרן,
צי אָפּגעברענט אין לאָמפּ דײַנעם דער קנױט?
דאָס לעבן בליצט אױף פֿעלדער און אױף קװאָרים,
פֿונקט װי אַמאָל — געמיטלעך און פֿאַרטרױט״.

1969

* * *

װען כ׳בין בעקױעך מיט מײַן האַרץ פאַרשטעלן
די אומרױִקע װעלט, איר לענג און ברײט, —
איך װאָלט אנטקעגן אײבערשטן זיך שטעלן:
דו, האַר, װאָס ליכט און פינצטער האָסט צעשײדט

און אונדז מיט רױִע מענטשישער באַגליקט,
שענק מיר די כאָכמע פון גערעכט זײַן שטענדיק.
אָט זע, די שלאַכט איז װײַט נאָך ניט פאַרענדיקט,
נאָר ס׳איז מײַן האַרץ שױן גױסעסדיק צעפליקט!

1968

* * *

פון אויצרעס מײַנע פעלט שוין מיר א סאך,
אין וואָג פאַרלאָרן האָט דער זאק מיט פריידן.
אָנשטאָט א הימל איבער קאָפּ — א דאך,
און מיט דעם דאך דער קאָפּ זיך וויל ניט שיידן.

ווו שטערן־וועג צום וווּנדער פון קאַיאָר,
צום זודיקן פאַרמעסט פון שײַן־דערוואַרטונג! —
א לעמפּל בלעזלט זיך מיט פלאַם פאַרזאָרגט
פאַר אויגן צוויי, וואָס גיבן אָפּ דיר אכטונג.

און ווען און ווו געשען עס איז דער בײַט?
אוועלכע האנט מײַן אקסל ט׳פאַרמאַזאָליעט:
„אײַ, דולער דו, פאַרשטעק אין היי די בײַטש
און לאָז די פערד, זיי זאָלן גיין פּאַוואָליע״...

איז שטעלן זיי אצינדער פוילע פיס
און בוקן זיך איעדעס ליאַדע ווינטל;
זיי שלעפּן זיך פּאָרויס, דו זעסט געוויס,
נאָר צוליב דעם, אז אלץ זאָל זײַן אהינטער.

1968

* * *

איך האָב געדאַרפט אײַך זאָגן אומבאַדינגט,
אַז צו קיין טרוימער טו איך ניט געהערן,
און כ׳פּלאָנטער ניט מיט אומשולד רעכטס און לינקס
און אַנדערע, ניט ערדישע שוין ספערן.

כ׳בין גליקלעך, וואָס מײַן טראָט זיך שווארצט אין גראָז
און ניט אויף מילכוועגס גליִענדיקע שטעגן,
כאָטש ס׳טרעפט, מײַן האַרץ דעם ברוסטקאַסטן פֿאַרלאָזט
און טוט אַ יאָג דעם שטערן־שיט אַנטקעגן.

גיי פּרוּוו אַ האַרץ אַ צאַפּלדיקס באַצווינג,
עס זאָל ניט פּלאָנטערן דעם שטרענגגן סיידער!
און דאָך עס ווייסט, וווּ רעכטס איז און וווּ לינקס,
און שלאָגט אַהינטער לינקער ריפּ קעסיידער.

1969

* * *

מע רעדט, ס'טרעט אָפּ אַ יאָם פון ברעג,
מע רעדט, ס'גרײַפט אָן אַ יאָם אױף פעלדזן,
און גראָז באַזיגט אַמאָל אַ װעג,
און דונער װערט פאַרטױבט פון פעלד־שטיל.

מע רעדט.
נאָר קײנער זאָגט ניט, װער
באַשאָנקט מיט גװורע דעם גערעכטן,
עס זאָל זײַן רעכט ניט זײַן אים שװער,
װי ס'איז ניט שװער דעם הײַנט דער נעכטן.

1967

* * *

ווּ איז זי, יענע דרייסטע זעגלשיף,
וואָס האָט געזוכט אין דולן יאַם אַ שטורעם?
אַף וועלכער ברייט האָט זי פאַרבלאָנדזשעט אַ טורעם,
אַ גזאַר פאַראנקערט אַף אַוועלכער טיף?

שוין לאַנג מיט יענער שיף כ׳האָב זיך געזעגנט...
נאָר ווען עס קראַכט אַ שטורעם אַף דער ערד,
איך הער, ווי ערגעץ פּאַטשט אַ נאַסער זעגל,
און אַפן האַרצן רויִקער דאַן ווערט.

1967

* * *

א טרייסט... ווער ווייסט, וואָס הייסט א טרייסט?
און וועלכע טרייסט איז דיר ווי אָנגעמאָסטן?
אמאָל איך מאך א כעזשבן א ניט פּראָסטן —
דעם שטערן מיר באשלאָגט א קאַלטער שווייס:

ניטאָ, איך זע זי ניט... און אויס מיט אלעס...
נאָר ס׳טרעפט, איך ווער באגײַסטערט ווי א קינד,
ווי ס׳וואָלט מײַן זאָרג אראָפּגעווישט דער ווינט:
דאָס וועלן זײַן געטרייסט — א מין כאלאעס.

* * *

נאָך יאָרן אַזױפּיל איך נעם ניט אײַן זינען,
װאָס איז מיט דער װעלט און מיט אונדז דאָ פאַרלאָפן.
אָן אופהער דו זוכסט עפּעס װיכטיקס געפינען
פון דעם, װאָס דײַן שיקזאַל האָט ערגעץ פאַרלאָרן.

צום סאָף שטײסט פאַרומערט: אױף דלאָניעס אָף פּוסטע
נאָר ציטער און האַסט פון אַרומיקן לעבן,
פון װערטער פון דײַנע דער מײן אומבאַװוּסטער, —
א זײכער פון צאַרטקײַט,
װאָס מיר ז'ניט דערגעבן.

* * *

די וועלט איז אופגעלייגט צו הערן גוטס, —
איז לאָמיר איר, דער אלטער, טאָן צוליב:
דערציילן וועגן רעגנדיקן גוס,
וואָס מיט דער ערד א ליבע האָט פארקניפט.

ס'איז אויך קעדײַ צו זאָגן וועגן זיך, —
ווי ס'וואכט מײַן הארץ אף דײַנע דלאָניעס צארט, —
זאָל בא דער וועלט זײַן ליכטיק דאָס געזיכט,
א רעגע כאָטש פארשאף איר ניט קיין צאר!

1967

* * *

דער ערשטער שניי ביז ערד נאָך ניט דערלאַנגט.
א לופטיקער אזא, ער האָט פארשאָטן
דעם בליץ פון אויג מײַנעם, דעם קנויל פון אָטעם.
א דאנק דיר, ווײַסע רעטעניש, א דאנק!

פאר פאַרגעפיל פון שפעטערדיקער קעלט
אין זויבערע, אין פראַסטיקע געצעלטן,
ווו טריבע טראכטעניש: מיר ווערן עלטער,
איז דאָך צארבאלעכאימדיק באהעלט.

1969

* * *

איך ווייס, אז ערגעץ, הינטער בלויע בערג,
אהינטער גלעטשערס בלאנקענדיקן קלינגל,
א רו זיך שפּרייט פּאַרטרויט, ווי א געבעט,
און קאָנסט באַרירן זי מיט דיַינע פינגער.

כ׳וואָלט גערן זיך פּאַרקליבן אָט אהין,
די פעלדזן אָפּגעבן דעם לעצטן אָטעם,
נאָר ס׳הארץ וועט ניט פּאַרגעבן מיר די זינד —
א הארצן רו׳ק זיַין איז שטרענג פאַרבאָטן.

1968

* * *

אריבער אלץ, וואָס קרום און לאָם איז,
א רונדער רעגנבויגן בליט,
אזוי דאָס לעבן גייט, איז לאָמיר
אין לעבן גיין מיט גלײַכע טריט.

ס'וועט ווײ אדורך, ס'וועט בראָך פארוואקסן,
ס'וועט שטאָל פארוועלן ווערן ווייך...
איך גלייב דעם רעגנבויגנס אקסל,
וואָס ציטערט רויק אין דער הייך.

* * *

ניט אָפּשטעלן די צײַט, ניט צושטעלן קיין לייטער
צום וואָלקנדיקן זוים — זיך טאָן א טוק אין בלויס...
ניט אונדזער דאָר —
אן אנדערן פארגרייט איז
דער ערדס צעהיצטער יאָג, דער שטערנדיקער ברויז.

זיי וועלן שוין דעם הימל זיבעטן דערגרייכן,
די יונגען הײַנטיקע, די דולע קעפּ!
און איך בין שטאָלץ דערמיט —
אין דעם א טרייסט איך שעפּ,
וואָס כ׳האָב געזען אמאָל:
א שטערן פאלט פון הייכן...

* * *

זײַן אָנקום פֿײַערט דער באַגינען,
ער שפּריצט מיט שטאָלץ דעם בלײכן פֿלאַם
אױף גרינער בײמערשער מעדינע,
װוּ יעדע בלאַט, זי רױשט צום גראַם.

אָט האָט ער יאָמטעװדיק צעפּאַכעט
די צװײַגן
און אַדורכגעשפּײַזט
דעם שטאַם — דעם אײנציקן, װאָס איז
פֿאַרװאַקסן אין דעם אינדערװאָכן.

1967

* * *

ס׳איז נאָך ניטאָ פֿון דעם קיין זייכער, —
פֿון דעם, וואָס זיך באַיאָרטקײַט רופֿט.
פֿאַראַן נאָר אומגעדולד פֿון זייגער,
פֿאַראַן נאָר אײַליקײַט פֿון פּרווו,

און לאַנגער וועג אַהינטער פּלייצע...
און אויב דו טוסט אַ קוק צוריק, —
פֿאַרלירסט דעם סאָף פֿון יענעם בליק,
גלײַך ווי אַ סטעזשקעלע אין ווייצן...

1967

* * *

דאָס ערשטע גראָז שוין אָפּגעשניטן. ס'ליגט
אױף גרויען ליים נאָך גרין, נאָך ניט פאַרוועלקט.
אױף פּײַכטע קופּקעלעך דער הימל בליקט:
ווײַזט אויס, דער וועלט האָט עפּעס הײַנט פאַרפעלט.

וואָס האָט אַזוינס, מישטיינסגעזאָגט, פּאַסירט?
דאָס ערשטע גראָז איז אָפּ? דערפאַר די ערד,
זי שמעקט מעשונע שאַרף.
איאָ, איר שפּירט?
...די וועלט, זי ענטפערט ניט.
די וועלט, זי קלערט.

1967

* * *

הער צו זיך צו דעם גאנג פון ווינט
און עפן זיך, ווי טיר־און־טויער,
עס רייכערט זיך אין סטעפ די רויערד,
אף בארג־שיפּוּי די זון זיך צינדט.

וואָס האָסטו הארב דאָס הארץ פארפרעסט
אין אָט דעם פרי — דעם הויכן, בלויען?
זע: ער איז גרייט דיר זיך פארטרויען
מיט גאָר זײַן גרויסקייט פון א נעס.

* * *

א דולער ווינט האָט גאָר די וועלט צעשויבערט,
פאַרשמיסן צוויַיג אַף צוויַיג און זאנג אַף זאנג;
אַן ערדישן אין יאַם פאַרקנאָטן שוידער —
און ניט געוואָרן —
פאָלגט אים אַזאַ גאַנג!

און לאַנג נאָך דעם אין לופט עס האָט געוודערט,
אַהינטער שויב אַ בוים ט׳געוויגט זיך ווילד,
און שפּעטער ערשט, מיט ערנסט פון אַ ברודער,
ער האָט געלערנט מיך, ווי ווערן שטיל.

1967

* * *

איעדעס גרעזל שמעקט אין סטעפּ פּאַרטרויט.
ביז קני אין דעם געררוך, איך גיי פאַרשלעפּערט.
די נאַכט האָט איבער מיר איר טהאָם צעעפנט,
צעשאָטן קאַלטן טוי, ווי הייסע דרויב.

א כוואַליע רייצט דעם זוים פון ברעג אומזיניק,
א מעווע, ווי א ווײַסער בליץ, צעשפּאַלט
די וועלט אַרום, וואָס לאַנג פון מיר באַהאַלט,
ווער בין איך איר:
א בכאָר צי א מיזיניק...

1967

בריישים

* * *

זײַ אזוי גוט: צווישן אלערליי זאָרגן
(אָף אויסצײלן זיי ניט פאראַנען קיין באַלן)
פּרווו פארהיטן דעם טויִיקן בליץ פון פרימאָרגן,
וואָס שלאָגט דורך א כמארע — און ווערט גלײַך פארפאלן.

וועט עפּשער א לעבן א גאנצן דיר קלעקן
דעם זוניקן קישעף פון אָנהייב, פון בריישיס,
פון יענע, מיט וואָלקנס פארצויגענע וועגן,
דעם סאָף נאָר פון וועלכע מיר, שטערבלעכע, ווייסן.

1968

* * *

דער טאָג — איך ווייס — ער וועט זיך ענדיקן,
זיך אויסוועפּן אין ווײַסן אַש
פון אָט דער ווינטער־שפּיל דער בלענדיקער
מיט פראָסטיקן געהיימען ראַש.

און שוין באַם סאַמע סאָף, בײַ שטיל ווערן,
ווי צאַרטער אויסגוס פון אַ זיפץ,
ער וועט דעם שנײי אַפּסנײַ באַזילבערן
מיט ליכט, וואָס ער פאַרלעשט אין זיך.

* * *

די וואָלקנס ציִען זיך. וווהין?

— אהין,

וואָס האָט קיין נאָמען ניט אין וועלט אין גאָרער.

דער הימל ווערט אָט פינצטערער, אָט קלאָרער,

די זון זיך לעשט און ווידער זיך צעצינדט, —

און אלץ צוליב דער פלאַטערדיקער טשאַטע,

פון טריבן ווינט געטריבן אָן א זין...

דו פרעגסט, וווהין איך גיי?

— אהין, אהין...

א וואָלקנדיקער פרי — ער טוט פארשאַטן.

1969

* * *

איך בין, ווײַזט אויסעט, צופיל גלייביק
אין אַט דער סוידעספולער שפּיל,
ווו יעדעס זעמדל, ווען דו ווילסט,
ווערט גרויס און זעט זיך אָן ווי אייביק.

כ׳שטיי אָפּט פאר דעם, ווי פאר א וואנט,
צו שארפקײַט אירער צוגעוואָקסן.
„שאר אָפּ דאָס זעמדל, טיפּעש״, — זאָגסטו...
זאָל בעסער אָפּדארן די האנט!

1960

* * *

אין ווײַטער ווײַט, וואָס הייסט דערמאָנונג,
ווי אַף דער גרענעץ — שטייט א וואך,
און גייסט באַם נעכטן עפּעס מאָנען —
דער וועכטער דיר דעם וועג פאַרמאַכט.

דו פּרוּווסט דאָן אָפּנארן דעם היטער:
פון הינטער־זײַט זיך לאָזסט אַהין,
ווו באַם צוקאָפּנס פון געוויטער
דײַן פריסטער רויטלט זיך באַגין.

בלײַבסט שטיין — און שײַן פאַרבלענדט די אויגן:
אליין זיך אָפּגענארט, אליין!
און פאַלסט אַף גראָז, מיט וועלק פאַרצויגן,
און קאָנסט אין מאָרגן שוין ניט גיין.

* * *

דעם וואלד נאָך אלץ ניטאָ קיין גלײַכן!
זײַן שטאָלצן נאַקעט איך באַגריס
מיט שאָטן מײַנעם, וואָס טוט שלײַכן
פון שטאַם צו שטאַם
אויף לאַנגע פיס.

ער האָט פון מיר זיך אָפּגעזונדערט
און פּרוּווט צעצווײַגן זיך, ווי זיי,
די טונקלע ביימער...
כ'האָב געזומערט
אַמאָל אין זייער גרינער ריי...

1968

* * *

פארגעסענער ניגן
ציט פון קינדהײט זיך דין,
אזוי ווי א פלעמל
איבער טרוקענער קין.

ס'איז שווער זיך דערמאָנען,
ווי ער האָט זיך פארקניפּט
און פּאָרכטיק געוויגט זיך
אף א ציט'ריקער ליפּ.

דערגאנגען ווי איז ער
דורך דעם צײַט־בראָך אהער?
ניט אנדערש, דערקײַקלט
האָט דעם ניגן א טרער.

1969

* * *

אווו זיך נעמט דער וועג קיין רײַסן —
צו די בעריאָזעס ווײַסע פּיס?
כ׳וואָלט שטאַרקער זײַן פֿון שטאָל און אײַזן
און כ׳וואָלט אַהין דערגיין געוויס.

דאָרט גליִען אויף דער יאָדלע טויען
און ס׳ברענט די זון אויף סאָסנע־קרוין,
דאָרט שטייט מײַן מאַזל בײַ אַ טויער —
מײַן סיוון קאָפּ ביז הײַנט נאָך שוינט.

1967

* * *

זיך אויסגעטאָן פון זאָרגן,
א זאָרגלאָזער איך גיי
צום ווימלדיקן מאָרגן,
צום דרימלדיקן שניי —

אין ווײַסקייט זיך פארשפּינען
באגינען,
ערעוו טאָג...
און אויס מיט סינע־קינע,
מיט דולן הארצן־שלאָג.

און אויס מיט היצן־בליצן,
מיט ווינטיקן געדריי,
מיט פלאם פון קרומע בליקן,
מיט אש פון גלײַכע רייד.

און שטיל וועט זײַן אין עטער
(אָ, הימלס פּוסט־און־פּאס!):
אָן אָדערל איעדערס
וועט פול ווערן אָן ראש.

און טויבקייט וועט פארלעשן
דעם קלאפּ פון מײַנע טריט,
ווי שארפקייט פון א מעסער
פארלעשט די טיף פון שניט...

1967

* * *

ס׳האָט ווידער מיך פאַרפירט אין קאַנט פון אָוועס
דער שטערן־וועג, געפּלאַסטערטער אין בלוי...
כ׳האָב אָנגעשפּאַרט זיך אויף דעם אַלטן פּלויט —
און ווידער זיך דערפילט אַ יונג, אַ באָרוועס.

געקרעכצט די מיל האָט היימיש אונטער ווינט,
געהוידעט איבער זיך אַ ווײַסן נעפּל,
און פונעם בושל־ברונעם, וואָס דערנעבן,
מיט פרישקײַט האָט געצויגן גלייביק־דין.

און דאָס, וואָס האָט ביז איצטער מיך געצאַרנט, —
די לייד און פרייד, פאַרשטאָכענע ביז ביין, —
אַלץ אָפּגערונען איז,
און ווידער ריין
איעדער שלונג פון לופט איז מיר געוואָרן...

— — — — — — — — — — — — —

צו טײַער האָט דער כאָלעם מיך געקאָסט!
די שויב מיט ערשטער גרויקײַט שוין פאַרצויגן, —
באַגינען פאַלט אויף מײַנע מידע אויגן
און לעשט די לעצטע שטערן מיט פאַרדראָס.

* * *

אמאָל אין ייִנגלשער העפקיירעס
מיר זײַנען דרייסט געווען אָן זין,
און ניט גערעכנט די אווייִרעס,
און ניט געציילט די יונגע זינד.

אציִנד מיר זײַנען אויסגעהאלטן —
א זאק מיט מיצוועס אף די הענט,
נאָר ס׳בענקט זיך אלץ נאָך זינד נאָך אלטע,
וואָס זײַנען דעמאָלט יונג געווען.

* * *

„כאפּט דעם גאַנעוו, כאַפּט דעם גאַנעוו!״ —
הינטער פּלייצע כ׳הער מע שרײַט.
ביסט געזעסן אויפן גאַנעק,
רויטע אַגרעסן געקײַט.

ס׳האָט אַ ווינטל זיך פאַרפּלאָנטערט
אין דעם שווערן פּלוס פון צעפּ,
און דײַן בליק, ער האָט געבלאָנקעט
ערגעץ בײַ די ערשטע טרעפּ.

ראָהאַטשאָווער מיידלעך שטילע,
מ׳זאָגט, פאַר אײַער פרומען בליק,
וואָס פלעגט פאַלן ווי אַ טפילה,
האָבן גראָזן זיך געבוקט.

כ׳בין אין שאָכנס סאָד פאַרקראָכן,
אַ מאַטאָנע ברענגען דיר,
רוק־און־לענד שיר ניט געבראָכן,
זאָלסט זיך אומקוקן אויף מיר.

„כאַפּט דעם גאַנעוו, כאַפּט דעם גאַנעוו!״ —
הינטער פּלייצע כ׳הער מע שרײַט,
ביסט געזעסן אויפן גאַנעק,
רויטע אַגרעסן געקײַט.

ס׳האָט אַ יאָדערל געפּינצטערט
אויפן צאַרטן שניט פון ליפּ.
...איך באַדויער ניט ביז איצטער,
וואָס כ׳האָב דעמאָלט דיך געליבט.

1969

* * *

דער דאָרשט איז ניט געשטילט,
די ליפּן זײַנען טרוקן.
דער מאָרגן — יונג און ווילד —
מיך וואַלגערט אויפֿן רוקן.

עס פעלט מיר קאַלטע בלוי
פון הימלשע געפעסן, —
מײַן סאַרפּענדיקע הויט
זי זאָל מיט פראָסט פארלעשן.

עס פעלט מיר הויכע רו
פון וואָלקנדיקע צוגן, —
עס זאָל מײַן שטילן רוף
דער דונער ניט פאַרצוקן.

עס פעלט מיר שאַרפער האַסט
פון פייגלשע געיעגן, —
עס זאָל מײַן מענטשיש האַרץ
ניט בלײַבן אונטערוועגנס.

דאָס גראָז די פלייצע קילט,
דער הימל בלויט מעסוקן.
דער דאָרשט — אַלץ ניט געשטילט,
ווי פריִ'ר — די ליפּן טרוקן.

1971

* * *

ס׳וועט גאָרנישט ניט ווערן פאַרפאַלן —
אפילו א זוניקער גלעט,
אפילו א ווינטיקער שאַלן
אין טרוקענער ברוסט פון טשערעט.

א לעבן קאָן פּליסיק פאַרבײַגיין,
נאָר פּלוצעם וועט אופרעגן אײַך,
פאַרוואָס האָבן ווינטן געדײַגעט
אָט דעמאָלט, באַם טויִקן טײַך?

און פּלוצעם וועט אָטעם פאַרפעלן
אין איינער א פראָסטיקער נאַכט:
די זוניקע העלע געמעלן,
ווער האָט זיי צום טיקן געבראַכט?

איך וויים: איר וועט פיבערדיק נעמען
דאַן ציילן דאָס גוטס אף א קאָל.
— — — — — — — — — — — —
ניט פול איז געווען אײַער עמעס
אין יענעם — אין רײַכן — אמאָל!

1970

* * *

אמאָל, איר הערט, געווען כ׳בין זאַרגלאָז:
פֿאַרשעפּט א פֿרילינג אין דער ברוסט,
און, רייצנדיק דעם הימלס אָרגל,
געוואקסן אונטער רעגן־גוס.

עס האָט געפּויקט איעדער טראָפּן
אין פּלייצע העפקערדיק און פריש,
די בלאַנקע זון בא מײַן צוקאָפּנס
האָט מיט לעוואָנע זיך געמישט.

אין הענט אין צווײ געווען פֿאַרשלאָסן
די גאָרע וועלט — פֿון מײַ ביז מײַ,
ווען שטערן האָבן זיך געלאָשן,
איך פֿלעג זײ אופֿבלאָזן אפֿסנײַ.

און איצט נאָר טוט מיר אָטעם קלעקן
די הענט דערוואַרעמען אין פֿראָסט
און ווען־ניט־ווען מײַן יוגנט וועקן, —
אָט די, וואָס טײַער ט׳מיך געקאָסט.

1971

* * *

דער מײַ, דער פרילינג־ערשטלינג, איז ניטאָ מער,
זײַן יונגן כיין די היץ האָט אָפּגעווישט.
אזוי אין וועלט זיך פירט פון לאנג,
און טאָמיד
וועט זײַן אזוי,
איך ווייס עס אַף געוויס.

וואָס דארפסטו, נארעלע, אומזיסט דאָ שטרײַטן
און אַף דער וועלט זיך בלאָזן ווי א קינד?
דער מײַ, וואָס איז אוועק, איז אָפּ באצײַטנס
און האָט אין אונדזער לעבן זיך פארשפּינט.

1969

* * *

כ׳האָב לאנג שוין ניט געהערט קיין זאנגען־שאָרך,
דעם שטאמלענדיקן איבערפאל פון וואסער;
כ׳האָב ניט געזען, ווי ס׳וויגט די לופט א לאָרך,
ווי אָוונטיקע שײַן צערינט געלאסן.

ס׳האָט פרי פון מיר זיך אָפּגעטיילט דאָס גליק
פון ווערן מיטאמאָל אין וואלד פארלאָרן,
די זיסע פרייד פון קערן זיך צוריק —
פונעם אמאָל אין קומענדיקע יאָרן.

1969

* * *

ס׳האָט מיך פאַרוויגט, אַ גרויען אויפל,
דעם הימלס ציטעריקע טיף,
ווי זי וואָלט מיר אַ פולן הויפן
בלוי אין בלוט אַרײַנגעטריפט.

און לאַנג דערנאָך אין זיסן דרימל
געוואָנדערט כ׳האָב אין בלוי, פאַרקלערט,
ביזוואַן ס׳האָט מיר דער זעלבער הימל
די גרינע ערד ניט אומגעקערט.

* * *

אזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט:
א זומערדיקער טאָג א לײַנענער,
א סטעזשקעלע אין קאָרן־פעלד,
א טוווע־וועלט —
אָן שרעק ארײַן אין איר.

לענגויס דעם זאנגענדיקן שאָרך
זיך ציִען דינע קוילעס פייגלשע,
דעם קאָפּ צום הימל א פארוואָרף —
דאָרט טראָגן וואָלקנס העמדער מיידלשע.

א ווינטל גליטשט זיך בא די קני,
ווי אָט די סטעזשקע — א פארפלאָנטערטער,
און ס'שמעקט אין לופט מיט ערעוו־שניט,
מיט זעט פון קי פארבלאָנקעטע.

דו גייסט פאמעלעך שאָ נאָך שאָ,
א קינד דער ערדס, א זון ווײַסרוסישער, —
א לעבן ניט געווען דאָ —
איז לאָמיר, לעבן, דאָ צעקושן זיך!

אזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט
מײַן וועג צוריק — אין קינדהײַט טויִקער —
אין ערשטער היץ, אין ערשטער קעלט,
וואָס לאָזט ביז איצט זיך ניט באַרויִקן.

* * *

„שוואַרצע קאַרשן רײַסן מיר,
רויטע — לאָזן מיר שטיין...״
מײַן שטעטעלע אין רײַסן
ווי אָרעם ביסט און קליין!

אַזויפֿיל צײַט פֿאַריבער,
אַזויפֿיל צאַר פֿאַרבײַ,
פֿאַרוואַקסן טיפֿע גריבער,
פֿאַרכאַסמעטע מיט בלײַ.

די וועגן אויסגעטראָטן,
די בריקן ניט פֿאַרהיט,
די סאַזשלקע פֿאַרשאָטנט
מיט גרינעם וואַסער־צוויט.

און שיטער איז דער פֿײַער
פֿון סאָסנע־קרוין אין זון.
נאָר סײַווי ביסט מיר טײַער,
מײַן שטעטל,
זײַ געזונט!

איך נעם דיך אויף דער דלאָניע,
איך טוליע דיך צום האַרץ.
די קאַרשן — פּונקט ווי טאָמיד —
זיי זײַנען רויט און שוואַרץ.

1969

* * *

די זעלבע זוניקייט, די זעלבע לינדקייט
פון מיי, נאָך ניט פאַרסאַרפעטן פון היץ,
ווען ס׳איז די גרינקייט נאָך ניט אָפּגעניצט,
און יעדער בלאַט געשמאַק פאַרשמעקט מיט קינדהייט.

ווי עמעסדיק דו פילסט זיך אף דער וועלט
מיט גאָר דיין פרישן, ניט בארויבטן אָטעם!
אף אלע קרומע געגג דו האָסט כּאַראָטע.
און גאָט נאָר ווייסט, ווי דו אַצינד מיר פעלסט.

1971

* * *

א ווײַטער אויסגעשריי אין וואלד
צעווישן ביימער שטומע,
אף וואלגער־גראָז,
פון טוי באשטראלט,
אין סאמע אָנהייב זומער.

און שוין דאָס הארץ ביז ראנד איז פול
מיט ראש פון גאָר דעם לעבן,
גלײַך ווי אין דעם באשטייט מײַן שולד —
אין גאָרנישט ניט פארגעבן.

א ווײַטער אויסגעשריי אין וואלד.
פון פרייד, פון לייד, פון צאָרן?
...א נײַער פרי אומזיניק שאלט
אין אָפּגעניצטן האָרן.

* * *

שוין צײַט צו ווערן שטרענג און אײַנגעהאלטן,
ווי אָט דער פרי, וואָס האלט דעם טאָג אין צוים.
זײַן גרויקײַט איז קוים־קוים מיט זון באַזוימט
און זיפּט זיך אַף דער ערד א טויִקע, א קאלטע.

און דיך דער אײפּער אלץ נאָך בריט און בראָט,
גלײַך ווי א קוסט אן אײנזאמען אין וויסטע,
ביז ווערסט פארשווארצט
און הײבסט אָן בעטן גאָט
באַשאָנקען דיך מיט ליכטיקן ניט וויסן.

* * *

פאַרגאַנגענע צײַטן — געדראָשענע זאַנגען,
איר פּרוּווט נאָך ביז איצטער מיך ווען־ניט־ווען פֿאַנגען
מיט אָפּהילך פֿון יונגע, אַמאָליקע דראַנגען,
מיטווידערקאָל פֿון ניט געשטילטע פֿאַרלאַנגען.

פאַרגאַנגענע צײַטן — איר, נעכטיקע טעג,
אין אויסמיש פֿון ווײַטן מע האָט אײַך פֿאַרמעקט,
ווי גראָזן פֿאַרמעקן אַ וואַלדישן וועג.

* * *

איר האָט געהערט אין וואלד א רוף?
איר זײַט אמאָל פארכושט געשטאנען
אין קרײַז פון שטומענדיקע שטאמען
און זיך ניט אומקוקן געפרווווט?

און צווישן אלע ווילדע שאָטנס
פון ביימער, קוסטעס און פון גראָז
פון זיך קיין שאָטן ניט פארלאָזט, —
מיט פײַער אייגענעם באשאָטן?

איר האָט געזוכט א וועג צוריק
צו יענע, די צעקלאפטע שוועלן
(זיי ניט באטרעטן — מוט פלעגט פעלן!),
ווו אײַך האָט רויקײַט באזיגט?

ניט קוקט מיך אָן אזוי פארוווּנדערט:
אוועלכער רוף, אוועלכער וואלד?
כ׳וואָלט אײַך באגלייט, ווען כ׳בין ניט אלט,
ווען פיס אין וועג כ׳וואָלט ניט פארווונדיקט...

1967

* * *

א טראָפּן ציטערט אף דער שויב —
איך גלויב!
אין גראָז זיך פּראַקטיקט האָגל־דרויב —
איך גלויב!
דעם פויגלס שנאָבל פּליקט דאָס רויב —
איך גלויב!
א פעדער פאַלט אין גרויען שטויב!
איך גלויב!

איך גלויב דעם הימל און דער ערד,
פון קוואַל דעם קוועל.
אויב ניט —
פאַרלירן וואָלט איר ווערט
די גאַנצע וועלט!

1962

* * *

אריבער ווײַסע פעלדער פון די סטרעכעס
דער ערשטער שטראַל — גלײַך ווי א דינע זאנג.
וואָס קאָן אין וועלט זײַן אײביקער און העכער
פון בלאנקער זון אין אָנהייב פון איר גאנג?

זי קוקט ארײַן אין אויגן ערשט צעפראלטע —
ווי יעדער מענטש אן ערשטלינג וואָלט געוועז, —
ער זאָל, באם ראנד פון אָוונט, ניט פארזען,
ווי זי איר וועג פארענדיקט א צעשטראלטע.

1969

און ווידעראמאָל



* * *

און ווידעראמאָל הייב איך אָן מײַן געזאנג —
דעם געזאנג פון א ווינט, וואָס אף בלינד צוקט א זאנג,
דעם געזאנג פון א זאנג, וואָס זיך בוקט צו דער ערד,
דעם געזאנג פון דער ערד, וואָס די הייך האָט דערהערט.

און ווידעראמאָל טו איך ציִען מײַן ליד —
דאָס ליד פון א בין, ווען זי פליט צו דעם צוויט,
דאָס ליד פונעם צוויט, ווען צו זון זיך ער ציט,
דאָס ליד פון דער זון, ווען זי שטײַגט צום זעניט.

כאָטש כ׳ווייס: ס׳וועט מײַן אומרו ניט וועקן די וועלט,
מײַן קאָל — ניט צעבויטען דעם הימלס געצעלט,
א בלעטל א גרינינקס דאָך טאָן וועט א ציטער, —
א בלאט א פארגעלטע וועט פאלן פארביטערט...

1969

* * *

דער וואַלד, ער גייט מיר נאָך מיט שאָרך פון קליאָנען.
מיט דינער קעלט פון אופגעוואַכטן גראָז.
אַ גרינער קישעף, קוים כ׳האָב דיך פארלאָזט,
ווי דו ביסט אוף אין מיר ווי א דערמאָנונג.

דײַן שמעקעוודיקע טיף פונוויַטן בלענדט
מיט זוניקן געשמעלץ פון אלטע שטאַמען,
און ווי א ליד עס פאלט אין מײַנע הענט
פון יונגער צווײַג דאָס סוידעספולע שטאמלען.

1969

* * *

איך זע דעם פרילינג — שווארץ אף ווײַס —
אין ריטשקעס גיריקע צעפלאָסן;
פון דינעם אָפגעצערטן אײַז
כ׳פארגעס דאָס גוירלדיקע לאָשן.

איך זע דעם פרילינג — ווײַס אף שווארץ —
אין נײַעם שנײ־שיט אף די שלייפן,
ווען ס׳שאלט דער ווינט אין בלויען שויפער,
ווען בלוי צערינט אין הימלס סרייפע,
ווען ס׳קראכט דאָס אײַז פון אונטער הארץ.

1968

* * *

און נאָך א פרילינג לייגט זיך אף מײַן פּלייצע
מיט צווײַג מיט שווער געוואָרענער, מיט ווינט,
וואָס אין א דולער ריטשקע פאַלט און רינט
אין דר'ערד אַרײַן —
אין קומענדיקע וויצן,

אין גראָזן־אויסשיט ערגעץ בא א הויז,
אין קילקײַט ערעוומײַיִקער,
אין ציטער
פון ערשטן בלאַט, וואָס בלייכט זיך שוין אין מיט
פון פײַכטן קנאָספּ, גלײַך ווי א פלאַם אין פויסט.

1969

* * *

כ׳וועל אויסהאלטן דעם פּרוּוו —
איך מוז
דעם פלאַם אדורך — צו ארץ געגליכן;
צום הארץ פון פײַערדיקן וויכער
זיך צודריקן מיט בלויזער ברוסט.

און זאָל זיך אָפּשווארצן אף איר
דער גוירלדיקער שניט פון ווונדן,
ווי צארטער זוים פון דײַן גוטוווּנדער,
וואָס הײַנט־צו־טאָג נאָך גליט אין מיר...

* * *

אזא מין לאנגע נאכט, מײַן גאָט!
כאָטש נעם פארטראכט א שיקזאל נײַעם
און רײַס זיך דורך דורך קאלטן פײַער
פון טוי אף הארבסטיקן באראָט.

פון אָטעם אייגענעם די לאסט
צעשיט, צעווארף אף שטיין און דאָרן,
און פאל אף שארף פון הימל־פאס,
און שטארב, און ווער אפסנײַ געבאָרן...

1970

* * *

כ׳האָב אָפּגעווינטערט נאָך א יאָר
לעקאָוועד אָט דעם נײַעם פרילינג —
דעם זון־און־רעגנדיקן צווילינג,
דער לוסטיק־אומעטיקער פּאָר.

א ריטשקעלע צעווישן שנייען,
א שנייעלע אין קנויל פון ווינט —
איר קומט די וועלט ארום דערפרייען,
פאר יעדן מענטש — ווי א געווינס.

איז וואָס זשע ביסטו, אלטער נאר,
מיט אָט דעם אלעם ניט צופרידן?
האָסט דאָך דעם פרילינג זיך דערוואַרט
און מיטן ווינטער זיך פארברידערט...

1970

* * *

ס׳איז אַלץ נאָך רוי און אַלץ פאַרבאָרגן,
און גרינס — אין שוואַרצקייט נאָך פאַרשפּינט,
ווי ס׳וואָלט דעם נעס פון ניי־געבאָרן
דער פרילינג עמעצן פאַרשפּילט.

און ס׳טרעפט:
אין וואָכעדיקן שווייַגן
פון פרי
כ׳פאַרליר פון וואָרט די ווערט,
ווען איך דערהער, ווי אַלטע צווייַגן
מיט גוואַלד מע וואַלגערט אויף דער ערד...

1970

* * *

עס טרעפט: איך קאָן ניט אופרײַסן דאָס שווײַגן
(ווי מ׳זאָגט, דאָס אייגן שטעטל ניט באַשטיין),
ווען זאָגן עפּעס — וואָלט געהייסן לײַגן
דער וועלט, און דיר, און אײַך, און זיך אליין.

איר קוקט מיך אָן פאַרכידעשט: האָדיע שטומען!
הערסט: פרייד־געשריי זיך כאַוועדט מיט געוויין;
דער צונג איז צוגעזאָטן דיר צום גומען?
— צום האַרצן צוגעוואַקסן איז א שטיין.

1971

אָוונט

די לעצטע ליכט זיך לעשט, א פאס א צארטער
פון בלייכן פּײַער וויגט זיך איבער וואלד,
אוןביימער זעען אויסעט ווי געפארבטע —
אף האלב נאָך גרין, שוין טונקעלע אף האלב.

א שווארצער פויגל אומעטיק זיך פינצטערט
און ווארט, אז אים פארשלינגען זאָל די נאכט,
נאָר ס'איז דער נאכט, מיסטאמע, אלץ נאָך ווינציק
אף אויספילן איר ערנסטן פארטראכט.

1961

* * *

דיביימער טונקען אָפּ אין אָוונט־בלוי
די בלעטער, פּונקט ווי שאָטנדיקע פלעקן.
א יונגע צווײַג זיך אָט אזוינס דערלויבט, —
ס'וועט ווידער זי גאנצפרי די זון צעוועקן,

און פריש וועט זײַן אף איר די גרינע צווײַג,
באַשאָטענע מיט שטערנדיקן ציטער.
...אינמיטן נאכט א פראָסט נעמט דורך די גלידער:
צי וועל איך נאָך דערזען די יונגע צווײַג?

1969

* * *

ער שטייט פארכושט, מיט שארפער שײַן געשײַערט,
אין ענגער שטײַג פון שורעס גראָבע שטריק —
דער זיגער, דער, וואָס האָט זײַן פײַנט פארשיקט
אין שווארצן, אלץ פארמעקנדיקן פײַער.

אף הארטן דיל פון רינג ער זעט זײַן פלייצע:
אין ביינערדיקן בראָך — א מוירע שטעקט,
דער שטאָלצער בויג פון האלדז — ווי אָפּגעמעקט,
די הענט — ווי אָפּגעלאָזענע צוויי לייצעס.

דער ריכטער ציילט די רעגעס אָן ראכמאָנעס...
ווי אויסגערעכנט־הארב זעט אויס זײַן זיג,
זײַן מאכט זײַן דולע איבער דעם, וואָס ליגט
אנטקעגן ליכט מיט אויסגעבלייכטן פּאָנעם.

מע וועט אים העלפן אופשטיין,
עטוואָס שפּעטער,
מיט פרישער לופט געזעטיקט אין דער מאָס,
ער וועט צום זיגער צוגיין,
אָן פארדראָס
זײַן האנט מיט שווערער הענטשיקע א גלעט טאָן,

א שמייכל טאָן מיט טריבע אויגן שולדיק:
„פארגיב די שוואכקײַט מײַנע, גוטער פרײַנט,

איך בין געווען א ביסל זאָרגלאָז הײַנט
און דו, ווי אלע יונגע, ניט געדולדיק..."

...ער שטייט פארכושט, מיט שארפער שײַן געשײַערט,
אין ענגער שטײַג פון שורעס גראָבע שטריק.
עס בושעװעט דער זאל:
„אזא מין זיג!
אזא מין קלאפּ — גיי קריג אים פאר א דרײַער!"

ער טרעט דורך אָט דער ראשיקער מעדינע.
אזויפיל פרײַנט בא אים דאָ — אָן א צאָל —
און צווישן זיי — ער ווייסט — זיך טוט געפינען
אָט דער, וואָס וועט באזיגן אים אמאָל...

1971

* * *

כ׳האָב קיינמאָל ניט געפּרוּווט די טעג די ערדישע,
וואָס האָבן שטיל געזונקען אין דער צײַט;
געהאַנגען רויִק אַף דער וואַנט מײַן שווערד אין שייד,
דאָס פֿערד געפּיטערט זיך בײַ פֿרעמדע לײַט.

נאָר ס׳טרעפט אין אָוונטן, ווען נעפּל רינט ווי מילך
אַף שווערע טויען, —
אין אַזאַ מין נאַכט
מיר נעמען כּאָלעמען זיך ווײַטע ווינטמילן...
— — — — — — — — — — — — — — —
און ערגעץ דויערט, ערגעץ גייט אַ שלאַכט.

1971

* * *

איך קאָן אײַך באַווײַזן אַזוינס און אַזעלעכס,
אַז לופט אַף צו אָטעמען ט׳ווערן אײַך קאַרג:
אַ בלום אינעם פראָסט, פון הימל אַ טעלער,
אין דלאָניעס אַ שאָטן פון איינעם אַ באַרג,

דער וועלט איז באַקאַנט מײַן געניטקײַט, מײַן פלײַסן,
די בראָכע — אין פינגער אין צען — פון די הענט.
...כ׳וועל אַלץ אײַך באַווײַזן,
נאָר איר טוט באַווײַזן
די אויגן פאַרמאַכן, אַף דאָס צו דערזען...

* * *

אָט גייט איר דורך פאר מײַנע אויגן ווידער,
פארגייענדיקע זון, פארגייענדיקער טאָג,
און ס'ווערן פּוסט די הימלשע יארידן,
און בלויקײַט ווײַזט איר וואָלקנדיקן טאָך.

שוין וויפל מאָל איך שפּיר די שארפע בײַט
פון ליכט און פינצטער אף דער ערד דער אלטער.
א לעבן, זעט, איז שוין קימאט פארבײַ,
און יענעם בײַט איך קאָן אלץ ניט פארהאלטן.

1967

*

יונגער וואנדער



* * *

כ׳וועל איבערלאָזן דיר מײַן ליבשאפט שטילע,
וואָס אָפּט —
אין אײַלעניש —
האָסט ניט פֿארנומען, —
אזוי אף ליפּן צייכנט זיך א טפּילע,
ווען ווערטער אלץ נאָך ליגן אפן גומען.

קיין אנדערע כ׳האָב ניט געזאמלט ווערטן,
און מיר, בעעמעס, קיין זאך טוט געהערן, —
אכוץ אָט די, צו דיר גערעדטע ווערטער,
וואָס גאָר די וועלט, זי האָט געקאָנט זיי הערן.

1968

* * *

אריבער פערציק,
טײַנע צי ניט טײַנע
מיט גאָרער װעלט צי גאָר מיט זיך אַליין, —
ניטאָ מיט װאָס זיך, ברודער, אױסצופּײַנען
אין אָט דעם שטאַנד.
מע װעט דיך ניט פאַרשטיין.

װעסט שױן ניט אָנקלאַפּן אין פרעמדן טױער
און העפקערדיק ניט אָפּטרײסלען דעם צװײט,
די הענט צעװאָרפן ברײט אױף װילדע טױען,
װאָס האָבן זיך פון אוראַלט נאָך פאַרהיט;

ניט װערן זיך דעם װינטיקן געראַנגל
פון ערשטע שאַרפע קעלטן אָסיען־צײַט,
און אױך די בלױע װײַסקײַט שױן ניט פאַנגען —
דעם הױכן הימלס אָװנטיקן קרײַד.

אַזױ־אָ, פרײַנט, אַזױ־אָ און ניט אַנדערש
בא סיװע האָר מע כעזשבנט װען־ניט־װען...
דו שפּאַנסט.
דײַן שאָטן גליטשט זיך פאַזע װענט —
דער אַלטער אײדעס פון דײַן יונגן װאַנדער.

1969

* * *

דײַן הויט האָט מיר פֿאַרשמעקט מיט שנײ־געריך,
כאָטש זומער ברענט, ווי סטויגן היי אַף לאָנקע,
און ווײַסע וואָלקנס הויך אין הימל בלאָנקען,
ווי זיי וואָלטן אַ שאָטן זיך געזוכט.

די ערד זיך שפּאַלט אונטער די פֿיס פֿון היץ,
און גראָזן גיבן אָפּ דאָס גרינס אָן צאָרן,
נאָר אײנער איך,
איך פֿיל אַ קעלט אין אָרעמס
פֿון שניי, דעם ניט צעגאַנגענעם ביז איצט.

1967

* * *

ניט אָפּצעוועגדן זיך פון דיר, ניט אָפּצוקערן...
פאַראַן אין דיר די גרויסמאַכט פון דער זון,
וואָס ציט אַרויס א ווידערוווּקס פון קערן
מיט קישעף בלויז,
ניט ווויסנדיק דערפון.

ניט אָפּצוקערן זיך פון דיר, ניט אָפּצוועגדן...
פון טעג און ווערסטן בענטש איך דעם גאַלאָפּ,
נאָר צײַט און ווײַט —
ווי שטרוי זיי ברענען אָפּ,
און, ווי א פלאַם אין ווינט, דו ווערסט נאָך נע׳נטער...

1967

* * *

די נאכט האָט אָפּגעזונדערט מיך פון דיר
און שטייט פונוויַיטן, ווי א שוואַרצער הייכל...
וואָלט כאָטש א בידנער שטערן זי באַצייכנט,
א שנייעלע צעבליצלט אומגעריכט, —

מיַין איין־אליין באהעפט מיט גאָר דער וועלט,
ווּ דו פארזינקסט אצינד אין שלאָף אין זיסן,
ווי אין א טהאָם פון ליכטיקן ניט וויסן,
אז מיר האָט ליכטיקייַט פארפעלט...

1970

* * *

וואָס נאָך, וואָס נאָך אין אויסגעמיש אין שטרענגן
פון טעג און נעכט, פון בראָטעניש און קעלט
האָט מיר פאַרפעלט אַף אָט דער ווײַסער וועלט,
וואָס פאַר מײַן הארץ זי ווערט אַלץ ענגער, ענגער?

כ׳פאַרטראַכט זיך אָפּט,
כ׳נעם פלאָגן דעם געוויסן,
כ׳נעם דעם זיקאָרן לופטערן,
נאָר באַלד
אַ ניכטערער געדאַנק מײַן דראַנג פאַרהאַלט:
וואָס פעלט אַ הארץ, —
נאָר אים אַליין צו וויסן.

1971

* * *

צי ווייסטו דען, וואָס אַנוווער הייסט?
באַטאָג — אַ זון אָן אַפּגעקילטע,
וואָס גאָר איר הימלדיקע גרייס
דער ערד זיך פּינטלט ווי אַ גילדן.

אַ דולער שטערן־פאַל — באַנאַכט,
ווען פּלוצעם ווערט דיר אײמיק־ליכטיק,
און גלײַך נאָך דעם אַ כאַשעבעס קראַכט,
און ס'קאָן שוין גאָרניט ניט פאַריכטן:

ניט אופצועפענען קיין טיר,
קיין שטילע בראָכע ניט פאַרקלערן...
און צווישן דיר און צווישן מיר —
ניט טאָג, ניט נאַכט, ניט זון, ניט שטערן.

1967

* * *

א וואָלקן־פלעק אויף הימלס צודעק
(אין פײַכטן טאָל א זונען־פלעק)
פון מידן שלאָף מײַנעם מיך וועקט,
דאָס וואך זײַן מײַנס צערודערט.

ווען צווישן הייך און צווישן נידער
א ציטער ליכטיקער זיך מערט, —
איך גלייב: דײַן בליק פארבענקטער ווידער
האָט אָפּגעזוכט מיך אויף דער ערד.

* * *

עס טרעפֿן זיך טעג, ווען אַלץ גייט קאַפּויר, אומבאַגריפֿן,
ווי גאָט וואָלט זײַן וועלטל אַ סיידער אַ נײַעם פֿאַרקלערט.
אין הימלשן ראַכוועס דו שפּירסט אָקעאַנישע שיפֿן,
און ס׳שנײַדן זיך בערג אין דער טיף פֿון דער אַלטיטשקער ערד.

די ווײַעס פֿאַרשליסט — זעסטו יאָרן, און מענטשן, און ווײַטן,
די אייגענע גרויסקייט (צי קליינקייט) דיך טוט אַ פֿאַרבלענד,
כאַלוימעס זיך צינדן ווי הויכע, ווי זוניקע שײַטערס...
אין טעג אין אַזעלכע איך גלייב, אַז כ׳בין דיר ניט פֿאַרפֿרעמדט.

1968

* * *

וואָס טוסטו איצטער, אין אזא מין שאָ,
ווען פינצטער איז צעשפּריצט ארום נאָך שיטער,
און בלייכע פּאסן זון דעם הימל היטן
פון שטערן־שיט,
און ס׳איז דעם טאָג א שאָד

איין האלבע וועלט אף העפקער איבערלאָזן.
וואָס קלעמט דײַן הארצן אין א שאָ אזא,
ווען ווײַס זיך בײַט אף שווארץ, און יעדע זאך
ווערט מיט א נײַעם נײַגער אָנגעלאָדן?

איך גלייב, א קלייניקײַט דיך איצט באטריבט:
א פּלוצעמדיקער קרעכץ פון בוים דערנעבן,
א פּליעסק פון וואסער אין א ווײַטן ריוו,
מײַן שטומער זיפץ...
דו וועסט מיר אים פארגעבן.

1970

* * *

דו קאָנסט פאַרשטעלן זיך אין וואָס דו ווילסט, —
כ׳וועל טייקעף דיך דערקענען אָן א צווייפל.
איך ווייס דאָך אַלע דײַנע צאַרטע צייכנס,
וואָס דו אין זיבן שליירן פאַרהילסט.

און מעג א קישעף מאַכן דיך ניט זעבאַר, —
כ׳וועל אָנשטויסן זיך סײַווי אָן דײַן שײַן,
וואָס לויכטן וועט, ווען איך וועל שוין ניט זײַן,
פאַר מענטשן אַנדערע מיט גנאָד דער זעלבער.

* * *

אלץ שווערער ווערט די לאַסט פון וואַרטן
אין ענגן קרײַז פון אומגעדולד,
וווּ דו, קעדיי ניט ווערן דול,
פּרוּווסט זיך אַליין אַף טויט פאַראַכטן.

דער אָטעם האַמעוועט דעם גומען,
אין לונגען פליסט אַ שאַרפע קעלט.
און ערגעץ טראָגט די לאַסט פון קומען
אָט די, וואָס מיר אַצינדער פעלט.

1969

* * *

דו זאָגסט: איך האָב זי אויסגעשעפּט, די ליבע,
דערגרייכט איר דעק,
מיט גלײַכגילט זיך באַדעקט;
אַז כ׳בין דעם מילדן, ווילדן טהאָם פֿאַריבער
פֿון בענקעניש צו דיר, פֿון גליוועדיקער שרעק

אין איינעם שיינעם טאָג פֿאַרלירן דיך אַף שטענדיק,
פֿאַרלירן זיך אַליין אין וואַלד פֿון אונדזער זײַן...
— — — — — — — — — — — — — — — —
אַזױנס נאָר ווען ס׳געשעט —
וואָלט ס׳לעבן זיך פֿאַרענדיקט,
אַזעלכעס ווען ס׳וואָלט זײַן —
איך וואָלט שוין מער ניט זײַן!

1969

* * *

פון דײַנע הענט פון דײַנע לופטיקע
אַן אָפּשײַן מילכיקער זיך שפּרייט.
און אָטעם פּעלט אױף דיך א רוף צו טאָן,
א גלעט טאָן דײַנע פליגלען צווײ.

איך שטײ, אַן ערדישער, און ערלעכער,
אַן אָפּגעזונדערטער פון דיר,
ווײַל יעדער שפּאַן פאַרויס געפּערלעך איז
אױף וועג, וואָס ערגעץ שוין ניט פירט.

1968

* * *

כ׳האָב אײַך ניט אופגעהערט צו ליבן,
אפילע ווען געהאסט כ׳האָב אײַך;
מיט קרײַזן אף א שטאם פארשריבן
די יאָרן יענע.
גאָר ניט לײַכט

זיי האָבן זיך מיט זאפט געשניטן
דורך הארט פון אָסיענדיקער ערד,
אום ווינטער — פונעם פראָסט געליטן...
אזוי איז אונדז געווען באשערט.

איצט שפרייט די צײַט זיך אנדערש, לײַכטער —
מיט קרײַזן איבער וואסער־פלאך,
און ס׳צינדן שטערנדיקע לײַכטער
אין זייער זכוס דעם יונגן סכאך.

אלץ אָפטער אין א נאכט א טריבער
אין וואלדס איך בלאָנקע קיניגרײַך:
דער שטאם, צי איז ער גאנץ געבליבן,
צי טוי, ווי פריִער, אים באפײַכט?

כ׳האָב אײַך ניט אופגעהערט צו ליבן,
אפילע ווען געהאַסט כ׳האָב אײַך...

1971

* * *

בלינדע, פארליבטע, מיר זוכן א וועג
און שטויסן זיך אָנעט אין מענטשישן נײַגער,
וואָס אים, ווי א קלאָלע, מע קאָן ניט פארבײַגיין,
מע קאָן ניט ארומגיין, אזוי ווי א שרעק.

און קיינער אנטקעגן א האנט אונדז ניט שטרעקט.
איז גיב מיר דײַן האנט, לאָמיר האלטן זיך פעסטער!
עס גריסן אונדז פויגלען פון לופטיקע נעסטן.
בלינדע, פארליבטע, מיר זוכן א וועג.

1966

* * *

די וועלט מ׳דאַרף דורכגיין — דיך אַף צו געפינען,
פאַרלירן דיך — גענוג אַרויס פון הויז
אין דעם געהיימען אָוונטיקן ברויז,
ווו גרינס ווערט טונקעלער, און טונקל — גרינער.

נאָר איינס וועט זיך ניט מינען, ניט פאַרבײַטן,
ווי שאַרפער שניט אַף האַרט פון קיזלשטיין, —
דײַן בליק דײַן לעצטער: „גייסט — איז גיי זיך ווײַטער",
דײַן טרער דײַן ערשטע: „קום צוריק צו גיין"...

1966

* * *

דו ביסט אַן אַנדערע, איך ווייס — אַן אַנדערע:
אָף צאַרטע קינבאַקן — דער האַסט פֿון טאָג,
דער שניט פֿון ווינט — מיט אים דו טוסט אַלץ וואַנדערן
פֿון האַרץ צו האַרץ, גלײַך ווי פֿון ראָג צו ראָג.

און דאָך איך שטיי און שפּיר, ווי אַ באַצויבערטער,
אין וויג פֿון ווינט, אין מאָרגן־שעמעריר,
ווי ס׳שלײַכט דײַן שאָטן איבער שניי־דעק זויבערן
פֿון ווײַט פֿון אומגעהײערער צו מיר...

1970

* * *

ווילסט וויסן דעם סאָף פון דער מעשׂה?
וואַרט צו.
ס'האָט דאָס האַרץ מיר פאַרקלעמט...
דײַן ביסל געדולד און מײַן פלײַסן,
זיי וועלן ניט בלײַבן פאַרשעמט.

אָט יענע, די ווילדע פרינצעסן,
פאַרקאָוועט אין גרויליקן שלאָף, —
זי האָט שוין דעם צײַט־גאַנג פאַרגעסן,
נאָר סײַווי אויף רעטונג געהאָפט.

און ער, אָט דער יונג, אָט דער רועך,
מיט שווערד איבער בליציקן קאָן, —
ער האָט שוין פאַרגעסן, וואָס רו הייסט,
נאָר סײַווי זײַן ליבע געמאָנט.

ער איז אין איר כאַלעם פאַרפלויגן,
איר אײַזיקע טפיסע צעבראָכט,
און אויגן דערזען האָבן אויגן
אין ליכטיקן אופּפראַל פון טאָג.

אַזוינס, זאָגט, איז קיינמאָל געווען...
ניט שפּאַר זיך.
איך ווייס, וואָס איך רייד,
...זי שלאָפט נאָך, מײַן שיינע פרינצעסן,
און ס'דרעמלט מײַן שווערד אין דער שייד.

* * *

טײַערע מײַנע, איך שווער דיר באַם ליד,
באַ דעם, וואָס עס קאָן שוין ניט אָפּנעמען קיינער, —
אין יאָרן פון אויסוואַל געפּעלשט האָב איך קיינמאָל,
אַף וועגן אַף קרומע דעם אויסוועג פאַרהיט.

און דיך — אויב איך האָב דיך מיט עפּעס דערצאָרנט,
פאַרוווּנדיקט ניט ווילנדיק — כ׳פּיל זי, די שולד, —
איז נאָר ווײַל אין צאַרטקײַט כ׳בין ווייניק געשולט,
איז העלף מיר פאַריכטן מײַן הארבן כיסאָרן.

1971

* * *

אָט דאָרט אין יאם, אין אויסגעמיש פון ווײַטן,
ווו הויכער הימל־בלוי ווערט שווארץ און טיף,
איז גרינג,
זיך דוכט,
דאָס גוטס אף שלעכטס פארבײַטן,
ווי ס׳בײַט די זעגלען אונטער ווינט א שיף.

און אלץ אין לעבן אופלויכטן וואָלט אנדערש,
און לעצטער טאָג — אויך אנדערש זיך פארמעקט,
ווען ס׳וואָלט מײַן הארץ אף דײַנס ניט זײַן פאראנקערט,
ווי יענע שיף באם אויסגעבענקטן ברעג.

1967

* * *

עס האָבן מיך די בערג פֿאַרקלעמט
אין זייער רונג אין אײַנגעשפּאַרטן,
ווי ס'וואָלט מײַן שווײַגן זײַן ניט פֿרעמד
דעם שווײַגן פֿעלדזישן און וואַרטן.

זיי, די געבוירענע אין פֿלאַם,
פֿאַרהויבענע אַף ערד און וואַסער, —
פֿאַרגליווערט קוקן איצט אין יאַם
און הוידען וואָלקן־בלוי געלאַסן.

נאָר קומען וועט אַ וויסטער טאָג —
און איר ט'דערהערן זייער לאָשן...
— — — — — — — — — — — —
אין מײַנע ביטערע פֿאַרדראָסן
כ'האָב דיר אַזויפֿיל ניט דערזאָגט!

* * *

דו ענטפּער מיר, ווי ווײַסער טאָג טוט ענטפּערן
דער נאַכט,
ווען ער באַשירעמט זי,
פאַרפּולט
מיט היץ, מיט בליץ,
מיט בלענד פון זיך דערנעענטערן,
מיט זוניקן ניט וויסן פון קיין שולד.

דו ענטפּער מיר, ווי שוואַרצע נאַכט טוט ענטפּערן
דעם טאָג,
ווען זי פאַרשלינגט אים גרויליק־האַרב...
אַזוי — צי אַנדערש...
נאָר דעם סיידער ענדערן
פון טאָג און נאַכט איז ניט אימשטאַנד אַ האַרץ.

1965

* * *

און ס׳הייבט זיך אָן א נײַער קאָן
פון אלדי ליידן, אלדי פריידן,
פון דעם, וואָס אונדז געהערט נאָר ביידן
אָן הינטער־זײַט, אָן אויבנאָן.

ס׳איז אלץ צעטיילט אף צוויי, אף גלײַך,
ווי אף דער וועלט וואָלט ניט געוועזן,
כוץ דיר און מיר,
קיין איינציק וועזן...
— — — — — — — — — — — —
איצט ווייסטו שוין, ווי איך בין רײַך?

23*

* * *

די הייסע קוילן פון דער זון פארשארט
דער אָוונט האָט —
פארטונקלט אלע ווינקלעך.
דער שווארצער יאם, ווי אים וואָלט עס פארשאט —
א כוואליע נאָך א כוואליע טוט צעוויקלען.

א רעגע — און צערינען וועט די ערד
אין אלדי אירע גרינקייטן פון זומער...
א שטערן פאלט, מיט אייביקייט באשווערט,
און ס׳קומט די נאכט
מיט אָנזאָג פון דײַן קומען.

1967

* * *

אומזיסט געוואַרט א טאָג א לאַנגן,
די טריט געציילט אהינטער טיר,
אזא אומענדלעכן גראַנגל
מיט זיך אליין ביז נאכט געפירט.

און ס׳האָבן וואָלקנס זיך געלאָשן
אף הימלס אָפּגעניצטן ציץ,
און ס׳האָט א דונער הארב געדראָשן
די בלעטער־וועלט,
צולעצט א בליץ

האָט אויסגעשטעפּט מיט פלאם א צייכן,
אז עפּעס איז ארום ניט גלאַט.
איַיך דער געוויטער ט׳ניט פארשאַט?
זיַיט מיר מויכל,
זיַיט מיר מויכל...

23—738

* * *

כ׳האָב זיך באם אומרו נאָכגעפרעגט
אין שווערן שלאָף אין מיטן, —
האָט ער מיך טייקעף אופגעוועקט,
איך זאָל די רו פארהיטן.

איך האָב די רו געפרווּוט פארטאָג:
דיך זען איז איר געלונגען?
האָט זי אין הויכן הימל־גלאָק
זיך אומרויִק צעקלונגען.

ווײַזט אויס, אזוי איז מיר באשערט —
מיט וועלט א שטרײַט צו פירן:
ווער ס׳וויל געפינען, —
זאָגט זי, —
דער
מוז קאָנען אויך פארלירן...

1968

* * *

די טאָג־שײַן זיך צעפּליסט ניט זיכער
אַף אש פון אָפּגעקילטע נעכט:
אַזויפיל טרוימען אָפּגעוויכערט,
כאַלוימעס וויפל שווער פאַרשוועכט!..

אין אָט דעם ליכט דו שטייסט ווי נאַקעט,
און ס׳פּעלט דיר אָדאָמס פרישער בלענד,
איז שנײַד זשע, זון, מײַן האַלדז־און־נאַקן
מיט לעצטן גלי פון כאַוועס הענט!

1971

* * *

איך נעם אױף זיך א גרויזאמע אכריַיעס —
מיט נאָמען דײַנעם שווערן זיך איך וואג,
און גאָר די מילדקייַט דײַנע, גאָר דײַן כּיַיעס,
און גאָר דײַן שיינקייַט —
לייג איך אױף דער וואָג.

און בלײַב איך אויג־אױף־אויג מיט מײַן געוויסן —
פֿארפֿרעסט דאָס הארץ אן אָנגעשפּאר פֿון אײַז:
ס'קאָן שלאָגן, גאָט באהיט, די שאָ די וויסטע —
צו טײַער ווֶעסט באצאָלן פֿאר מײַן גרײַז.

* * *

אין וועלכע דיך קליידער ניט קליידן,
אין וויקעלעך וועלכע ניט וויקלען, —
ניט דער —
כ׳וועל אין אנדערער גלייבן,
מיט איר כ׳וועל אין נעכטן צוריקגיין.

ניטאָ דאָרט קיין גרויסקייט, קיין קליינקייט,
ניטאָ דאָרט קיין הייַנט און קיין מאָרגן, —
נאָר שיינקייט, אין נאַקעט פארבאָרגן,
נאָר נאַקעט, פארצויגן מיט שיינקייט;

נאָר האָר דיַינע גרויליק צעשאָטן
ביז רונדיקן זוים ביזן צארטן,
וואָס בערגלט זיך ליכטיק
און שאָטנט
מיט טונקעלן פלאם פון דערווארטונג;

נאָר נאכט, וואָס צערינט אין שאריַען,
נאָר אויגן, וואָס פינצטער זיך שליסן,
נאָר טרערן, וואָס אומרויִק פליסן
פון אונטער בארויִקטע וויִעס...

* * *

איך שווער דיר מיט זוניקן פלאַטער
אויף בלעטער, צעשויבערט פון ווינט;
מיט הימלשער בלויקייט, וואָס רינט
אויף פליגלען פון פייגלשע טשאַטעס;

איך שווער דיר מיט אומרו פון וואָרצלען
אין טרוקענער זאַמדיקער שטייג,
איך שווער דיר מיט שווערקייט פון וואָרט, ווען
ס׳האַרץ דאָס פאַראַקשנטע שווייגט...

1969

* * *

איך רייד צו דיר, איך טײַנע,
דײַן שיינקײַט כ׳מאך צונישט,
איך שעלט די זיטן דײַנע, —
און אלצדינג איז אומזיסט.

צעבײַלט דער קאָפּ פאר קאעס,
די צונג פון קלאָלעס — הארט!
נאָר ס׳הארץ — אזא בארדאעס —
עס טוט זיך זײַנס: עס ווארט...

1971

* * *

די ווײַט, זי קלינגט ווי א באַקאַנטער ניגון
פֿון ביימער אפֿן ווינט, פֿון ווינט צעווישן ווענט...
און דו ביסט נאָ'נט,
און צווישן אונדז טוט ליגן
נאָר וויסטע לענג פֿון אָפּגעקילטע הענט.

און צווײַגן איבער קאָפּ זיך וויגן, וויגן,
און שאָטנס שאָקלען זיך אין ווײַסלען מײַנע שוואַרץ,
אין אויער קלינגט דער אַלט־באַקאַנטער ניגון.
און דו ביסט ווײַט,
שוין ווײַטער פֿון מײַן האַרץ.

1968

* * *

דער בליץ, וואָס בלענדט פון אונטער ברעם,
מיט פײַכטן שווארצן גלאנץ פארשווענקטער...
פאראן איז עפּעס אויסער דעם
אין בײַט פון נאכט און טאָג אין שטרענגער?

איך בענטש דעם שטערנדיקן גאנג,
פון זון די פײַערדיקע וואכטע:
אין זיי זיך שפּיגלען אָפּ אַף לאנג
די אויגן דײַנע די פארמאכטע...

1968

* * *

וואָס בענקשאַפט הייסט —
ניט דיר צו וויסן.
אַמאָל, עס טרעפט, דיר טוט פאַרדריסן
מײַן גראָוער קאָפּ אויף פרעמדן קישן,
די הענט, וואָס פרעמדן פלאָם פאַרשליסן
און פרעמדע קוילן וואָס פאַרשאַרן...
אַמאָל, עס טרעפט, דאָס טוט דיך אַרן.

בא מיר —
כ׳בין גרייט אויף בלוט זיך שווערן! —
דאָס בענקעניש די נאַכט רײַסט אויף.
איך רוף צו דיר.
דערהער מײַן רוף —
און כ׳וועל אויף אייביק שטום שוין ווערן!..

* * *

זי וואקסט, זי וואקסט, די ליבע יענע —
די ליבע צווייטע, ניט פארזייטע,
גלײַך ווי א בלימל פונעם גענעם
אף די גאניידנדיקע בייטן.

זי וואקסט —
אין דיר און מיר געראָטן —
נאָך ניט קיין כאָלעם, נאָר קיין וואָר שוין:
אליין — די זון, אליין — דער שאָטן,
אליין — די ערד באם קנופּ פון וואָרצלען...

1969

* * *

זאָג מיר נאָך די ווערטער,
שטילע, אומדערוואַרטע,
ציטעריק־געגאַרטע,
גוירלדיק־באַשערטע.

כאָזער מיר זיי איבער,
אָטעם זיי אַרויסעט, —
ווי מע רופט אַן אויסוועג,
ווי מע בעט פאַריבל.

זאָג מיר נאָך די ווערטער —
יענע,
אויסדערוויילטע,
די, וואָס מע דערציילט ניט,
די, וואָס מע דערהערט נאָר...

1968

* * *

דו האָסט מיר אָנגעבאָטן רו — א שיינעם דאנק.
מײַן פרײַנט, דײַן זאָרג איז מיר בעעמעס טײַער,
איך ווייס, אז דיר, און אנדערע, טוט באנק,
וואָס מײַן געמיט צעשויבערט איז אדהײַעם.

כ׳וואָלט דיר געטאָן צוליב. נאָר ס׳שטערט איין זאך:
אין אָנגעלאָף פון פּלאָגן און פון ליידן
פארלאָרן כ׳האָב דעם קישעף און די מאכט
מײַן דולן קאָפּ אף אקסל דײַנעם לייגן.

1968

* * *

װען כ׳קריג צו אײַער הארצן א רענטגען
צי א שפּאקטיװ מיט זעעװדיקע גלעזער, —
איך װאָלט שוין אײַער פאלשקײַט
ניט פארזען...
נאָר כ׳האָב זיי ניט —
און דאָס, װײַזט אױס, איז בעסער.

דערװײַל מײַן בלינדקײַט מײַן געבענטשטע שטראָפט
מיך טאָג און נאכט
ראכמאָנעסדיק און ביטער:
איך רוף אײַך אין מײַן אומרויִקן שלאָף,
בא אופבליץ פון קאיאָר —
איך רוף אײַך װידער...

אף שטשיפּאטשאָווס אָוונט

אין זאַל,
אין ראָד פון מענטשן טויזנט,
ווו ס׳שאלן לידער נאָכאנאנד,
איך האָב דערהערט, ווי ס׳קלינגט א פויזע,
איך האָב דערפילט איר שארפן בראַנד.

ווי ס׳וואָלט דעם דיכטער אף דער בינע
אליין דער אייבערשטער באשטעלט,
ער זאָל מיך האָבן היינט אין זינען —
מיין אומרו אין דער רו פון וועלט.

...ס׳האָט אָפּגעברענט אין גראָז דער יולי,
די הייך באדראָט מיט שטערן־פאַל;
צום צווייט א בין האָט זיך געטוליעט! —
און צארט געוועזן איז איר געוואלד.

און, ווי א פייער־קאָפּ פון פאקעל,
אריבער ערשטן זונען־בלענד, —
א יונגע פרוי אין מאָרגן־פלאקער
מיט נאכט אף אומרויקע הענט.

איר הויט איז נאָך באהויכט מיט אָטעם
פון ליפּן אויסדערוויילטע, די,
וואָס האָבן איימעדיק פארשאָטנט
דעם נייעם שפּראָצנדיקן פרי.

זי גייט...
אונ שטעגן רינעז, רינעז
בא אירע פיס, געהיים אונ שטום, —
צום זיסן שלאָף פון מידע בינעז,
צום זיסן אופוואך פון א בלום.

זי גייט...
דער שטאלטנער גראָוועד דיכטער
פארלעשט, פארכאָלעמט, אירע טריט
אין בליץ פון יוליק־דולע ליכטער —
העט — באם ניט־דאָזיקן זעניט...

וואָלט כאָטש א וואָלקנדל פארצויגן
דעם טהאָם דעם הימלשן אָט דאן,
ווי טרערן צוויי אף מײַנע אויגן,
ווען איך דײַן נאָענטקײַט דערמאן...

1972

* * *

איך וויל: זאָלסט לוסטיק זײַן, אפילע
ווען בייז וועט אָנטײַטן אף מיר
מיט זײַן ניט שוינענדיקן ווילן,
און אומרעכט ט׳אָנקלאפּן אין טיר.

כ׳וועל דאן ארופוואַרפן דאָס פּעקל
פון צײַט און ווײַט אף רוקנביין,
ארויסגיין שטיל —
דיך זאָל ניט וועקן
מײַן וויי פון בלײַבן איין־אליין...

* * *

די ווונד נאָך אלץ זיך ניט פארצויגן,
מיט גלאטן גלײַכגילט ניט פארהילט.
די שארפע שײַן פון דײַנע אויגן
אף מײַנע וויעס אלץ איך פיל.

אין אונדזער גרויזאמען יאָרהונדערט,
ווו אלץ איז ציט׳ריק און פארשטעלט, —
א נעס אן אײנציקער —
דײַן וווּנדער,
וואָס אָפן בליצט אין גרוי פון וועלט.

און ווען מײַן הארץ א גרויל פאראנקערט,
ווען קעלט פארהאמעוועט מײַן הויט, —
צו דיר איך צי זיך דורך געראנגל,
און זיס איז מיר אָט דאן דער טויט.

1971

* * *

וואָס ווייס איך וועגן דיר,
כוץ דעם, אז דו ביסט דו?
פארכאסמעט הינטער טיר
בא דיר אוועלכע רו?..

אהינטער דינער הויט
אוועלכע בלוטיקט וועלט?
נאָך הייסן אָטעם־הויך
זיך קנוילט אוועלכע קעלט?

אין שטילן אויסגעדאכט,
מיט אופבליץ פון דײַן גנאָד,
אוועלכער דונער קראכט
דערנאָך אף הארץ־באראָט?

וואָס ווייס איך וועגן דיר?
(אָ דולער, דולער קאָפּ!) —
א קאָל, וואָס זיך פארלירט
און פלוצעם רופט זיך אָפּ;

א סנאָפּ פון זונען־שײַן,
וואָס אף די הענט איך טראָג...
...פון אים קאָן פינצטער זײַן
אין איינעם ויסטן טאָג...

1966

* * *

צי האָב איך טײַנעס צו דער וועלט? —
דו פֿרעגסט.
אוואדע האָב איך טײַנעס:
פֿאַרוואָס אין הארבסט די בלאַט פֿאַרגעלט,
פֿאַרוואָס, געליבטע, ביסט ניט מײַנע.

אזויפֿיל כידעשן זי שפּינט,
די וועלט,
און נאָר פֿון צוויי מיך פֿיבערט:
פֿאַרוואָס די בלאַט אין וועסנע גרינט,
פֿאַרוואָס ניט מײַנע ביסטו, ליבע.

1964

* * *

מיט יעדן טאָג דו ווערסט אלץ ווײַטער,
אין שווײַגעניש אין דײַנער כ׳זינק,
ווי ס׳זינקט א צווײַג אין טהאָם פון שײַטער,
וואָס נאָר דאָס ברענען איז זײַן זינד.

זײַן יעדער שווונג מיך קאָסט צו טײַער —
זײַן גנאָד צעגליטע ניט פארזאמט!
ניט קוק, איך בעט דיך, אין דעם פײַער,
ניט וואַרף קיין שאָטן אף דעם פלאַם...

1968

* * *

צי האָט אומענדלעכקײט א זינען,
ווען מ׳ציילט זי אויס מיט מענטשנס טריט?
איך פּרוּוו נאָך אלץ א מאָס געפינען
פאר ווײט און טיף פון דײַן געמיט.

אין ראכוועס דײַנער כ׳ווער פארזונקען
מיט גאָר מײַן נישטיקן פארמעג,
אזוי אין הייך די בלאנקע זון גייט
און קאָן ניט צושטיין צו קיין ברעג.

* * *

ניין, כ׳וועל דיך מיט דער זון ניט גלײַכן —
מיט לעצטן בליץ אין בלינדער נאכט,
פון ווילדער מאכט זײַנער, מיר דאכט,
וועסט שוין א לעבן־לאנג ניט ווײַכן.

נאָך אים — נאָך פינצטערער די וועלט ווערט,
און דונערס קײַקלען זיך אראָפּ:
נאָך אים — צעווישן גרינע פעלדער
טוסט פאלן ווי א שווארצער סנאָפּ...

1972

* * *

צום אלעם ערשטן וועל איך נעמען
די הענט דײַנע אין מײַנע צוויי:
פֿון וועלכן פּרי, מיר זאָג דעם עמעס,
אין דײַנע ווײַסלען ליגט דער שניי?

אין זייער קלאָרן אויסדויער
די שווארצע טיף פֿונוואנען קומט?
אוועלכער גזאר האָט זיי פּארטרויערט?
אוועלכע נאכט — ארײַנגעקוקט?

צולעצט איך וועל צו דיר זיך ווענדן:
צעשיידן העלף מיר שווארץ און ווײַס —
דעם מאָרגן, וואָס האָט אונדז דערנעענטערט,
דעם אָוונט, וואָס קאָן מאכן ווײַט...

1969

* * *

ס׳איז אונדזער בונד נאָך ניט פאַרצייכנט
אין פריַינטס דערהויבענעם פאַרדראָס,
אין פיַינטס פאַרטיַיטשנדיקן שמייכל,
אף הימלס אויסגעבלאָזנס גלאָז.

אויך אף דעם ערד־טעפּיך באַזונטן
די שפּורן אונדזערע די צוויי —
זיי ציִען זיך באַטריבט באַזונדער,
ווי פיַיערן אין א זאַוויי.

1970

* * *

איך ווייס ניט, ווער איז ייִנגער,
דײַן אומעט צי דײַן פרייד?
אין בונד פון דײַנע פינגער
דו האַלטסט זיי זאַלבעצווייט.

איך שווער דיר בענעמאָנעס:
ס'קומט אָפּטמאָל שווערלעך אויס —
אין צערטלענדיקער דלאָניע
איך פיל די וואָג פון פויסט.

1964

* * *

װען ס׳װעט זיך אַלץ פֿאַרענדיקן,
פֿאַרענדיקן, פֿאַרענדערן —
אין טאָג־צעגלי אין בלענדיקן
אַן אָפּגעקילטער הענט־באַריר;

אַ קוק אַן אָפּגעזונדערטער,
פֿאַרװוּנדערטער, פֿאַרשעמטער,
אויף װײַסלס בלויער רונדיקײַט —
אַ שװאַרצער בליץ פֿון פֿרעמדקײַט;

אויף ליפּן ענג פֿאַרשלאָסענע —
דאָס ביטערס פֿון פֿאַרדראָסן,
פֿון גראָזן אָפּגעקאָסיעטע,
פֿון זאַנגען, אָפּגעדראָשן.

װען ס׳װעט זיך אַלץ פֿאַרענדיקן,
פֿאַרענדערן, פֿאַרגלעטיקן, —
דער גזאַר װעט שטײן בײַ לענד און פֿיס,
ראַכמאָנעס װעט פֿאַרשפּעטיקן.

און הימל־טיף װעט שאַלן
מיט פֿליגל פֿונעם װינט,
מיט דעקטוך פֿון מײַן קאַלע,
װאָס אָט — אין בלוי צערינט...

1968

* * *

איך זוך נאָך אלץ דעם שענסטן פּערל
אין יאם, אין גראם, אין דיר, אין זיך,
אין אויסשיט בלענדיקן פון שטערן,
אין טוי, וואָס פאלט
אָן גוואלד
געדיכט.

און איין־אליין, ווען כ׳בלײַב דערצאָרנט,
און דו, אין טריבן בונד ווען בלײַבסט, —
דער שטערן־צודעק ווערט מיר כאָרעוו,
פון טוי, איך זע, —
א נעץ ז׳געוואָרן,
און ווי א שווערד אף מײַנע אָרעמס —
דער ווײַטער אופלײַכט פון דײַן לײַב...

א סענטימענטאַל לידעלע

פאַרבלײַב געזונטן! איך גיי אַוועק —
די נאַכט, זי טוט מיר גריסן.
איך גיי אַוועק מיט ריינעם וועג
פֿון וואַסער, וואָס טוט פֿליסן.

און ווען ס׳וועט אויפֿשפּריצן אַ טוי
אין פֿרי־צײַט אויף די זאַנגען, —
זײַ וויסן
(דיר אַ סאָד כ׳פֿאַרטרוי):
„איך בין ניט ווײַט פֿאַרגאַנגען".

און ווען אַ רעגן פֿאַלן וועט
באַטאָג,
צי גרינג זיך זיפּן, —
זײַ וויסן, אַז ס׳איז נאָך ניט שפּעט
מיך אומקערן און ליבן.

1966

* * *

מיר זײַנען אלט — ניט ייִנגער פון דער וועלט.
אין אלע אירע היצן זיך געטויוולט;
ווי זוימען, טיף געזונקען אין איר קעלט,
ווען זי האָט אײַנגערעדט:
„גאם זו לעטויווע".

ביז איצט א פיבער מײַן געביין באפאלט
און לאָזט ניט, היץ און קעלט זיך זאָלן שיידן.
„גאם זו לעטויווע" — לאָמיר זאָגן ביידע, —
מיר זײַנען יונג, די וועלט איז אויך ניט אלט.

1970

* * *

כ׳וועל איַיך פאַרבעטן אַף אַ סודע
אין גרינעם כוישעך פונעם וואַלד,
וואָס ערשט אַ דונער האָט צערודערט
און אופגעצאָרנט מיט געוואַלד.

אין קריַיז פון די צעוויגטע שטאַמען
איך וועל איַיך זאָגן אַף אַ קאָל:
„איך האָב איַיך ליב״,
איר האָט פאַרשטאַנען,
ווי איך קאָן רויִק זיַין אַמאָל?

1968

* * *

א ווײַלע נאָך פֿאַרבלײַב מיט מיר,
אין בלויען שפּיגל פֿונעם דעמער
דײַן אומרויִקן בליק איך שפּיר —
אָט־אָט און ער וועט זיך פֿאַרשעמען

פֿאַר ליכט פֿון טאָג, וואָס עטוואָס צאַנקט,
פֿאַר פֿינצטער, וואָס ווערט ערשט געבאָרן,
פֿאַר ליבע אין די שפּעטע יאָרן,
וואָס גאָט פֿאַרטיילט ווי א געשאַנק...

* * *

זײַ אָפּן־אויגיק, אָפּנהאַרציק,
ס׳איז נימעס מיר די טריבע שפּיל
פון „יונג — ניט יונג״.
אַריבער פּערציק
איז שוין מײַן לוין.
כ׳האָב אויסגעפּירט

דעם אורטייל איִבער דײַן ראַכמאָנעס
און איבער מײַן געצוימטער מאַכט.
— — — — — — — — — — — —
עס בליצט אַף דײַן פאַרטרערטן פּאָנעם
דער זון־פאַרגאַנג.
אַ גוטע נאַכט!

* * *

פֿאַראַן אַ סאַך געהיימע וועגן,
אַ שטעג געהיימער פֿירט צו זיי;
כ׳האָב לאַנג געוואָלט בײַ דיר זיך פֿרעגן,
צי ניט אויף יענעם שטעג איך שטיי.

כ׳בין לעצטנס פֿול מיט פֿאַרגעפֿילן,
אַז עפּעס גיי איך ניט אַהין:
מיך טרײַבט מײַן אומרויִקער ווילן,
מײַן זינען רויִקער מיך בינדט.

1971

* * *

כ׳וואָלט וועלן וויסן, וואָס מיר שטייט נאָך פֿאָר
פֿון אלטן בוים פֿון וויסן צו געניסן,
אויב ס׳וועט אין לעבן מײַנס פֿארפֿעלן יאָר, —
מיר זאָל אף עפּעס וויכטיקס ניט פֿארדריסן.

דער קאָפּ מײַנער איז שוין געננוג פֿארפּראָפּט
מיט נישטיקע באגריפֿן (דו האָסט פֿאריבל!),
אז ס׳גלוסט זיך פּאָשעט אָנווערן דעם קאָפּ.
...ווי קוקסטו אף אזא מין זאך, מײַן ליבע?

1970

* * *

פון דיר און ביז מיר — העלף מיר, גאָט! — אַ מעהאלעך,
ווי צווישן צוויי וועלטן אין קאָסמישער ווײַט.
צו אײַך זיך דערקלײַבן — עס פֿאָדערט זיך צײַט
און פֿליגלען — די קלאָר־ווײַסע פּאָר — פֿון אַ מאלעך.

און אָפּטמאָל איך פּרוּוו, אין דער נאַכט אײַנגעוויקלט,
צעוויגן די הענט און פֿאַרלאָזן די ערד,
נאָר טייקעף דערפֿיל איך — עס האָט ניט קיין ווערט:
כ׳בין אַ מענטש, ניט קיין מאלעך.
און דאָס איז דער איקער.

* * *

„פארגעדענק, מײַן ליבע, פארגעדענק..."
אין טפילעדיקן בונד פון אָט די ווערטער,
וואָס ליפּן שטאמלען איר נאָר, דער באשערטער,
איז הײַנט מײַן אָטעם יאָסעמדיק און ענג.

פאראן אין זיי אן אָנדײַט אף אמאָל,
א לינדע בלינדע קעלט פון זיך צעשיידן
אף וועגן צוויי, וואָס ריכטן אונדז פארשיידן
אין לעבנס אייביק בלי:ענדיקן טאָל.

אָט האָט א נײַער זומער אָפּגעשווענקט
דאָס יונגע גרינס,
די פרישקײַט אָפּגעצערטלט,
און אפן זינען אלץ די זעלבע ווערטער:
„פארגעדענק, מײַן ליבע, פארגעדענק..."

1970

* * *

דאָס איז געווען דײַן לעצטער אָפּפֿאָר,
דאָס איז געווען מײַן לעצטער אָפּפער.

דו האָסט געטוליעט זיך פֿאַרלאָרן
צו קאַלטער גליטשיקער פּאַרענטש —
א מענטש, וואָס האָט געלאָזט זיך פּאָרן,
וואָס מיך געלאָזט האָט דאָ, א מענטש.

האָסט ניט געקאָנט די הענט צעקלעמען,
און איך — ניט אויסהויכן קיין וואָרט,
וואָס זאָל מײַן שוואכקײַט ניט פֿארשעמען
און דיך זאָל אופרײַסן פֿון אָרט.

אָ, דולער אומגעדולד פֿון רעדער!
א גליטש אף שטאָל (איין אויגנבליק!)
אנטקעגן ווײַט, וואָס קיינמאָל שפּעטער
זי וועט ניט ברענגען דיך צוריק

אהער, ווו צווישן הייך און נידער
די פּוסטקײַט וויגט זיך ווי א גלאָק,
ווו שטילקײַט וואלגערט זיך, צעגלידערט
פֿון צוג,
וואָס טיף אין ווייטעק יאָגט.

דאָס איז געווען דײַן לעצטער אָפּפֿאָר,
דאָס איז געווען מײַן לעצטער אָפּפער.

* * *

און פּרוּוו איך שפּירן דײַן אוועקגיין —
אין שטראָם אין אײַליקן פון צײַט,
אין שיידים־פּלאָנטער פון די וועגן, —
פאַרליר איך זיך אליין אין ווײַט

פון בליק מײַנעם,
וואָס טוט מיך טרײַבן
נאָך דײַנס א ניט באַזיניקט וואָרט,
נאָך בליץ פון אויג אזא מין טריבן,
אַז ס׳קאָן פאַרזאַמען דער קאַיאָר;

נאָך דעם, וואָס איז מיט דיר פאַרשוווּנדן
אין בלענד פון זומערדיקן טאָג,
ווי שטילער אָנדײַט אף א וווּנדער,
וואָס מיר פון לאַנג איז צוגעזאָגט.

* * *

ווער גלייבט עס ניט אין גוטע נײַס?
איז טו ניט צײַען מיט דער בסורע —
כ׳פאַרבעט זי טײַקעף אין מײַן שורע,
כ׳פאַרשליס זי גלײַך אין האַרצן־קרײַז.

ס׳וועט מיר ניט ענגען בײַ דער ריפּ,
דאָס ליד ניט פּילן וועט קיין שטערונג,
איז לאָמיר שוין די נײַס דערהערן...
וואָס? שווער צו זאָגן: כ׳האָב דיך ליב?..

° ° °

ס׳האָט ווידער א דערמאָנונג מיך געפאנגען,
אין מײַנע אויגן זיך ארײַנגעטרערט
מיט שמעקנדיקער כּ:עס פון דער ערד,
מיט געלן־געלבן אויסגוס פון די זאנגען.

און ערגעץ בא דעם האָריזאָנטן־ראנד,
ווו קערנער שיטן זיך ארײַן אין הימל,
אין בלויען, אין ניט־דאָ:קן געווימל
די בלאנקע זון דו הוידעסט אף דער האנט...

ניט לאך, ניט לאך — אזעלכעס איז געווען שוין.
דו צווייפלסט?
בא די טרערן מײַנע פרעג:
אין יעדן פעלד איך שפּיר צו דיר א שטעג,
איעדן שטעג איך הער ניט אוף צו בענטשן.

* * *

ליבע מײַנע, דו דערמאָן מיך אָפּטער,
אײַנמיטנדרינען טו מיך א דערמאָן,
אז עפּעס האָסט געדאַרפט — און ניט דערמאָנט,
פון מיר
אף עטוואָס מער געהאָפט האָסט.

געפין צווישן ארויסגעזאָגטע ווערטער
אזוינע, וואָס פאַריכטן זיי איך מוז, —
אמאָל א סאַך געווען אין מײַן רעשוס,
אצינד נאָר אײנציקע איך זוך — באַשערטע.

1971

* * *

און שווער וועט זײַן מיט דיר די שיידונג
בא יענעם גוירלדיקן ראנד,
ווו איימיק־ענג וועט ווערןביידן
צו שטיין, ווי ס׳רעדט זיך, האנט־בא־האנט.

און נאָר א ווינטעלע א פלינקער
די האָר דײַנע צעבלאָזן וועט,
פון מײַנע אָפּגעקילטע פינגער
אראָפּשווענקען דעם לעצטן גלעט.

און נאָר א וואָלקן־צוג א דולער
דעם הימל ט׳דורכפליען געניט
און
מיר ביז לעצט געטרײַער
דונער
וועט לאנג נאָך וויגן דעם זעניט.

* * *

און ווידער בין איך אָפּגעזונדערט
פון דיר און פון דעם יונגן זומער,

וואָס בלענדט אין שויב פון יענער זײַט,
ווו ענדלאָז זעט זיך אָן די ווײַט.

אהינטער איר — די טעג זיך זייען,
פארגעסנהײַט דאָרט וועבט איר שלייער,

און ס׳הילכן נײַע טריט אף שטיינער,
א נײַע קעלט זיך שנײַדט אין ביינער.

אזוי, מײַן פרײַנט, אזוי, ניט אנדערש
אף יענער זײַט די צײַט, זי וואנדערט,

און צינדט, און בינדט, און איבערשאנדערשט —
אָן בייזן מיין —
אלץ מיטאנאנדער.
אויך דו מײַן מיין פארנעם אָן רויגעז —
עס בלענדט דער זומער מײַנע אויגן.

* * *

און מאָרגן אין מאָרגן —
מיט נאכט אף די אויגן —
כ׳וועל שיקן א שטראַל דיר
פון זוניקן בויגן;

פון הימלשן טורעם
א בלוילעכן בליץ:
ווי גינסטו־באגינסטו,
מײַן ליבע, אַט איצט?

עס בענקען נאָך דיר
פון מײַן הויט אלע צעלן,
פון גלות און פון בלוט מײַנס
די ברויזיקע שוועלן,

פון אויסהויך פון שטילן
דער איימיקער מיין,
וואָס דו נאָר און דונער
ניט ווילן פארשטיין...

* * *

און ווידער צווישן אונדז א לאנד — די ברייט,
און אָפּגעשיידט
דײַן אָפּרוף פון מײַן רוף...
און איבער דיר א הייסע זון גייט אוף,
און איבער מיר א קאלטע זון פארגייט.

און ווידער צווישן אונדז א נאכט — די לענג,
און בלוט ווערט ענג
אין פאנצער פון דער הויט...
דער יאם זיך שלאָגט מיט ברעג פארבענקטערהייט,
און איך זיך שלאָג מיט זיך אליין, פארבענקט.

* * *

איך ווענד זיך צו דיר מיט א הייליקער בראָכע,
איך ווענד זיך צו דיר מיט א טפילע א שטילער, —
מײַן בראָכע, מײַן טפילע — א הארציקער צווילינג:
ניט טו מיר לעהאכעס, ניט טו אפצולאָכעס!

די צײַט — זי דערוויטערט, די ווײַט — זי צעשלײַדערט,
און ווינטן צעבינדן די קנופּן די שוואכע,
אף דר׳ערד פאלן שאָטנס פון הימלשע שײַטערס...
ניט טו אפצולאָכעס, ניט טו מיר לעהאכעס!

א לעבן איך זוך דיך.
ביז אָדער פארשטאָכן
דער אָנוועהר דער שארפער פון טעג, וואָס צערינען.
ניט טו מיר לעהאכעס, ניט טו אפצולאָכעס —
און לאָז זיך געפינען.

1971

* * *

אַן אָפּגעזונדערטער פון דיר,
ווי זון אין אָנהייב ווינטער,
א בלאַט פון גאָלדענעם קאָליר
איך שיק דיר מיט א ווינט־קער.

ס'וועט דויערן זײַן נאָוועגאַד,
ווער ווייסט, א צײַט אוועלכע, —
א שניי וועט שײַערן דעם בלאַט,
ער זאָל אין וועג ניט וועלקן.

איך גלייב, מײַן איידעלער געשאַנק
דיר זײַן וועט ליב און טײַער.
פּונקט ווי א דלאָניע אף דײַן האַנט,
דערפיל זײַן קאַלטן פײַער.

1966

* * *

ניט איבעריקס די צײַט האָט מיך געצערטלט —
אין אלע אירע שווייסן אויסגעווייקט,
אומבעראַכמאָנעסדיק מײַן לײַב געפּערטלט
אף אלע עקן וועלט און עקן ווײַ.

און וואָס ביסטו און ווער ביסטו?
א שפּליטער
פון צאַרטקײַט, ווילד פאַרפלויגענער צו מיר:
קוים־קוים די הויט מיט האסט זײַן אָנגערירט —
און שוין אין הארץ און בלוט זיך אײַנגעגלידערט.

1966

* * *

כ׳האָב דיך דערזען אמאָל אין ווײַטן כאָלעם,
וואָס הייסט פארגאנגענהײַט,
וואָס נעכטן הייסט,
גערופן דיך אהער, נאָר דו ביסט שטאָל און
אײַזן געשטאנען דאָרט.
גערעכט? ווער ווייסט...

כ׳האָב טייקעף אופגעפראלט די מידע אויגן —
דו זאָלסט ארויס פון די שווארצאפלען דרייסט, —
האָסטו זיך קוים פארזאמט,
און ס׳האָט א טרער פארצויגן
דיך אף א לעבן־לאנג.
גערעכט? ווער ווייסט...

* * *

איך וואָלט א סאך, כ׳וואָלט אלצדינג אָפּגעגעבן,
ווען כ׳קאָן די יאָרן אָפּרופן צוריק,
און ווידער יונג, און ווילד, און ליכטיק לעבן,
גלײַך ווי א מוילעד אף דער שטערן־בריק.

און גאָרניט וואָלט ניט שווארצן מײַנע אויגן,
אכוץ די נאכט,
פארטיפט ביז הארצן־שלאָג,
אכוץ די ווײַט, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן
פון דיר ביז מיר
אין נאָמען פונעם טאָג.

1967

* * *

אין דײַנע אויגן זינקט דער אָוונט־פלאַם,
און פײַכטע ווײַסלען ווערן טיף און טויִק...
אָ, טאָג פאַרגייענדיקער, דויער, דויער,
באַ שאָטנדיקער באַרג־קייט זיך פאַרזאַם!

וואָסי, דו קאָנסט זיך גרויסמוט ניט פאַרגינען?
ס׳איז דיר דאָס ביסל ליכטיקײַט אַ שאָד?
העל אויס מײַן שרעק. מיר דוכט: די זונען־ראָד
קאָן זיך פאַרקײַקלען ווײַט —
ניט צו געפינען...

1967

* * *

דיר ענטפערן — איז ווי א שאָדן אָנטאָן.
איך ווייס פון אָט דער שאָ דעם וויסטן טאָך —
די שאָ, וואָס זונטיק זונדערט אָפּ פון מאָנטיק,
דעם ליבן יאָמטעוו פון דער טריבער וואָך.

פון לאנג זיי זײַנען שוין פארגרייט, די ווערטער,
די פּײַנלעכע,
די איידעס פון פארדראָס.
זיי שטייען בא מײַן הארץ, ווי שטומע וועכטער,
וואָס מ׳האָט פארגעסן אָף א ווײַטן פּאָסט.

1967

זומערדיקע קעלט



* * *

די זומערדיקע קעלט, זי טוט מיך שרעקן.
מיט זונען־גוס זי שנײַדט זיך שארף ארײַן
אין אלע קילקײַטן פון שאָטנדיקע פלעקן,
און בא דער סאמער ערד זי האלט זיך אײַן.

הייבסט אוף א גרעזל — שטעכט א פראָסט די פינגער,
א צווײַג באַרירסט — דערפילסט א ברי פון שניי:
אָט־אָט און בלעטער וועלן זיך צעקלינגען
ווי אײַז־הענגלעך אין ווינטיקן געדריי.

אף זאמד פארלאָשענעם דער טוי זיך ברעקלט
און בליקט אין הימל אָוונטיק און פרעמד.
די זומערדיקע קעלט, זי טוט מיך שרעקן.
— — — — — — — — — — — — — — —
איך וויל, אז דו זאָלסט וויסן וועגן דעם...

1969

* * *

ס׳איז, דוכט זיך, זומערדיק און דאָך ניט זומערדיק,
א דארע מורעשקע אין גראָז זיך שארט,
א בוים א צווייטן בוים צעשאָקלט אומעטיק,
דער טײַך פארשמעקט פון ווײַט פארטאָגיק־שארף.

א לויזער וואָלקן־גאנג — קימאט מע זעט אים ניט —
דעם הימל פאלדעוועט ווי בלייכן בלעך.
אָ טאָג, אָ נײַער טאָג, דו — גרויסע רעטעניש,
אין גאָר דײַן גרויזאמקײַט פרווו זײַן גערעכט!

1968

* * *

פונוואנען פליסטו, וואסער, און וווהין?
— איך פליס דען, מענטש? דו זעסט דען ניט: איך רין.

דער בארג האָט מיך א שמיס געטאָן אראָפּ —
כ'האָב שיר אָף שטיינער ניט צעקלאפט דעם קאָפּ,

איז גליטש איך זיך אצינד, ווו נאָר ס'איז גלאט, —
און דאָס איז ער אין טאָך, מײַן נאווענאד...

כ'האָב אינעם וואסער אײַנגעטונקט די הענט,
פארווישט די טרער, אז קיינער זאָל ניט זען,

פונקט ווי אין פראגע מײַנער שטעקט א זינד:
פונוואנען פליסטו, וואסער, און וווהין?

1968

* * *

דאָס ערשטע גראָז שוין אָפּגעזומערט...
און צווײַג פֿון צווײַג — זיך אָפּגעזונדערט,
נאָר ציטער ווינטישער פֿאַרבינדט
די בלאַט, וואָס גרינט, און וואָס פֿאַרשווינדט.

דאָס ערשטע גראָז שוין אָפּגעזומערט...
און בלום מיט בלום זיך שיידט פֿאַרומערט,
נאָר ציטער גיריקער פֿון בין
די שטאָלצע שיינהײַטן פֿאַרבינדט.

דאָס ערשטע גראָז שוין אָפּגעזומערט...
נאָר נאַכט פֿון טאָג פֿאַרבאָרגט איר קומען:
ווי דו און איך — זיך אויסגעמיטן.
און ס'הארץ טוט אומרויִק א ציטער...

1971

* * *

אין פולן ברעז פון זומער־פּרי
א קעלטַ זיך שפּרייט אַף נאכטס רויִנעז,
און גראָזן שטייען אַף די קני —
אין טוי אן אויצער זיך געפינען.

מײַן אויצער איז אליין דער פּרי,
וואָס רינט געלאסן אין די ווײַסלען,
ווען ס'הארץ אַף נאכטס רויִנען פרירט
און דיר זײַן רעכט עס פּרווּוט דערווײַזן.

1969

* * *

אזויפיל אָנהייבן מײַן לעבן
ציילט אָן אין הארבן גאנג פון צײַט,
אז גרינג איז מיר א שווּע געבן
אין זײַן מעהוס פאַר גוטע לײַט.

כ׳האָב ערשט געמיינט: אלץ איז אהינטער —
דער אש שוין כויזעקט פון מײַן פלאם,
נאָר אָט פארשמיסן האָט א ווינט — און
אין פײַער טויוולט זיך מײַן שטאם.

ניט קוק אף מיר אזוי פארוווּנדערט —
כ׳נעם ווי א בענטשונג אָן די שטראָף.
דערלויב זיך שווערן דיר באזונדער, —
ניט מיט מײַן לעבן, —
מיט מײַן סאָף...

* * *

ניט וועק מיך אוף פֿון שווערן שלאָף,
ניט ווענד מיך אָפּ פֿון וויסטן וואנדער:
ס׳איז ווײַט נאָך אלץ דער גוטער סאָף
און די געשוואָרענע פֿארוואנדלונג.

אָט זע, ווי בלאנקע זון זיך פֿלײַסט,
איעדע צווײַג מיט גרינס זי זעטיקט,
נאָר טו א שאר די מאכנע בלעטער —
איין זײַט בא זיי בלײַבט פּראָסטיק־ווײַס.

1968

* * *

א מוירע א נײַע — א מוירע פון אָנוווער...
ווו האָסט זיך געטײַעט פון סאמע פון אָנהייב?

צווישן די ריפּן, צווישן די ליפּן
אַרײַן ווי א שווערד־שאַרף און דאָרטן פארבליבן.

די מוירע פון אָנוווער, די האסט פון צוריק־קער!
איר פּרוּווט מײַנע יאָרן, ווי קוסטעס, צערוקן,

קעדיי זיך דערקלײַבן צום בלוטיקן טורעם
פון הארץ, וואָס דער גזאר האָט ניט איין מאָל געשטורעמט.

אָט הייבט עס אָן ווידער — ביז פינצטער — מיך קלעמען...
איך שרײַ צו דעם שיקזאל: „ניט נעם עס, ניט נעם עס!"

אין גאָרניט כ׳בין שולדיק, כ׳בין קיינעם ניט שולדיק,
פון צײַטן פון פּריסטע מײַן ווילן געשולט כ׳האָב,

געטריבן פון זיך אלע ביט׳רע פארדראָסן,
אלע זיסע כאלוימעס אין אופלויכט פון ראָסעס,

פון יענע, קאַיאָריקע, ניט קיין באזונטע,
וואָס זיפן ווי טרערן זיך — שווער און באזונדער.

קיין איין־איינציק טויעלע כ׳האָב ניט צעטראָטן,
פון זון זיי פאַרשטעלט מיט דעם אייגענעם שאָטן,

צייל איבער אָקאָרשט זיי — דער כעזשבן וועט שטימען!
גוירל, דו ווייסט: איך האָב פּײַנט זיך באַרימען.

און ווילסט: נעם צעטרענצל דאָס פּעקל באַשערטעס,
דאָס נאָך ניט גוזעענעס און ניט געהערטעס,

וואָס דאַרף ערשט מײַן זײַן, ווי עס רעדט זיך, באַשײַנען, —
נאָר לאָז מיר זיי איבער —
מײַן ווײ און מײַן טײַנעג,

וואָס איך האָב אין לעבן־לענג מײַנעם דערוואָרבן,
ווי די וועלט אָט דעם טויִקן גלאַנץ פון פרימאָרגן.

1970

* * *

לאָמיר אונטערפירן א סאכאקל
(אונדזער צײַט, זי פאָדערט הארבע רייד),
וויפל רויערד האָבן מיר צעאקערט,
מיט אוועלכע קערנער זי פארזייט?

טרוקן בא דעם הארבסט זײַנען די אויגן,
אווגוסט סטויגן ווארעמע צעשטעלט.
וואָס זשע אײַלן זיך אף דאָרעם פויגל?
ניט געפעלן זיי איז אונדזער פעלד!

1969

* * *

איך ווייס די קעלט פון אָנגעצילטע ביקסן,
די אייביקייט, וואָס קוקט פון רער ארויס.
מע האָט זי מיר געשענקט, כ׳ווייס, ניט אומיסטן —
כ׳זאָל זײַן ניט שווער דער ערדס צעגרינטער שויס.

און ווען ס׳גרײַפט אָן די בלײַיקע פארצווייפלונג
און רינט מיט גוואלד אין אָדערן ארײַן, —
איך פֿאַל אף דר׳ערד
און טו מײַן לעבן קייפלען
אף יעדעס גרעזלס ציטעריקן זײַן.

1968

* * *

כ׳האָב היינט דיך צופעליק באגעגנט
(ווי צופעליק דער גורל איז!) —
ס׳האָט וואָלקן־גרוי פארזאָרגט גערעגנט,
פון זון — ביז זוים — אדורכגעשפּיזט.

און ניט געקאָנט האָב איך באנעמען,
וואָס דיינע ברעמען האָט באשווערט:
צי קאַלטער בראנד פון וואָלקן יענעם,
צי הייסער גלאנץ פון זון אף דר׳ערד...

1968

* * *

א שטאם פון א בוים איז ניט סטאָם א שטאם,
וואָס עגבערט אין דר׳ערד זיך מיט וואָרצלשן נאקעט,
וואָס צווײַגן־בונד הוידעט אַף בייגיקן נאקן
און הייבט אים צו הימלס ניט זעבארער צאם.

א שטאם פון א בוים איז ניט סטאם א שטאם...
כ׳קאָן שווערן מיט לעבן מיט מײַנס, אויב ס׳איז נייטיק, —
ער שווארצט זיך אין וועלט ווי א דענקמאָל פון ווייטעק,
ווען ווינטער פארהאלט זיך און זומער פארזאמט...

1968

* * *

דער סאָף, ער איז נאָך ווײַט — איך ווייס, איך ווייס...
בא שײַטערהויפנס פלאַקערדיקע צונגען
דאָס האַרץ דאָס אומרויִקס — נאָך וואַרטנדיק און הייס,
מיט פראָסט פון אייפער פול נאָך מײַנע לונגען.

דער קאָפּ — באם סאַמען הימלדיקן ראַנד,
און אויגן — נאָך מיט בלענד פון בליץ פאַרצויגן,
און ס'ציטערט אַף מײַן בענטשנדיקער האַנט
דורך דונער אויסגעשמידטער רעגנבויגן...

דער סאָף — איך ווייס — ער איז נאָך ווײַט, נאָך ווײַט...
די ערד זיך שמעלצט פון גליִענדיקע קוילן,
און גרינע גרעזלעך שטאַרבן בא דער זײַט —
דער ערשטער אש, וואָס וועט דעם פלאַם פאַרהוילן...

1968

* * *

און איינזאמקייט איז אויך א וועזן,
ווען אויגן צוויי פארמאך איך מיד —
ווי בייז און גוטס —
און אינדערמיט
פון וועלט כ׳הייב אָן די וועלט פארגעסן.

אָט מעק איך אָפּ מיט גוואלד א וועג,
אָט רייס איך אָפּ פון ווינט א פּאָלע —
פון דעם, וואָס קייקלט מיך פּאוואָליע
אַף ערדס באראָט — פון עק ביז עק.

צי גאָר כ׳פארשליס זיך אינעם פלאָנטער
פון זשוואווע מורעשקעס און גראָז —
מיין טראָט אַף זיי, וואָס איך פארלאָז,
ער ווערט מיר דעמלט גרויזאם־קאָנטיק.

מיין קאלטן דימיען איך צעהיץ
און שיק ארויס א מאכנע שפּיזן —
א שלאל פון טיינעס —
צום געוויסן,
וואָס איז פון גלייכגילט ניט באשיצט.

אָ, ליבע, קאָנסט די הויט מיר שינדן,
נאָר העלף מיר אָפּטרייסלען דעם שטויב

פון רויב, פון ניט פאַרדינטן לויב
און אויך פון קלאָלעס ניט פאַרדינטע...

אין שאָ פון איינזאַמקייט דײַן מאַכט
כ׳גיב אָפּ זיך.
האָב ניט קיין פאַריבל.
נאָר ווען די וויִעס איך פאַריגל —
די אויגן דײַנע אויך פאַרמאַך...

1969

* * *

אוועלכע טיר כ׳זאָל אופּפּראַלן,
אוועלכע טיר — פאַרשפּאַרן, —
סע זאָל דײַן האַרץ ניט קלאַמערן,
ניט קימערן, ניט אַרן.

אוועלכן וועג כ׳זאָל אויסזוכן,
אוועלכן וועג — פאַרמעקן, —
עס זאָל קיין צער ניט אָנטאָן דיר
און קיין פאַרדראָס ניט וועקן?

פון וועלכן כאָלעם אופוואַכן,
אין וועלכן — זיך פאַרוועבן, —
דו זאָלסט דעם פרעמדן אָטעם־הויך
אַף הויט מײַנער פאַרגעבן?

אוועלכן ווייטעק אויסשרײַען,
אין וועלכן ווײ פאַרשווײַגן, —
עס זאָל דער טריבער וואָלקן־שלעפּ
דײַן ליכטיקײַט פאַרבײַגיין?

מיט וועלכן דונער שעלטן זיך,
אַף וועלכן, זאָג, זיך שווערן, —
דו זאָלסט, ווען איך וועל שטום ווערן,
ווי ס׳טריפט מײַן בלוט — דערהערן...

1968

* * *

אין יאם פון יוגנטלעכן טרוים
אזויפיל מאָל כ׳האָב שוין פארשוווּמען!
אָט זעט: זײַן זאלץ איז אף מײַן גומען,
אף האָר מײַנע — זײַן קאלטער שוים.

כ׳האָב ניט איין מאָל אף וויסטן ברעג —
פון פלוס פארשטויסן —
זיך געפונען.
דורך זיבן הויטן זיבן זונען
מיך האָבן דאָן פון טויט געוועקט.

און פײַכט געאָטעמט האָט דער זאמד,
מײַן גרייס, מײַן ווערט אין זיך פארזויגן,
א וועלט צעשפרייט מיר פאר די אויגן —
קיין איינציק שפור פון ראנד ביז ראנד!..

און נאָר די שפּעטע שטערן־שפּיל
דערמאָנט האָט מיר פון ערדס א שאָטן,
פון צווײַג פון טויזקן א שאָקל,
פון אויג, וואָס אין א טרער זיך הילט.

כ׳האָב דיך גערופן טאָג ווי נאכט
מיט ראש פון יאם, מיט וויסטעס שוויַיגן...
א לעבן דורך — און אַלץ מיר דאכט:
דו וועסט דערהערן...
ניט פֿאַרבײַגײין...

1968

* * *

איך עפן טיר־און־טויער
פאר מײַנע ליבע געסט.
דער ערשטער קומט דער טרויער,
אין האנט — א בינטל בעזן.

ער זעצט זיך ברייט אנידער
אף סאמען אויבנאָן:
„דו יאָמטעוועסט שוין ווידער,
איז נעם מיך אויך אין קאָן".

איך גיס אים אָן א קויסע,
ער הייבט א צווייטע באלד,
און טונקל ווערט אין דרויסן,
ווי אָסיען־צײַט אין וואלד.

און ווידער ציט מיך בלאָנקען
ווהין — עס ווייסט דער רו'ך! —
אין פינצטערדיקן פלאָנטער,
אין בעזיקן גערוך.

ביז טאָג צעצינדט די ליכטער,
דער אומעט מיך באגלייט...
— — — — — — — — — — —
און דו ביסט קארג און ניכטער,
גלײַך ווי א טראָפּן פרייד.

1969

* * *

דער זומערדיקער צויבער גייט צו ענד,
און ערשטע בלעטער בלייכן זיך אין גראָזן.
אין הימלס אופלויכט —
אופריכטיקן, ראָזן —
א קאלטער אָפּגלאַנץ אומרויִק דערברענט.

און טייקעף טוט א פלאקער אוף דער טוי
און גיט א שניט די אויגן —
ביז צו טרערן,
ביז בלינדקייט.
גאָט, ווען קאָנסט מיך מאכן טויב,
איך וואָלט די טריט פון אָסיען ניט דערהערן!

1970

* * *

נו וואָס, מײַן פֿרײַנט, איך זע: דיך אַלץ נאָך וווּנדערט,
וואָס ענגער ווערט דער האַרבער צאַם פֿון שטריק,
און אָטעם קלעקט נאָר ביז דער דריטער רונדע,
דער הייב פֿון אַקסל — ניט אַזוי געשיקט.

און ער, דער קעגנער, איז נאָך פֿריש און מוטיק,
אין דיר ער צילט זײַן אויסגעשולטן פֿויסט,
און ס'בליקט דער ריכטער איימעדיק־קאַלטבלוטיק,
וואָס וועט פֿון אָט דעם אַלעמען אַרויס.

שוין צײַט, מײַן ברודער, ביזן סאָף זײַן ערלעך:
די שטריק פֿון רינג, זיי בינדן פּונקט ווי פּענט.
די דריטע רונדע איז פֿאַר אונדז געפֿערלעך —
דאָס האַרץ איז אָפֿן.
שטאַרק דעם קעגנערס הענט.

1970

* * *

ניט אויסבאהאלטן זיי, די יאָרן, —
דער כעזשבן שטימט.
די יוגנט כ׳רוף — אָן וואנט פון קאָרן
זיך שלאָגט מײַן שטים.

די זאנגען שאָקלען זיך ווי שפּיזן:
וואָס דאַרף ער דאָ?
אָט ערשט האָט אונדז אף טויט געדראָשן
דעם פּערדס א טלאָ.

וואָס וויל פון פעלד דער מענטש, דער גייער
מיט שווערן טראָט,
און וואָס זײַן הארץ אהינטער שלייער
מיט זיך עס טראָגט?

אָ דינע ציטעריקע זאנגען,
כ׳בין אײַער פרײַנט.
געקומען בין איך אײַך באדאנקען
פאַר אָט דעם הײַנט,

וואָס איר האָט אזוי וויל באוואָרנט
און אײַנגעשטילט:
ניט אויסבאהאלטן זיי, די יאָרן,
דער כעזשבן שטימט.

1969

* * *

און וואָס איז ווײַ?

אַף שאַרפקײַט פונעם מעסער
דײַן לײַב דײַן לעבעדיקס זיך צווײַט,
און ס׳ווערט די טרער פון אויג פאַרבלענדטן גרעסער,
און עפּעס איז אין דיר שוין שטאַרבן גרײט.

כ׳האָב זיך אַליין געשטעלט צום פּרווו אַזויפיל!
געוועזן אַף יענעם ברעג און זיך געקערט צוריק,
עס האָט דאָס לעבן מיך געטוליעט ווי אַן אויפל,
געציילט, ווי בײַ אַ זאַקן, מײַנע טריט.

און וואָס איז ווײַ?
דו מיינסט, איך ווייס?

1942

* * *

די פעלדער אָט יענע מיר וועלן פאַרבײַגיין,
די פעלדער, פאַרצויגן מיט האַרבסטיקן שווײַגן.

ניט איך האָב פאַרזייט זיי, ניט דו — זיי געדראָשן,
ס'האָט גרינס זיך געצונדן און נאָכדעם געלאָשן.

דער ציטער פון זאַנגען שוין אָפּ, ניט געוואָרן,
אַ פייגלשער פעדער נאָר ליגט דאָרט פאַרלאָרן,

און כ'ווייס ניט, צי וועט אונטער אַנדערע שטערן
דער אַנוועהר דעם פויגל זײַן יאָמטעוו פאַרשטערן.

איז לאָמיר פאַרבײַגיין די פעלדער אָט יענע, —
ס'קאָן זײַן, ס'וועט דער ווינטער צו אונדז ניט געגעגענען.

און פעדערן לײַכטע פון פויגלען פון ווײַסע,
זיי וועלן פאַרבלײַבן אין קינדערשע מײַסעס.

1968

* * *

גיי פרעג דעם שניי, ווי לאנג ער וועט זיך ווערן
דעם זוניקן אומזיניקן מישמאַש...
דער שניי — דער שווײַגער פּלוצעם וועט ניט ווערן,
און די דורך שלאָף וועסט מיטאַמאָל דערהערן
פון וואַסער־לויף פון שוימיקן דעם ראַש.

וועסט צו צום פענצטער אָנזען דעם באַגינען,
וואָס האָט די ערד ביז נאַקעט אופגעדעקט...
און לאַנג נאָך דעם קיין רו וועסט ניט געפינען,
און ס׳וועט א זאָרג דיר עגבערן דײַן זינען,
אַז עפּעס איז געוואָרן אָפּגעמעקט.

1970

*

צווישן שלאָף און כאַלעם

* * *

צווישן שלאָף און כאָלעם קום צו גיין —
פון ווײַטער ווײַט —
מיט ניט געשטילטן אָטעם,
ווי פרייד־געשריי געמישט איז מיט געוויין
און אָפּפערוויליקײַט מיט קינדערשער כאראַטע.

און בענטש מיך, אויב דו ווילסט,
און ווילסטו — שטראָף...
כ׳וועל אָנעמען דײַן רעכט.
כ׳בין גרייט צו צאָלן
פאר יעדער טרער דײַנער — מיט וויסטן שלאָף,
פאר יעדן טראָפּן טרייסט — מיט גוטן כאָלעם.

* * *

אינמיטן נאכט —
דער שלאָף איז שוין צעריבן
אף מילשטיינער פון פינצטערע מאכשאָוועס,
און ביימער טונקלען זיך ווי ווײַטע אָוועס, —
כ׳צעהוידע אפן הארץ דעם לעצטן ריגל

און פרווו דערציִען זיך צו דײַן צוקאָפּנס
מיט ניט־דערשטילטן וויי, מיט אָטעם קוים באהערשטן.
אזוי וועקט אוף די וועלט דאָס פאלן פון א טראָפּן,
ווען ס׳האלט א בלאט ניט אײַן דעם ציטער ערשטן.

* * *

וויסן ווילסט, ווי דאָ באַגינט?
פֿײַכטע ראָזעווע געמעלן
אָט באַווײַזן זיך און פֿעלן
אַף די וואָלקנדיקע שוועלן,
אַף די זײַלן פֿונעם ווינט.

פֿאַרביק ווערן מײַנע אויגן,
כ׳בין אַליין — אַ שטיק קאַיאָר,
בלויקײַט רינט אַף מײַנע האָר, —
בלוי און גרוי אַזוי זיך פּאָרט
אַף אַ פֿליגל פֿון אַ פֿויגל.

ערשטע סאָסנע־קרוין זיך צינדט —
און אַרום דאָס גרינס ווערט גרינער,
יעדער בלאַט זײַן דלאָניע דינע
האַלט פֿאַרפֿרעסט: ס׳זאָל ניט צערינען
באַלד דער טוי.
אַזוי באַגינט.

1968

* * *

ס׳טראָגט א פויגל א בלעטל אין שנאָבל.
זײַ געבענטשט אין דײַן שווונג, ליבער נעפעש!
זע נאָר, ס׳פּיסקל אומזיסט ניט צעעפן —
ס׳האָט דער ווינט הײַנט דעם הימל צעגראָבן,

צעפּלאָשעט די וואָלקנס אָן זינען
און צעשמיסן די צווײַגן געפּערלעך...
— דאָס בלעטל פאַרדינט האָסטו ערלעך
וועגן דעם ט׳מיר דערציילט דער באַגינען.

1967

* * *

דו גייסט מיט טריט מיט דריבנע, פּלײַסיקע
(דער טראָט פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן!)
דורך ערשטן פראָסט, לענגויס די אײַזיקע,
אין שניי פאַרשפּינטע, געסלעך מאָסקווער.

דו שפּאַנסט און טראָגסט א ווארעם וואָלקנדל
אף ראָזער רונדיקײַט פון ליפּן,
מיט קעלט ז'באַשפּריצט דײַן מאַנטל וואָלוועלער,
וואָס ערשט פון האַרבסט־ווינט האָט געליטן.

די האָר אין ענגן קויש פון היטעלע —
ווי ליכט לעוואָנעדיקס אין ברונעם...
אָ, וועמעס אומרו, זאָג, וועט היטן דיך
אין מענטשן־קרײַז, וואָס האַרץ און רו נעמט?

אוועלכע האַנט וועט דיך באַוואָרענען
אף בלאַנקן אײַז פון פרעמדער קינע,
דו זאָלסט ניט פאַלן?
ניט פאַרלאָרן גיין,
אין שניי־געדריי זיך אָפּגעפינען?

נאָר וואָס איז דיר מײַן טריבע קלערעניש,
מײַן בליק פארומערטער?
דו שמייכלסט,
פארשווינדסט אין נאכט גלײַך ווי א שטערנדל —
דער וועלט פאָרויס פאר אלץ שוין מוחל...

1968

אין א שלאָפלאָזער נאכט

צווישן הײַנט און טאָג דעם נײַעם
ליגט א טויבע נאכט.
וואָלקן זיפּט זײַן ווײַסן קלײַען
אף דעם גרינעם סכאך.

שווארצע פויגלען, פריש פארשלעפערט,
וויגן זיך אף דראָט,
ווינטס צעשפּרייטע בלויע פּעכערס
בלאָזן דורך די שטאָט.

כ׳שטיי אין אָט דעם פארבן־ווימל, —
אין יאנוואר־געפריר —
צווישן ערד און צווישן הימל,
צווישן שפּעט און פרי,

צווישן דעם, וואָס ניט געוואָרן
און וואָס קאָן נאָך זײַן.
...פאל אף ביימערישער קאָרע,
ערשטער פלעק פון שײַן!

* * *

אזא מין זאַך, א קונץ אזא מין
האָט אָפּגעטאָן מיט מיר די נאכט —
דער שטערן־אויסשיט זאָל פארזאמען...
ניט דאָ געדאכט, ניט דאָ געדאכט!

איר פינצטער דויערט, דויערט, דויערט,
און בינדט אף בלינד, און פלײַסיק פאָרט
מײַן לײַב־און־לעבן, טיר־און־טויער,
מײַן הײַנט — און מאָרגן, טרוים — און וואָר.

און ערשט דערנאָך — זי האָט ראכמאָנעס...
מײַן אומשולד נעמענדיק אין אכט,
די נאכט צעשלייערט די לעוואָנע.
ניט דאָ געדאכט, ניט דאָ געדאכט!

* * *

כ׳האָב אופגעוואכט אין מיטן פון דער נאכט,
גלײַך עמעצער וואָלט מיך באם אקסל נעמען:
שטיי אוף, דו קאָנסט די ליכטיקײַט פארשעמען,
זע, וואָס דער פרילינג האָט דאָ אויסגעטראכט!

א וואָרף —
און כ׳שטיי שוין בא דער בלויער שויב,
אין שטערנדיקער שפיל דאָס גרינס זיך צאפלט,
אזא מין אומבאהאָלפנס און פארגלויבטס,
אז קוים דעם אָטעם קאָן איך איבערכאפן.

און מיטאמאָל א ווײַטער דונער קראכט,
אין קרוין פון שארפע סארפענדיקע בליצן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויך דיך מײַן הארץ האָט איינמאָל אויסגעטראכט —
א גאנצן לעבן כ׳קאָן דיך ניט באשיצן...

1969

* * *

ס׳איז אלץ אין אָוונט־בלוי פאַרזונקען —
ווי סטויגן,ביימער זעען אויס,
און שטערן, אײַליקע ווי פונקען,
פון וואָלקן פּיקן זיך אַרויס.

אַ גרוס דיר, נאַכט, בײַ מײַן צוקאָפּנס
איך פיל דײַן אויסגערוטע קעלט.
דער שלאָף — נאָך ווײַט.
צוויי הייסע טראָפּנס
איצט וואַרעמען די גרויסע וועלט.

* * *

א רעגן פּויקט אין שויב. א נײַער טאָג
זיך גליטשט איבער די נאַסע דעכער.
איעדעס צווײַגעלע האָט זיך צעפּעכערט,
און יעדער בוים, פּונקט ווי א גרינער בעכער,
זיך ציט, א גיריקער, צום וואַסער־שלאָג.

נאָר דו, ווײַזט אויס, דו האַלטסט אין מיטן שלאָף
(אַהינטער ווי:עס ליגט די שײַן פאַרשלאָסן),
דעם כאָלעם זאָלסט דערציִען ביזן סאָף —
א ליכטיקן —
פון אלעף און ביז טאָף...
אַניט וואָלט ער, דער רעגן, ניט געגאָסן.

* * *

ס׳האָט אומרו ווידער מיך באזוכט,
מיט פלאם פארשאָטנט מיר דאָס פּאָנעם,
פון ברויט און ווײַן מײַנעם פארזוכט, —
און ניט געשטילט דעם דאָרשט, אפּאָנעם, —

ארויס אין אָסיענדיקער נאכט,
אין אָנהייב ווינטערדיקן דרויסן —
פון צײַטנבײַט א טעל געמאכט,
ווי ער נאָר דאָס געוועזן וואָלט אויסן.

* * *

— זע: אַ טויעלע זיך זיפּט
אויף אַ בלאַט, ווי אויף אַ דלאָניע —
ווי אַ ליכטיקע דערמאָנונג,
ווי אַ בלוט־שטויס אונטער ריפּ.

זאָגסט: עס פּינצטערט נאָך די וועלט,
קאָנסט ניט אופּפּראַלן די וויִעס,
צודערצו, דו ווייסט ניט, ווי איז
מיר ניט נימעס אָט די שטעל:

וועקן אָן אַ מינדסטן זין,
ווי עס פּירט זיך ניט בײַ מענטשן...
— זע: עס נידערט, ווי אַ בענטשונג,
אויף די טויען דער באַגין.

* * *

די זון האָט זיך צעצונדן פרי,
אף שניי א בליאסק פארלאָרן,
אין שויב געטאָן א שעמעריר —
און טייקעף ניט געוואָרן.

און ווידער גרויקייט האָט פארוועבט
דעם שניי,
די שויב — פארשאָטנט,
נאָר סײַווי האָט די זון געלעבט
און הייס און הויך געאָטעמט.

איך האָב פאר איר דעם קאָפּ פארנויגט,
ארויס אין שטאָטס געווימל.
ניט נאכט, ניט טאָג,
און אויג־אף־אויג
די ערד רעדט מיטן הימל.

אינהאלט

זײַט

„אָ, מענטשהײַט, כ׳האָב דיך ליב פּאַרטרויט און שטום...״ 5

אין א גוטער שאָ

באנאכט 9
אָנהייב אטאקע 10
ווען יוגנט גייט אין שלאכט 11
מיר זײַנען געגאנגען 12
רידנא אוקראַינא 14
פארבײַגייענדיק 16
מיר וועלן זיך קערן 17
אפן שנייִקן פעלד 18
א נאכט באם דניעפּער 21
צוואנציק יאָר 23
אכט מעסלעס 25
אומשטערבלעכקײַט 27
מיר האָבן געשוואָרן 29
דער בעכער איז פול ווי אן אויג 30
דעם פרײַנט פון געטאָ 31
צוריק אהיים 33
די מאמע זאָגט 34
און ס׳ענטפערט דער זון 35
דאָס פערד 36
דיכטונג 37
„וווּ ביסטו געוועזן, פּאָעזיע...״ 38
„כ׳האָב קיינמאָל ניט געוווּסט, וואָס רו באטײַט...״ 39

„א פרי אזא...״ 40
„און וואָס דײַן לעבן איז...״ 41
„די וועלט — אין מאָרגן־קעלט...״ 42
„ס׳גייט אלץ צו ענד — די נאכט, דער מאָרגן...״ 43
„דער ראש פון שטאָט — אלץ ווײַטער, שטומער...״ 44
„ניט שרעק זיך פארן פראָסט...״ 45
„כ׳דערמאָן דיך אלץ אָפטער און שארפער...״ 46
„פארגעסנהײַט איז אויך א וווּנדער...״ 47
טריפּטיך 48
מײַן טאָכטער טאַמאַרן 50
„זײַ ערלעך ביזן סאָף, זײַ ערלעך...״ 51
„מעגלעך, דיר — מער קיינעם — נייטיק איז מײַן ליד...״ 52

פארוווּנדערונג

„נאָך אלץ די ריִע ניט געזעטיקט...״ 55
„פאר אײַך פאר אלעמען אן ענטפער כ׳האלט...״ 56
„די נאכט, זי זאָגט דעם טאָג ניט אויס...״ 57
„דײַן שײַער מיט טווּע אווּ איז, אווּ איז?...״ 58
„א שנייי (אזא מין אומדערוואַרטער!)...״ 59
„איך וועל קומען צו דיר אומגעריכט, ניט גערופן...״ 60
„ניט מײַנער איז געווען דײַן פרילינג...״ 61
„איך וועל דיר ניט אָנטאָן קיין שאָדן...״ 62
„אמאָל, אמאָל האָבן מילן געמאָלט...״ 63
„אווּ וועט טרעפן מיך דער שאָדן...״ 64
„איך טרעט דיר אָפּ די שטילקײַט...״ 65
„מיט יעדן טאָג איך טראכט אלץ מער...״ 66
„ניט פארגעסן כ׳וועל ביז סאָף פון לעבן...״ 68
„א זוניקער טאָג...״ 69
„א יונג מיט דלאָניעס פון א גיבער...״ 70
„און ווידער קומען אפן זינען ווערטער...״ 71
„מיר זײַנען שוין ניט יונג...״ 72

„און ווידער האָט דער וואלד מיך אָפּגעפרישט..." 73
„מיט יעדן טאָג ווערט ליבער מיר דאָס גרינס..." 74
„אָן עפּל פאלט אין סאמע שקיַע־ברען..." 75
„ווי קומט צו אונדז די קעלט, פונוואנען..." 76
„ס'איז צווישן יונג און אלט ניטאָ קיין צייכן..." 77
„די שטילקייט וועט געהערן דיר און מיר..." 78
„און רופן דיך וועל איך, און זאָגן איך וועל דיר..." 79
„און ערגעץ ווו זיי טרעפן זיך, די וויַטן..." 80
„טיַערע מיַינע, אין ליבע זיך שווערן..." 81
„איעדער מיין דיַנער, איעדער ווונק..." 82
„איר האָט געזען א בוים אין פיַער?..." 83
„פארשניטן ביזן ביין האָט יענער ווייטעק..." 84
„דער רעגן רוישט היַנט העפקערדיק, פארשיַט..." 85
„א זאמדיקער וועג צווישן שפיזיקע גראָזן..." 86
„מיר וועלן ניט ווערן — ווער פריַער, ווער שפעטער..." 87
„כ'פארבייג דעם קאָפּ פאר יעדן טאָג אדורכגעלעבטן..." 88
„אמאָל מיר האָט זיך אויך געדאכט..." 89
„דערמאָנונגען אלטע!..." 90
„פארוואָס אין וואלד אָן אָפּהילך דויערט לאנג?.." 91
נאָכאמאָל וועגן דאָן־קיכאָטן 92
„ביז דער לעוואָנע א מעהאלעך..." 94
„אָט ערשט געוועזן הארבסט..." 95
„די ראבינע איר קאלטן פיַער היט..." 96

שטילע ווערטער

„מיר ווילט זיך שטענדיק: אלץ זאָל גיין קעשורע..." 99
„די ערשטע שורע טאָמיד קומט אָן שווער..." 100
„אָט יענע — די שטומע, די שטילע..." 101
„פון פאָרנט, פון הינטן, פון אלע פיר זיַטן..." 102
„אָט אזוי — און ניט אנדערש..." 103
„און כאָטש ס'איז שווער דער מורעשקע א שטרוי..." 104

„כ'האָב פינקטלעך אָפּגעוואויגן..." 105
„דער פרי אין גליק פון שטילקייט שלאָגט..." 106
„דיביימער, פונקט ווי זינדיקע מאלאָכים..." 108
„שטיי אוף: די וועלט האָט זיך געביטן..." 109
„דיר געפעלט צי ניט געפעלט..." 110
„שענק מיר א בלאט פון יענעם בוים..." 111
„כ'באגריס דיך מיט פרילינג..." 112
„צו די אומשטערבלעכע כ'וועל ניט געהערן..." 114
„איך עלטער זיך — כ'האָב טײַנעס צו דער וועלט..." 115
„איך וועל דיר אויסזאָגן דעם עמעס..." 116
„איך וואָלט געקאָנט ניט אויסמײַדן דעם ווייטעק..." 117
„דערציייל מיר וועגן זיך, דערציייל מיר..." 118
„כ'האָב זיך געלערנט פראָסטקייט בא דער ערד..." 119
„מיר ווערן נעענטער צו יענער שוועל..." 120
„פאראן אזעלכע טונקעלע פרימאָרגנס..." 121
„די וועלט, זי האָט דערלאָזט א טאָעס..." 122
„אזא מין פרי א לופטיקער..." 123
„און ווילסט: כ'וועל באָרגן דיר דעם מאָרגן..." 124
„פאראנען ווערטער, וועלכע פרווון..." 125
„א פרווי דערנעענטערט זיך..." 127
„איך שטיי דעם קאָפּ פאריסן..." 128
„כ'וועל דיר אומקערן אלץ: דײַנע קלאָלעס און בראָכעס..." 130
„פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דיר..." 131
איך בין אזא, ווי אלע 132
רעגנבויגן 133
„איך קאָן דיר גאָרנישט ניט פארגעבן..." 134
„ס'האָט זון מיט רעגן זיך באגעגנט..." 135
טרײַשאפט 136
„איך גלייב אין אייביקייט פון גוטסקייט..." 137
„איך גיי און פרעג ניט אָן דעם וועג..." 138
אָוונט 139
דערנעענטערונג 140

ס׳וועט בלײַבן אָט אזוי 141
אייביקײַט 142
אָסיען 143
צי ווייסט דאָס הארץ 144

איין שפּעטער הארבסט

„אָ, גאָט, וואָס קאָן איך נאָך...״ 147
„דער יאם, איך שווער, איז קינדעריש פּארטאָן...״ 148
„ווי קאָן איך רויִק זײַן, ווען ס׳קראכט דער יאם...״ 149
א הארבסטיקע ליד 150
„ביז סאמען ראנד פון האָריזאָנט...״ 151
„מײַן שאָ איז אויסגעצײלט און אָפּגעוויגן...״ 152
„עס הייבט זיך אָן א נײַער קאָן...״ 153
„וואָס זײַן וועט שפּעטער — מאָרגן אָדער הײַנט...״ 154
„א רעגן שיסט מיט מאָרגנדיקן טוי...״ 155
„אָ יאָמאס־גאס, אָ יאָמאס־גאס!..״ 156
„כ׳וועל אָפּטרעטן דער צײַט מײַן וואָפן...״ 158
„מײַן שוואכקײַט איז ניט אונטערטעניק...״ 159
„פרעג מיך עפּעס לײַכטערס...״ 160
„איך קוק אין דײַנע אויגן ערנסטע...״ 161
„אין טיפסטער טיף פון דײַן נעשאָמע...״ 162
„מיט יעטווידן צאפּל, מיט יעטווידן ראָד־דריי...״ 163
„פאראן, מע זאָגט מיר, א ניטגוטער...״ 165
„און ווידעראמאָל איך באדאנק אײַך...״ 166
„ווו ביסטו אצינדער, איך קאנטן אין וועלכע...״ 167
„און אינדערעמעסן, וואָס זאָל עס הייסן...״ 168
„דו ביסט צעווישן אונדז — א ווילדער זאָמען...״ 169
א וויגליד מאריאנען 170
„איך בעט: ניט לייגט אף זיי קיין אכט...״ 171
יאן ספּארעס אָנדענק 172
„און ווידער קרייט א האָן...״ 174

„ס׳דערנעענטערט זיך די שאָ פון אונטערשטן סאכאקל...״ 176
„פארוואָס דארף איך זיך אויספּײַנען פאר זיי...״ 177
„וואָס בלײַבן וועט נאָך מיר...״ 178
„אלץ קארגער ווערט מײַן פרייד — פון טאָג צו טאָג...״ 179
„א געלער בלאט באריִרט מײַן אקסל קוים...״ 180
„זײַ מאסקים! לאָמיר גיין אין א געוועט...״ 181
„עס ענדיקט זיך דאָס בייגעלע פּאפּיר...״ 182
„דאָס פײַער לעבט אין אָפּגעקילטן אש...״ 183
„איך כידעש זיך...״ 184
„דער הימל האָט הײַנט זיך געצונדן געהיים...״ 185
„א נײַע נאכט, א לופטיקע, א יונגע...״ 186
„א מאָדנע זאך...״ 187
„און נאָך א טאָג...״ 188
„כ׳האָב וועגן דיר געטראכט, כעמינגועי...״ 189
א גרוי לידעלע 190
„ווי יונג מיר זײַנען דאן געווען, ווי נאריש...״ 191
„איך שפּיר: די צײַט אונדז האָט שוין אָפּגעשיידט...״ 193
„איך ווייס: פאראנען בעסערע פון דיר...״ 194
„אָ, שפּעטער הארבסט...״ 195
„דו האָסט דאָס רעכט...״ 196
„איר, די געקומענע פון קריג...״ 197
„דער זומער טראָגט זיך אָפּ מיט האק־און־פּאק...״ 198
„א שפּור פון א כוואליע איך זע אפן זאמד...״ 200
א וויסטער כאָלעם 201
„פון קינדהײַט אָן כ׳האָב מוירע פאר א ווינט...״ 202
„ווען ס׳הארץ דײַנס שטומט, אף ווען זיך פארופן...״ 203
„אָ, איבערזעצער מײַנע, גוטע ברידער...״ 204
„פאר אײַך כ׳בין אָפן...״ 205
„מיר האָט געדוכט זיך...״ 206
„איך זוך פארשטענדעניש מיט זיך אליין...״ 207
„בא מיר קאָנט איר פּויעלן אזוינס און אזעלעכס...״ 208
„ביט ערגער זיך, טײַערע...״ 209

„איך גלייב, אז איך וועל אויסהאלטן דעם פּרווו...״ 210
„א נײַער באנד פון מײַנע נײַע לידער...״ 211
„די לעצטע טעג פון אָט דעם הארבסט דעם שפּעטן...״ 212
„א גאנצע נאכט האָט שווער געדונערט...״ 213
„אין דײַנע ווײַסלען זינקט די זון...״ 215
„כ׳בין ניט געווען דערנאָך אין דערפל שאמקע...״ 216
„ווי דין איז ער, דער פאָדעם פון מײַן טרוים...״ 217
„אין טאָג אין מײַנעם הײַנטיקן, בארוטן...״ 218
„דו לאָזט זיך ניט פארגעסן, ביסט געדעכט...״ 219
„כ׳ווער עלטער אף א הארבסט, ווי אָט דער בוים...״ 221
„איך גרייט זיך שוין צו זאָגן „זײַט געזונט!״...״ 222
„איז לאָמיר פײַערן מײַן אָפּשייד...״ 223
„עס ענדיקט זיך מײַן הארבסט געבענטשטער...״ 224

ביזן לעצטן שווײַגן

„ווארט צו א ווײַלע — אײַל ניט, טאָג!..״ 227
„איך האָב פון לעבן ווייניק וואָס געפאָדערט...״ 228
„אָ, מענטשן, זײַט גליקלעך, ניט ווייסט פון קיין לייד...״ 229
„אלץ וועט אדורך. ניט בלײַבן וועט קיין שפּור...״ 230
„ס׳איז דען אן אוולע, וואָס אין מײַנע יאָר...״ 231
„איך שרײַב מיר נײַע שורעלעך, איך שרײַב...״ 232
„איר האָט געזען א שאָטן פון א גראָז?..״ 233
„דער שווארצער פויגל ווייסט ניט פון קיין רו...״ 234
„און אָפט, ווען מײַן פארדראָס ווערט באלעבאָס...״ 235
„א העפטל מיט אן אופשריפט „נײַע לידער״...״ 236
„ניט מיין: זיי קומען גרינג, די לידער...״ 237
„אמאָל איך פרעג בא זיך אליין...״ 238
„ער רעדט הײַנט הארב, דער שווארצער יאם...״ 239
„נו, נעם און שטעל אים שוין אוועק, דעם פונקט...״ 240
„וויפל איז דער שיר צו שרײַבן שירים...״ 241
„פאר וועמען זאָל איך אויסריידן זיך הײַנט...״ 242

„פאר אײַך װי קאָן איך זיך דערלויבן...‟ 243
„כ׳האָב אלץ פארשריבן — שװארץ אף װײַס...‟ 244
„אין טאָך געגומען, װעמען דארף עס ארן...‟ 245
„לאָמיר אָנטראכטן פרײלעכע שורעס...‟ 246
„װאָס האָבן פאר א זין די װערטער...‟ 247
„עס װעט מײַן אװעקגײן ניט אָנטאָן קײן שאָדן...‟ 248
„זע: קינדער שפּילן זיך אין הויף דערנעבן...‟ 249
„און נאָך אײן ליד, אף הײַנט — דאָס לעצטע...‟ 250
„דו זאָגסט: איך בין אף װערטער קארג...‟ 251
„איך גלײב: איר װעט פארשטײן מיך רעכט...‟ 252

הויכע שײַטערס

„דאָס בעסטע, װאָס איך האָב, ניט מיר געהערט...‟ 255
„ניט אײַל זיך, פרײַנט מײַנער, — דער װעג איז קורץ...‟ 256
„ניט אלץ, װאָס איז געװען, מע רופט „אמאָל‟...‟ 257
„אָ, לעבן מײַנס, ביסט מיר געגעבן...‟ 258
„כ׳הײב אָן דעם צער פון לעבן צו געניסן...‟ 259
„ניט כויזעק איבער מיר, מײַן פרײַנט, נאָך אלע זאכן...‟ 260
„װאָס האָסט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן װעלט...‟ 261
„כ׳האָב אָפּגעלײגט די זאָרג אף מאָרגן...‟ 262
„אזא געװיטער אומגעריכטער!..‟ 263
„דער איז א גװאר, װער ס׳איז געדולדיק...‟ 264
„הײַנט זײַנען אומרויִק די בײמער...‟ 265
„מיך שרעקט ניט אָפּ דער געגעעם...‟ 266
„יאָ, גאָרנישט װעט ניט גײן פארלאָרן...‟ 267
„עפּן זיך, עפּן זיך, װעלט...‟ 268
„ס׳איז אלץ נאָך ניט געשטילט דער האס...‟ 269
„איך האָב מיך פון דער צײַט ניט אָפּגעטײלט...‟ 270
„די הענער קרײען װי אף אן אסיפע...‟ 271
„א װינט א װאָגלער קערט מיר אום דאָס קאָל...‟ 272
„עס שיקט דיר הײַנט א גרוס, מײַן ליבער פרײַנט...‟ 273

„אײַך, טײַערע, כ׳האָב קײנמאָל ניט פאַרגעסן...” 274
„װען כ׳בין בעקױעד מיט מײַן האַרץ פאַרשטעלן...” 275
„פון אויצרעס מײַנע פעלט שוין מיר א סאַך...” 276
„איך האָב געדאַרפט אײַך זאָגן אומבאַדינגט...” 277
„מע רעדט, ס׳טרעט אָפּ א יאַם פון ברעג...” 278
„װוּ איז זי, יענע דרײסטע זעגלשיף...” 279
„א טרײסט... װער װײסט, װאָס הײסט א טרײסט?..” 280
„נאָך יאָרן אַזױפיל איך נעם ניט אין זינען...” 281
„די װעלט איז אופּגעלײגט צו הערן גוטס...” 282
„דער ערשטער שנײ ביז ערד נאָך ניט דערלאַנגט...” 283
„איך װײס, אז ערגעץ, הינטער בלױע בערג...” 284
„אַריבער אַלץ, װאָס קרום און לאָם איז...” 285
„ניט אָפּשטעלן די צײַט, ניט צושטעלן קײן לײטער...” 286
„זײַן אָנקום פּײַערט דער באַגינען...” 287
„ס׳איז נאָך ניטאָ פון דעם קײן זײכער...” 288
„דאָס ערשטע גראָז, שױן אָפּגעשניטן. ס׳ליגט...” 289
„הער צו זיך צו דעם גאַנג פון װינט...” 290
„א דולער װינט האָט גאָר די װעלט צעשױבערט...” 291
„איעדעס גרעזל שמעקט אין סטעפּ פאַרטרױט...” 292

ב ר ײ ש י ס

„זײַ אַזױ גוט: צװישן אַלערלײ זאָרגן...” 295
„דער טאָג — איך װײס — ער װעט זיך ענדיקן...” 296
„די װאָלקנס ציִען זיך, װוּהין?..” 297
„איך בין, װײַזט אױס, צופיל גלײביק...” 298
„אין װײַטער װײַט, װאָס הײסט דערמאָנונג...” 299
„דעם װאַלד נאָך אַלץ ניטאָ קײן גלײַכן!..” 300
„פאַרגעסענער ניגן...” 301
„אװוּ זיך נעמט דער װעג קײן רײַסן...” 302
„זיך אױסגעטאָן פון זאָרגן...” 303
„ס׳האָט װידער מיך פאַרפירט אין קאַנט פון אָװעס...” 304

„אמאָל אין ייִנגלשער העפקיירעס..." 305
„כאַפּט דעם גאַנעוו, כאַפּט דעם גאַנעוו..." 306
„דער דאָרשט איז ניט געשטילט..." 308
„ס'וועט גאָרנישט ניט ווערן פאַרפאַלן..." 309
„אמאָל, איר הערט, געווען כ'בין זאָרגלאָז..." 310
„דער מײַ, דער פרילינג־ערשטלינג, איז ניטאָ מער..." 311
„כ'האָב לאַנג שוין ניט געהערט קיין זאַנגען־שאָרך..." 312
„ס'האָט מיך פאַרוויגט, א גרויען אויפּל..." 313
„אזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט..." 314
„שווארצע קאַרשן רײַסן מיר..." 315
„די זעלבע זוניקײַט, די זעלבע לינדקײַט..." 316
„א ווײַטער אויסגעשריי אין וואַלד..." 317
„שוין צײַט צו ווערן שטרענג און אײַנגעהאַלטן..." 318
„פאַרגאַנגענע צײַטן, געדראָשענע זאַנגען..." 319
„איר האָט געהערט אין וואַלד א רוף?.." 320
„א טראָפּן ציטערט אף דער שויב..." 321
„אריבער ווײַסע פעלדער פון די סטרעכעס..." 322

און ווידעראַמאָל

„און ווידעראַמאָל הייב איך אָן מײַן געזאַנג..." 325
„דער וואַלד, ער גייט מיר נאָך מיט שאָרך פון קליאָנען..." 326
„איך זע דעם פרילינג — שווארץ אף ווײַס..." 327
„און נאָך א פרילינג לייגט זיך אף מײַן פּלייצע..." 328
„כ'וועל אויסהאַלטן דעם פּרווו..." 329
„אזא מין לאַנגע נאַכט, מײַן גאָט..." 330
„כ'האָב אָפּגעווינטערט נאָך א יאָר..." 331
„ס'איז אַלץ נאָך רו און אַלץ פאַרבאָרגן..." 332
„עס טרעפט: איך קאָן ניט אופרײַסן דאָס שווײַגן..." 333
אָוונט 334
„די ביימער טונקען אָפּ אין אָוונט־בלוי..." 335
„ער שטייט פאַרכושט, מיט שאַרפער שײַן געשײַערט..." 336

„כ׳האָב קיינמאָל ניט געפּרוווט די טעג די ערדישע...״ 338
„איך קאָן אײַך באַווײַזן אַזוינס און אַזעלכס...״ 339
„אָט גייט איר דורך פאַר מײַנע אויגן ווידער...״ 340

יונגער וואַנדער

„כ׳וועל איבערלאָזן דיר מײַן ליבשאַפט שטילע...״ 343
„אַריבער פערציק...״ 344
„דײַן הויט האָט מיר פאַרשמעקט מיט שניי־געראָך...״ 345
„ניט אָפּצווווענדן זיך פון דיר, ניט אָפּצוקערן...״ 346
„די נאַכט האָט אָפּגעזונדערט מיך פון דיר...״ 347
„וואָס נאָך, וואָס נאָך אין אויסגעמיש אין שטרענגן...״ 348
„צי ווייסטו דען, וואָס אַנוועד הייסט...״ 349
„א וואָלקן־פלעק אף הימלס צודעק...״ 350
„עס טרעפן זיך טעג, ווען אלץ גייט קאַפּויר, אומבאַגריפן...״ 351
„וואָס טוסטו איצטער, אין אזא מין שאָ...״ 352
„דו קאָנסט פאַרשטעלן זיך אין וואָס דו ווילסט...״ 353
„אלץ שווערער ווערט די לאַסט פון וואַרטן...״ 354
„דו זאָגסט: איך האָב זי אויסגעשעפּט, די ליבע...״ 355
„פון דײַנע הענט פון דײַנע לופּטיקע...״ 356
„כ׳האָב אײַך ניט אופגעהערט צו ליבן...״ 357
„בלינדע, פאַרליבטע, מיר זוכן א וועג...״ 358
„די וועלט מ׳דאַרף דורכגיין — דיך אף צו געפינען...״ 359
„דו ביסט אַן אַנדערע, איך ווייס — אַן אַנדערע...״ 360
„ווילסט וויסן דעם סאָף פון דער מײַסע?..״ 361
„טײַערע מײַנע, איך שווער דיר באַם ליד...״ 362
„אָט דאָרט אין יאַם, אין אויסגעמיש פון ווײַטן...״ 363
„עס האָבן מיך די בערג פאַרקלעמט...״ 364
„דו ענטפער מיר, ווי ווײַסער טאָג טוט ענטפערן...״ 365
„און ס׳הייבט זיך אָן א נײַער קאָן...״ 366
„די הייסע קוילן פון דער זון פאַרשאַרט...״ 367
„אומזיסט געוואַרט א טאָג א לאַנגן...״ 368

„כ׳האָב זיך באם אומרו נאָכגעפרעגט..." 369
„די טאָג־שײַן זיך צעפליסט ניט זיכער..." 370
„איך נעם אף זיך א גרויזאמע אכריַעס..." 371
„אין װעלכע דיך קליידער ניט קליידן..." 372
„איך שווער דיר מיט זוניקן פלאַטערן..." 373
„איך רייד צו דיר, איך טײַנע..." 374
„די װײַט, זי קלינגט, װי א באקאנטער ניגן..." 375
„דער בליץ, װאָס בלענדט פון אונטער ברעם..." 376
„װאָס בענקשאַפט הייסט..." 377
„זי װאַקסט, זי װאקסט, די ליבע יענע..." 378
„זאָג מיר נאָך די װערטער..." 379
„דו האָסט מיר אָנגעבאָטן רו — א שיינעם דאנק..." 380
„װען כ׳קריג צו אײַער הארץ א רענטגען..." 381
אף שטשיפּאטשאָװוס אָװנט 382
„איך װיל, זאָלסט לוסטיק זײַן, אפילע..." 384
„די װונד נאָך אלץ זיך ניט פארצױגן..." 385
„װאָס װייס איך װעגן דיר..." 386
„צי האָב איך טײַנעס צו דער װעלט?..." 387
„מיט יעדן טאָג דו װערסט אלץ װײַטער..." 388
„צי האָט אומענדלעכקײַט א זינען..." 389
„ניין, כ׳װעל דיך מיט דער זון ניט גלײַכן..." 390
„צום אלעם ערשטן װעל איך נעמען..." 391
„ס׳איז אונדזער בונד נאָך ניט פארצייכנט..." 392
„איך װייס ניט, װער איז ייִנגער..." 393
„װען ס׳װעט זיך אלץ פארענדיקן..." 394
„איך זוך נאָך אלץ דעם שענסטן פערל..." 395
א סענטימענטאל לידעלע 396
„מיר זײַנען אלט — ניט ייִנגער פון דער װעלט..." 397
„כ׳װעל אײַך פארבעטן אף א סודע..." 398
„א װײַלע נאָך פארבלײַב מיט מיר..." 399
„זײַ אָפן־אויגיק, אָפנהארציק..." 400
„פאראן א סאך געהיימע װעגן..." 401

„כ׳וואָלט וועלן וויסן, וואָס מיר שטייט נאָך פאָר...״ 402
„פון דיר און ביז מיר — העלף מיר, גאָט! — א מעהאלעך...״ 403
„פארגעדענק, מײַן ליבע, פארגעדענק...״ 404
„דאָס איז געווען דײַן לעצטער אָפּפאָר...״ 405
„און פּרוּוו איך שפּירן דײַן אוועקגיין...״ 406
„ווער גלייבט עס ניט אין גוטע נײַס?..״ 407
„ס׳האָט ווידער א דערמאָנונג מיך געפאנגען...״ 408
„ליבע מײַנע, דו דערמאָן מיך אָפּטער!..״ 409
„און שווער וועט זײַן מיט דיר די שיידונג...״ 410
„און ווידער בין איך אָפּגעזונדערט...״ 411
„און מאָרגן אין מאָרגן...״ 412
„און ווידער צווישן אונדז א לאנד — די ברייט...״ 413
„איך ווענד זיך צו דיר מיט א הייליקער בראָכע...״ 414
„אן אָפּגעזונדערטער פון דיר...״ 415
„ניט איבעריקס די צײַט האָט מיך געצערטלט...״ 416
„כ׳האָב דיך דערזען אמאָל אין ווײַטן כאָלעם...״ 417
„איך וואָלט א סאך, כ׳וואָלט אלצדינג אָפּגעגעבן...״ 418
„אין דײַנע אויגן זינקט דער אָוונט־פלאם...״ 419
„דיר ענטפערן — איז ווי א שאָדן אָנטאָן...״ 420

זומערדיקע קעלט

„די זומערדיקע קעלט, זי טוט מיך שרעקן...״ 423
„ס׳איז, דוכט זיך, זומערדיק און דאָך ניט זומערדיק...״ 424
„פונוואנען פליסטו, וואסער, און וווהין...״ 425
„דאָס ערשטע גראָז שוין אָפּגעזומערט...״ 426
„אין פולן ברען פון זומער־פרי...״ 427
„אזויפיל אָנהייבן מײַן לעבן...״ 428
„ניט וועק מיך אוף פון שווערן שלאָף...״ 429
„א מוירע א נײַע — א מוירע פון אָנווער...״ 430
„לאָמיר אונטערפירן א סאכאקל...״ 432
„איך ווייס די קעלט פון אָנגעצײלטע ביקסן...״ 433

„כ׳האָב הײַנט דיך צופעליק באגעגנט..." 434
„א שטאם פון א בוים איז ניט סטאם א שטאם..." 435
„דער סאָף, ער איז נאָך װײַט — איך װײס, איך װײס..." 436
„און אײנזאמקײַט איז אויך א װעזן..." 437
„װעלכע טיר כ׳זאָל אופּפראלן..." 439
„אין יאם פון יוגנטלעכן טרוים..." 440
„איך עפן טיר־און־טויער..." 442
„דער זומערדיקער צויבער גײט צו ענד..." 443
„נו װאָס, מײַן פרײַנט, איך זע: דיך אלץ נאָך װוּנדערט..." 444
„ניט אויסבאהאלטן זיי, די יאָרן..." 445
„און װאָס איז װײ?.." 446
„די פעלדער אָט יענע מיר װעלן פארבײַגײן..." 447
„גיי פרעג דעם שניי, װי לאנג ער װעט זיך װערן..." 448

צװישן שלאָף און כאָלעם

„צװישן שלאָף און כאָלעם קום צו גײן..." 451
„אינמיטן נאכט..." 452
„װיסן װילסט, װי דאָ באגינט..." 453
„ס׳טראָגט א פֿײגל א בלעטל אין שנאָבל..." 454
„דו גײסט מיט טריט מיט דריבנע פלײַסיקע..." 455
אין א שלאָפלאָזער נאכט 457
„אזא מין זאך, א קונץ אזא מין..." 458
„כ׳האָב אופגעװאכט אין מיטן פון דער נאכט..." 459
„ס׳איז אלץ אין אָװנט־בלוי פארזונקען..." 460
„א רעגן פויקט אין שויב. א נײַער טאָג..." 461
„ס׳האָט אומרו װידער מיך באזוכט..." 462
„— זע: א טויעלע זיך זיפט..." 463
„די זון האָט זיך צעצונדן פרי..." 464

Борисов Исаак Борисович

У КОСТРА ЛЕТ

(На еврейском языке)

М., «Советский писатель» 1974, 480 стр. План выпуска 1974 г. № 256. Художник *Т. И. Борисова.* Редактор *А. Б. Гонтарь.* Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор *Р. Я. Соколова.* Корректор *А. Б. Стрельник.* Сдано в набор 21/IX 1973 г. Подписано к печати 8/II 1974 г. Бумага 70×108¹/₃₂. № 1. Печ. л. 15(21). Уч.-изд. л. 9,09. Тираж 800 экз. Заказ 738. Цена 1 руб. 18 коп. Издательство «Советский писатель» Москва К-9, Б. Гнездниковский пер. 10. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

С(Евр)2
Б 82

$\frac{743\text{-}301}{083(02)\text{-}74}$ 256-74